STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06628

ERTSEHLUNGEN UN INTERVYUS

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאקסים גאָרקי.

ערצעהלונגען
און
אינטערוויוס

צווייטע אויפלאגע
1917

ליטעראַרישער פערלאג
256 איסט בראָדוויי
ניו־יאָרק.

מאקסים גארקי

ערציילונגען

מיט זיין בילד און לעבענס-בעשרייבונג.

איבערזעצט אויס דעם רוססישען

— פון —

ח. אַלעקסאנדראָוו.

Copyright by the International Library Publishing Company 1903.

צווייטע אויפלאגע 1917

אינהאַלטס-פערצייכנונג:

זייטע.

צו דיא לעזער 3
גאָרקי'ס לעבענס-בעשרייבונג 5
פאַגראָם 7
קין און אַרטעם 18
באַלעים 72
אַ בוך, וואָס לאָזט ניט שלאָפען 81
אַ ליגען 88
דער שטורם-פויגעל 91

מאַקסים גאָרקי.

(קורצע לעבענס־בעשרייבונג).

דער אמת'ער נאָמען פון בעריהמטען רוסישען שרייבער איז פ י ע ש ק אָ ו ו. ער איז געבאָרען געוואָרען אין ניזשני נאָווגאָראָד אין אן אָרעמער פאמיליע, אין 1869. ווען ער איז נאָך געווען גאָר א קינד איז ער געבליעבען א יתום—אָהן א טאַטען און אַ מאַמען. גוטע מענשען האָבען איהם אָבגעגעבען אין דער לעהרע צו אַ שוסטער. דער הונגערן און דיא קלעפּ אי פון בעל־הבית אי פון דיא שיכורים —דיא פּועלים האָבען איהם גיך דערעסען און ער איז אנטלאָפען צו אַנאַנדער בעל־מלאכה, וועלכער האָט איהם בעהאַנדעלט ניט בעסער פון דעם ערשטען. מיט דעם צווייטען בעל־טובה האָט ער אויך גיך אָבגעשלאָגען כּפּרות, און איז אָנגעקומען צו אַ מאַלער פון איקאָנעס (הייליגע בילדער). ער איז אָבער ניט לאַנג אָבגעווען ביי דער נייער מלאכה; מן הסתם האָט ער דאָ אויך קיין האָניג ניט געלעקט. ער איז אוועק פון מאַלער און געוואָרען א בעהעלפער אין קיך אויף א קליינעם דאמפפשיף, וואָס האָט געמאַכט נסיעות אויף דער וואָלגאַ. פון שיף איז ער אריבער ארבייטען אין א גאָרטען, וואו ער איז געוואָרען ארויסגעצויגען; ער האָט געטהאָן כל עבודת פּרך און גערקראָגען קלעגליכע שכירות. ער איז דאמאָלט אַלט געווען א יאָהר 15 און האָט קאַם געקענט לייענען און שרייבען.

זיין ערשטער רבי איז געווען דער קובער פון שיף, וואו ער האט געארבייט פאר א בעהעלפער. דער קובער האט האלט געהאט צו לייענען און האט בעקאנט געמאכט זיין בעהעלפער מיט דיא ווערק פון גאָגאָל, גליעב אוספּענסקי און אנדערע גרויסע רוסישע שרייבער. א נייע וועלט האט זיך געעפענט פאר דיא אויגען פון אָרעמען פערוואָגעלטען יתום, און עס האט זיך איהם פערוואָלט צו לערנען. ער איז אוועק אין קאזאן. אָבער דאָרטען האט ער זיך דער־וואוסט באלד נאָך זיין קומען, אז פאר דיא פּירות פון עץ הדעת דארף מען בעצאהלען מיט מזומנים. ער האט ניט געהאט ביי דער נשמה אפילו קיין פערשימעלטע מטבעה אויך ניט—און פון לערנען איז שוין קיין רייד ניט געווען. ער איז אנגעקומען אין א בעקעריי, וואו ער האט געקנאָטען דיא טייג און געבאקט בייגעל פאר 3 רובעל א חודש, און געארבייט האט ער פון 16 ביז 18 שעה א טאָג. ער האט לאנג ניט געקאָנט אויסהאלטען אזא פינסטערען לעבען. ער האט געטרוימט פון דער פרייער לופט און איז געוואָרען א „באָסיאק“. מיר טרעפען איהם אין דיא סטעפּען פון נאָוואָראָסיא, אין דעם האפען פון אָדעס, וואו ער שלעפּט זעק, ביי דער ארבייט אין מיהלען' אויף אייזענבאהנען, אויף פעלדער, אין דיא שמוציגע קווארטאלען פון גרויסע שטעדט, וואו ער האנדעלט מיט קוואס און עפּעל א. ד. ג.

אָבער דיא גאנצע צייט פון זיין גלות הערט ער ניט אויף צו לייענען און צו לערנען זיך. ניט איין מאָל איז ער געווען נאָהענט צו זעלבסט־מאָרד, און נאָר זיין שטארקער ווילען האט איהם אָבגע־האלטען פון א האנדלונג, וואס וואָלט צוגענומען פון דער וועלט איינעם פון דיא גרעסטע קינסטלער.

זיין ערשטע ערציילונג, וואס האט דערזעהען דיא וועלט, איז געווען „מאקאר טשודרא“. זיא איז געווען אָבגעדרוקט אין 1892, און פון יענער צייט אָן האט ער אָנגעשריעבען העכער פון 30 ערציילונגען' צוויי גרויסע ראָמאנען: „פאָמא גאָרדיעיעוו“ און דיא „דריי חברים“ און צוויי דראמע: „דיא קליינבירגער“ (מיעשטשאנע) און „אויפ'ן דעק“.

ח. אל.

דער פּאָגראָם*)

דיא מעשה האט פּאסירט מיט א יאָהר 15 צוריק. איך האב דעמאָלט געלעבט אין א שטאָדט אויף דער וואָלגא.

עס איז געווען א הייסער טאָג אין יוני. פון אין דער פריה אָן האָב איך פערבראכט אונטען ביים טייך. איך האָב געהאַט אויסצושמירען מיט זענעביץ א פלאַכעס שיפעל, און עס איז שוין געווען ארום מיטאָג צייט, ווען ערגיץ אין דער פאָרשטאָדט, הינטער מיר, האָט זיך מיט א מאָל אויפגעהויבען א דערשטיקטער בייזער ליארעם, וואָס מען האט געקענט אננעהמען פון וויטען פאר א געשריי פון הונגעריגע אָקסען. איך בין אליין אויך געווען הונגעריג, כ'האָב געוואָלט וואס גיכער ענדיגען מיין ארבייט און תחילת האב איך זיך ווייניג געקימערט מיט דעם וויטען געפילדער, אָבער דאָך האָט ער געוואקסען מיט יעדער סעקונדע, זיך אויסברייטענדיג אזוי וויא א רויך, בעת עס ברעכט אויס א שרפה.

אין דער הייסער לופט איבער דער פאָרשטאָדט איז געשטאנען א וואָלקען פון שטויב. איך האב זיך איינגעקוקט אין יענע זייט,

---

*) גאָרקי'ס ערצעהלונג איז ערשיענען אין דעם בוך, וואָס רוססישע שרייבער און געלעהרטע האבען ארויסגעלאָזען צום גונסטען פון דער הונגער־ליידענדער אידישער בעפעלקערונג אין זיד־רוסלאַנד. גאָרקי בעשרייבט איין אמת'ען פאַקט, דעם פּאָגראָם, וואָס האָט פּאַסירט אין ניזשני נאָווגאָראָד אין 1884. דער אמת'ער נאָמען פון געהרג'עטען פּאָדריאדטשיק זעלמאן פון דער ערצעהלונג איז געווען דייטשעלמאן.

און עס האָט זיך מיר געגומען דוכטען, אז דיא לופט האָבען אָנגע־פילט צוזאמען מיט׳ן שטויב, וואָס האָט זיך געהויבען פון דער ערד׳ אויף פערשיעדענע קולות, און דיא קולות האָבען זיך געטראָגען פון הונדערטע מיילער, דער שטויב איז געוואָרען וואס א מינוט געדיכ־טער, דיא פערשיעדענע קולות אַלץ העכער, דיא ערד האט געצי־טערט, אין דער זעלבער צייט האט אויך גענומען ציטערען מיין האַרץ, און איך האָב געפיהלט, אז עס רוקט זיך אָן עפּעס א שרעק, אן אונגליק....

איך האב אוועקגעוואָרפען מיין ארבייט, ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן זאמדיגען ברעג און זיך ארומגעקוקט: פון אַלע הייזער פון דיא טהירען און טהויערן האבען געשפרונגען מענשען און זיינען געלאָפען איבער דער גאַס, ערגעץ ווייטער אין מיטען פאָרשטאָדט; הינד און קינדער זיינען מיטגעלאָפען; בעאונרוהיגטע טויבען האבען זיך געטראָ־גען איבער דיא קעפּ; היהנער האבען זיך געדרעהט אונטער דיא פיס. דיא אַלגעמיינע אויפרעגונג האט מיך אויך פערכאפּט און איך בין מיטגעלאָפען.

„אויף דער יעליזאוועטינסקאיא איז א פּאָגראָם!״ האָט אימי־צער א געשריי געטהאָן.

גלייך אנטקעגען דער לויפענדער מאַסע איבער דער ניט־ברוקירטער גאַס איז געפלויגען א לאָמאָוואָי איזוואָשטשיק שלאָגענדיג מיט רשעת מיט דער לאַנגער לייצע זיין פערד און האט געברומט וויא א לייב מיט אַלע זיינע כחות:

„אונזערע קריעגען קלעפּ!.... איידא, פּעק־טרעגער!

איך האב זיך פערקירעוועט אין א שמאָלען זאַוואולאָק און בין געבליבען שטעהן.

דער זאַוואולאָק איז געווען שרעקליך געפּאַקט מיט מענשען. פּאַר אונז, עפּיס ערגיץ ווייט, האט זיך געטראָגען א ווילדער גע־שריי פון מענשליכע קולות. מען האָט געקאָנט הערען, וויא עס קלינגען צוקלאפּטע שויבען, וויא עפּיס פאַלט איין מיט א געוואַלדיגען גערויש, וויא שווערע קלעפּ האקען דיא לופט; איינצעלנע קולות האבען זיך וויא וואָלקענס צוזאמענגעגאָסען אין איינעם.

„דאס הרג'עט מען דיא אידען‟, האט געזאָגט מיט א צופריעדענעם טאָן אן אלטער מאן, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ ריין און אַנשטענדיג; ער האט געריבען זיינע קליינע מיט קנייטשען דורכגעגעסענע הענד; „זיי האָבען דאָס כשר פערדיענט‟.

איך האב זיך דורכגעשלאָגען פאָראויס, נעהנטער צום ליארעם, וועלכער האט מיך געצויגען צו זיך מיט א מאָדנער קראַפט און האט מיר אויפגערעגט דיא נערוועז. און ניט נאָר מיך אליין האט ער צו זיך געצויגען, דער שוידערליכער ליארעם; ער האט אין זיך אריינגעצויגען אלעמען אזוי וויא א זומפּ.

דיא פּנים'ער, וואָס איך האָב פאַר זיך דערזעהען, האָבען אלע געטראָגען אויף זיך דעם אויסדרוק פון א טיעפען זינלאָזען האַס; דיא אויגען האבען ביי אלעמען געבליסטשעט אזוי משונה'דיג ווילד און זשעדנע; דיא שווערע געדיכטע מאַסע האט זיך געטראָגען פאָראויס און איז געווען קאַפּאַבל צו פערניכטען אלץ ארום זיך; יעדער איינציגער איז געווען קאַפּאַבל אומצואוואַרפען דעם פאָדערשטען, איהם צו טרעטען אונטער דיא פיס, דערשטיקען און דערווערגען.

איך בין אריינגעלאָפען אין א הויף, פון דאָרטען בין איך אריבערגעשפּרונגען איבער'ן פלאַנקען אין אן אנדער הויף, פון דאַנען נאָך אין צוויי הויפען, — און איך בין ווידער געווען אין א געדיכטער מאַסע מענשען. זיי האָבען אָנגעפּאַקט דעם איינגען פערבויטען הויף פון א גרויסען שטיינערנעם הויז, און דיא ערד האט ביי זיי פשוט געציטערט אונטער דיא פיס. פעררייסען דיא קעפּ האַבען זיי עפּעס געברומט אזוי וויא דער טייוועל וואָלט אין זיי אריין. דיא פּנים'ער זיינען געווען רויט, צווישען דיא אָפענע ליפּען האבען געבלישצעט דיא ציינער, דיא הענד האָבען זיי געוואָרפען אין אלע זייטען, האָבען זיך געשטופּט פאָראויס, געשטויסען, געקלעטערט אויף דיא דעכער פון דיא ניעדריגע הייזער אין דיא געהעפטען, ארונטערגעפאלען און ווייטער געקלעטערט. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס יעדער איינציגער האָט זיך, דוכט זיך, געשטויסען אין א בעזונדערע זייט, האָבען אלע דאָך געהאַט עפּעס א כלל־געפיהל; דער מענש

איז געוואָרען אן אבר פון איין איינציגען אונגעהויערען קערפּער, וואָס האָט געלעבט מיט דער זעלביגער געוואַלדיגער קראַפט.

אויפ'ן דאך פון הויז, ביי דעם קוימען, הויך איבער דער גע־דיכטער מאַסע מענשען, וואָס דער האַס האָט צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין חיה, איז געשטאַנען א הויכוויקסיגער דארער איד. ער האָט געריסען מיט דיא פינגער דיא ציגעל פון קוימען און האָט זיי איינס נאָכ'ן אנדערען געשליידערט אונטען; ער האָט דערביי געשריען אונ־פערשטענדליכע ווערטער מיט א שאַרפער שטימע, וואָס האָט גע־קלונגען וויא דיא שטימע פון דער ווילדער מאַסע אונטען. זיין לאַנגע גראָע באָרד האָט זיך געשאָקעלט, זיינע ווייסע הויזען זיינען געווען בעדעקט מיט רויטע פלעקען.

צו איהם אויבען האָבען זיך געטראָגען שרעקליכע בייזע גע־שרייען:

„שיסט איהם ארונטער פון דאָרטען!

„גיט אהער א ביקס! ווארפט אויף איהם שטיינער!

„קלעטערט צו איהם ארויף!

אין שטוב דורך דיא פענסטער האָבען זיך געזעהען דונקעלע פיגורען. דאָס זיינען געווען דיא פּאַגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבען צוטראַסקעט דיא ראַהמען און געוואָרפען פון אינעווייניג אין הויף אַלערהאַנד זאַכען.

א בחור'ל מיט געגרייזעלטע האָר און א ברייטען מויל האָט צוגעשלעפּט צום פענסטער א שפּיעגעל, איהם אויפגעהויבען אין דער הויך און א געשריי געטהאָן:

„איידאַ, היט זיך!"

דער שפּיעגעל האָט א בלישצע געגעבען אין דעם שיין פון דער זון און איז געפאַלען אויף דר'ערד. דער בחור'ל האָט זיך אריבערגע־בויגען דורכ'ן פענסטער און האָט איהם בעגלייט מיט דיא אויגען. זיין ברייטער פּנים האָט געטראָגען איין ערנסטען, פערזאָרגטען אויס־דרוק, אָבער אָהן דעם מינדעסטען סליאַד פון רשעת. ביי א צווייטען פענסטער האָט זיך בעוויעזען א יונג מיט א שווארצען באָרד, מיט

א קיסען אין האנד. איין ריס—און א געדיכטער ווייסער וואָלקען פון פעדערן האָט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען.

„עס שנעעט, ברידער, זעהט, אז איהר זאָלט ניט אָבפריהרען דיא נעזער!“ האָט א געשריי געטהאָן דער יאָלד, ווען דיא פעדערען זיינען געפאַלען אויף דיא קעפּ.

אויפ'ן הויף האָבען זיך דערהערט קולות.

— אהער! איינער האָט געפונען אין א טון אידישע קינדער.

— הרג'עט זיי אוועק!

— מיט דיא שארבענס אָן וואנד!

— העי, דוא, אלטער זשיד! געה־זשע ארונטער! מען האָט געפונען דיינע אייניקלעך!

— קריך ארונטער פון דאך, אויב ניט דערשלאָגען מיר דיינע ממזרים!

אין דער לופט האט זיך דורכגעטראָגען א קינדערשער געשריי —דאָס איז געווען א שרעקליכער קול, וואָס האָט דורכגעשניטען דעם פערשטיקטען ליארעם פון דער מאַסע, אזוי וויא א בליץ שניידט דורך דיא וואָלקענס. און דער ליארעם איז געוואָרען א ביסעל שוואכער.

— ריהרט זיי ניט אָן! האָט אימיצער א געשריי געטהאָן.

— לאָזט דיא קינדער צורוה!

— שלאָגען דארף מען דיא עלטערע!

עס האָט זיך ווידער דערהערט א קינדערשער קול'כעל, דין און שארף, וואָס האָט א שניט געטהאָן אין הארצען און האָט בעטויבט מעהר וויא אלע אנדערע קולות צוזאמען.

— זיך צושלאָגען דעם קאָפּ?

— ניין, צודריקט דיא פיס!

— דאָס איז א ביסעל איין אַלטער שד!

— אנטיפּ, קום ארויף אויבען — ארונטערוואַרפען דעם אַלטען זשיד!

צוויי פעק־טרעגער, אמת'ע גבורים האָבען זיך דורכגעשטופּט דורך דיא מאַסע און האָבען גענומען קלעטערן אויפ'ן דאך.

אין א פענסטער האָט זיך ווידער בעוויזען דער בחור'ל מיט דיא רויטע באַקען און ערנסטען געזיכט. ער האָט זיך געמאַטערט ארויסצושטופען דורכ'ן פענסטער אַן אַלמער אָדער א קאַסטען און האָט א געשריי געטהאָן צו דיא מענשען אונטען אין הויף:

— קינדער, כאַפּט, ס'איז געפעס!

דער קאַסטען האָט אָבער ניט געקאָנט דורכגעהען דורכ'ן פענ-סטער. דער בחור'ל האָט איהם אָבגעשלעפּט צוריק, איז אויף איין רגע פערשוואונדען געוואָרען, האָט זיך ווידער בעוויזען אין פענסטער און א געשריי געטהאָן, אויסציהענדיג דיא ווערטער:

— הי־י־י־י־ט — זי־י־י־יך!

אונטען איז ארונטערגעפאַלען מיט א בראַזג א הויפען טעלער, דערנאָך איז אראָבגעפלויגען א בלאַנק־געפּוצטער סאַמאָוואר. דיא מענשען אין הויף זיינען אָבגעשפּרונגען אָן א זייט, פערשטעלט דעם קאָפּ מיט דיא הענד און זיך געקייקעלט פון געלעכטער. א דיקער פויערל מיט רויטע האָר האָט אויפגעהויבען דעם סאַמאָוואר, האָט איהם א וואָרף געטהאָן אין דער הויף און דערנאָך ווידער אויף דר'ערד און האָט איהם אָנגעהויבען צו טרעטען מיט דיא פיס. אויפ'ן דאַך האָט זיך דערהערט א שרעקליכער געשריי.... אַלע האָבען א קוק געטהאָן אויבען. דאָס בלעך פון דאַך האָט געבראַזגעט. אימיצען האָט מען פון דאָרטען געריסען מיט אַלע כחות. עטליכע סעקונדען איז דער מענש געהאַנגען אין דער לופטען, ציטערנדיג מיט אַלע אברים, דערנאָך האָט ער זיך אָבגעריסען און איז מיט א געשריי אראָבגע-פלויגען אונטען. עס האָט זיך דערהערט א העסליכער, ווייכער קלאַנג....

איך בין ארויסגעלאָפען פון הויף און הינטער מיר האָט גע-הילכט א ברומעריי מיט נצחון:

— אַה — אַה — אַה!....

— אהאַ... אַה!... דאָ האָבען מיר איהם געפּאַקט!

אין גאַס האָט מען געבראָכען טישען און שטוהלען, געהאַקט קאַסטענס, מיט געלעכטער און לצנות געריסען בגדים. ארום האָבען זיך געטראָגען פעדערן, פו דיא פענסטער פון צוויי הייזער זיינען

געפלויגען קיסענס, קערב, שטיקלעך מעבעל· דיא מאסע איז פער־כאפּט געוואָרען פון ווילדען צושטערונגס־גייסט, און זיא האָט גע־כאפּט דיא זאכען, געריסען זיי, געבראָכען אויף דער העלפט, געטראָטען אונטער דיא פיס.... צוויי פרויען, בעדעקט מיט טייכען שוויס, רויט וויא אינדיקעס, האבען זיך פעסט איינגעריסען מיט דיא הענד אין א קאַסטען און איהם געשלעפּט יעדערע צו זיך. פוך און פעדערען זיינען זיי געפלויגען ארום דיא קעפּ. דיא פרויען האָבען עפּעס געשריען איינע דער צווייטער אין פּנים אריין, אָבער וואָס — האָט מען ניט געקאָנט הערען; דיא קולות זיינען פערשטיקט געוואָרען דורכ׳ן קראַך פון האַלץ, דורך דעם ווילדען גערויש פון דער מאַסע און דער עיקר דורך דעם העסליכען געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגען פון דיא פענסטער פון הויז.

א פויער, הויך און שטארק וויא א גבור, איז פערבייגעגאַנגען לעבען מיר, אין א צוריסענער העמד און אָהן א היטעל, דיא האָר זיינען געווען ביי איהם צוואוואָרפען און איבער׳ן שמוציגען געזיכט האָט געראָנען בלוט, וואָס איז געווען דיק און במעט שוואַרץ. ער האָט געמאַכט מיט דיא הענד, און א תמ׳עוואַטער שמייכעל איז געלעגען אויף זיינע ליפּען. ער האָט זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסען אָן א פּאָנאָר. ער האָט איהם תיכף ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענד, זיך אָנגע־שפּאַרט אָן איהם מיט זיין ברייטער ברוסט, און גענומען איהם טרייסלען. דער פּאָנאַר האָט זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און איז איינגעפאַלען. „אָט אזוי״, האָט א געשריי געטהאָן א צווייטער פויער, איז צוגעלאָפען, האָט געכאַפּט דעם פּאָנאַר און איז געפאַלען מיט איהם צוזאמען.

מיט א מאָל האָט זיך בעוויעזען אין דער מאַסע, וויא א טויב אין א וואָלקען פון רויך, א מיידעל אין צעריסענע קליידער, מיט פונאנדערגעלאָזענע האָר. זיא איז געלאָפען מיט איין איינגעבויגענעם קאָפּ, דאָס געזיכט בלאַס וויא שנעע, דיא אויגען ברייט אויפגעריסען.

„הרג׳עט זיא אוועק, דיא זשידאָווקא!״ האָט געברומט א שטי־מע, און דאָס מיידעל איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער לעבענ־דיגער מאַסע, וויא א צוקערקע אונטער פליעגען. איבער איהר איז

באלד געוואָרען א מישמאַש פון מענשליכע קערפּער; מען האָט גע־קאָנט זעהן אויפגעהויבענע קולאַקעס; דיא לופט האָט זיך אָנגעפּילט מיט א מאָדנעם תאוה׳דיגען קרעכצען, מיט גראָבע ווערטער, שימ־פּפערייען, פייפעריי, מיט׳ן קלאַנג פון שטאַרקע קלעפּ, — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין ווילדען, רשעות׳דיגען קול פון נצחון...

„פלאַץ! זעלמאַן קומט צופאָהרען!״ האָט זיך דערהערט אין דער מינוט פון א רעדעל מענשען, וועלכע האָבען עפּעס געשלעפּט איבער דיא שטיינער. דאָס „עפּעס״ איז געווען א מענש אָדער דער קערפּער פון א מענשען, א האַלב נאַקעטער, מאָגערער קערפּער, צו־קוועטשט, צוריסען, פון קאָפּ ביז דיא פיס בעדעקט מיט בלוט און שמוץ. צו זעלמאַנ׳ס פוס איז געווען צוגעבונדען א שטריק, מיט וועלכען מען האָט איהם געשלעפּט איבער דיא שטיינער פון גאַס, און א ברייטער פּאַס בלוט האָט בעצייכענט דעם וועג. צווישען דיא פלייצעס האָט זיך געשלעפּט א שטיק פלייש, צוזעצט, בעגאָסען מיט בלוט, און צוזאַמען מיט דיא לאַנגע, מאָגערע הענד האָט זיך דאָס געשלאָגען אָן דיא שטיינער...

א גאַס יונג איז צוגעלאָפען און ארויפגעשפּרונגען אויפ׳ן קער־פּער. זיינע פיס זיינען איינגעזונקען געוואָרען אין דיא ווייכע שטיקער פלייש, ער האָט פערלאָרען דאָס גלייכגעוויכט און איז געפאַלען. אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. זעלמאַן איז געווען א רייכער פּאָדריאַדטשיק. איך האָב איהם אָפט געזעהען פאַר זיין לעבען. אָבער דאָס, וואָס האָט זיך יעצט געשלעפּט פאַר מיינע אויגען אין גאַס האָט ניט געהאַט קיין שום עהנליכקייט ניט מיט איהם און ניט איבערהויפּט מיט א מענשען.

גאַנץ פערהילכט דורך דעם, וואָס איז פאַר מיר פאָרגעקומען, שיער דערשטיקט פון שטויב, האָב איך זיך געשלעפּט נאָך דער מאַסע, וויא א שפּענדעל שלעפּט זיך אויף א טייך נאָכ׳ן שטראָם וואַסער, און אַלץ, וואָס איך האָב געזעהען, איז מיר פאָרגעקומען וויא א שרעקליכער חלום. דאָרטען, אויף א ניעדעריגען רינשטאָק וואָס געהט פון דאַך, איז געבליעבען הייגנען א וויסער אונטערראָק; ער שוועבט הויך אין דער לופטען, און איינע אָן אַלטינקע שטעלט זיך

אויף דיא שפּיץ פינגער און שטרעקט אויס דיא דאַרע ברוינע האנד און וויל איהם כאַפּען. א בעוואַקסענער פּעק־טרעגער סטאַרעוועט זיך ארויפצושפּארען א סאַמעטענע היטעל אויף זיין ברייטען קאָפּ. גאַסען־קינדער לויפען נאָך דיא עלטערע, קלייבען שטיקלעך פון דיא צובראָכענע שפּיעגלען, און איינער פון זיי כאַפּט שפּרינגענדיג דיא פעדערן, וואָס פליהען ארום אין דער לופטען.

עס קומט צולויפען א פּאָליציסט; ער כאַפּט ארויס דעם שווערד פון שייד, אָבער מען לאַכט איהם אויס, און פון הינטער'י הערעי זיך געשרייען:

„האַלט איהם!"

„לאָזט איהם ניט דורכגעהן!"

איינער ווארפט איהם אונטער דיא פיס א צובראָכענעם קעסטעל, און דער פּאָליציסט פאַלט איבער איהם. א הויכער גע־לעכטער שיסט אויס אין דער מאַסע.

איך טהו א קוק אויף דר'ערד; ביי מיינע פיס ליעגט אַ שטיק פערבלוטיגטע הויט בעדעקט מיט האָר...

„אהער, אהער, איהר מענשען!"

דער געשריי קומט פון הויף. דיא מאַסע שטופּט זיך אהין אריין דורכ'ן טויער. עס טראָגט זיך א ברומעריי, הוזשעריי, פייפעריי — א ריכטיגער גיהנם.

„שלאָגט זיא! שלאָ־אָ־אָגט זיא!" שרייט מען.

אין הויז, אינוועניג, אויפ'ן צווייטען גאָרן, פויקט איינער מיט א ברעכשטאַנג, זיך סטאַרעוועדיג דורכצומויערען דיא וואנד צווישען צוויי פענסטער. שטיקלעך קאַלך און ציעגעל ברעקלען זיך און פאַלען ארונטער, נאָך זיי ציעהט זיך א ווייסער וואָלקען שטויב. פון א פענ־סטער פליהט א טאָץ, דרעהט זיך אום אין דער לופטען און פאַלט אויפ'ן קאָפּ א דיקער פרוי. דיא פרוי בויגט זיך איין אין צווייען, ארויסלאָזענדיג א הילכעדיגען קוויטש.

„קאָזאַקען!"

„לויפט, ברידער!"

„קאָזאַקען קומען!"

אויפ'ן עק גאס בעוויזען זיך קעפּ פון פערד, בלויע קאָזאַצקע היטלעך, קאזאצקע נאגאיקעס, און א הויכע הילכעדיגע שטימע קאמאנדירט:

"דריי אין א רייהע—ביעגאָם מארש!"

א הויפען ציגעל פאלט אויפ'ן טראָטואר. דיא וואנד צווישען דיא צוויי פענסטער איז דורכגעבראָכען, און באלד נאָכדעם רוקט זיך דורך פּאמעלאַך דורך דיא פאָרמלאָזע לאָך אין וואנד א גרויסער אלמער ער שאָקעלט זיך, קריכט אזוי וויא געגען זיין אייגענעם וויללען, האקט זיך אָב ביי א קאַרניז, דרעהט זיך אום און פאלט ארונטער אויף דיא שטיי-נער מיט א גוואלדיגען קראך. דיא לופט ווערט אָנגעפילט מיט א ווילדען גערויש, וואָס האלט אָן אַ לאַנגע צייט, און עס דוכט זיך, אז א שטראָם טראָגט זיך אונטער דער ערד, בעדעקט מיט שוים, אין א ווילדען גרימצאָרן, זיך רייסענדיג פון זיין געלעגער אויבען ארויף, דרויסען...

דיא מאַסע לויפט אונטער דיא קלעפּ פון דיא נאגאיקעס און פון דיא פיס פון דיא פערד. זיא לויפט וויא א סטאדע שעפּסען, נאריש, בלינד. מען קען זיך לייכט בעהאלטען אין דיא הויפען, ארי-בערשפּרינגען פּארקענס, דאָך לויפען זייא אַלע פּאזע דיא גאס, אונ-טערשטעלענדיג זייערע קעפּ, רוקענס און פּלייצעס אונטער דיא שארפע קלעפּ. א קרעפּטיגער פּאַק-טרעגער מיט א געגרייזעלטען קאָפּ קעהרט זיך פּלוצלונג אום, גיט א פערד אַ גוואַלדיגען טראַסק אין מאָרדע, און ווערט פערשוואונדען אין דער געדיכטער מאַסע קאָזאקען. און אויפ'ן פּלאַץ, וואו ער איז פערשוואונדען געוואָרען, זשווזשען אָהן איין אויפהער דיא קאָזאצקע נאגאיקעס. דיא קאָזאקען רייטען ווייטער, א פערד ביי א פערד, וויא א פעסטע וואנד, און דיא מענשען אין גאס לויפען וויא משוגעים, שטופּענדיג און שטויסענדיג [illegible] איינער דעם צווייטען.

„ווארפט שטיינער אויף דיא קאָזאקען!"

פּאר דיא קאַפּיטעס פון א פערד ווארפט זיך א פרוי, האלב נאקעט, בעגאָסען מיט בלוט. זיא איז ערשינען גאנץ פּלוצלונג, אזוי וויא זיא וואָלט ארויס פון דער ערד; מיט א שוידערליכען געוויין כאַפּט זיא אָן דעם פוס פון פאָדערשטען קאָזאק.

„לויפט ! לוי־י־י־פט !"

„שטעהט !"

„שלאָגט דיא קאָזאקען !"

דיא מאסע שרייט עס אוים און—לויפט ווייטער, וויא א בערג־שטראָם, ניט אָבשטעלענדיג זיך אויף איין רגע. דיא לופט איז אָנגע־פיהלט מיט דיא קלעפ פון דיא קאפּיטעס, וועלכע קלינגען איבער דיא שטיינער. דיא פערד קענען זיך קוים בעוועגען דורך דיא שטיקלעך מעבעל און גאנצע בערג צוריסענע מלבושים, וועלכע ליעגען זיי אונטער דיא פים. דיא פערד שטעלען זיך אויף דיא הינטערשטע פים. דיא מאסע בלייבט שטעהן און קעהרט זיך אום צו דיא קאָזאקען.

„פופציג מאן ארונטער פון דיא פערד !„

דיא מאסע ברומט און ווארט. אָבער הינטער איהר, אויפ'ן אנדערן עק גאס, בעווייזען זיך אויף פּאָליציסטען און קאָזאקען צופוס. דאָן פאנגט מען אָהן צו שפּרינגען איבער דיא פּארקענס, אריינ־צולויפען אין דיא הויפען; דיא קאָזאקען לויפען נאָך און מאכען ארעסטען. נאָר וואָס איז געווען דיא מאסע א ווילדע חיה, וועלכע האָט אָהן רחמנות, אָהן פערשטאַנד ערמאָרדעט און געפּייניגט גאַנץ אונשולדיגע מענשען, און יעצט זיינען דיא בעסטיען ניט מעהר וויא טרוסען, קאָזאקען און פּאָליציסטען בעפאָלען דיא לויפענדע אויך אונזיניג און אָהן מיטלייד, דיא פערפאָלגטע לויפען איבער דיא גאסען וויא פייגלינגע, מיט קללות און שימפּפערייען.

אין אָבענד, בעת איך בין פארבייגעגאנגען אויפ'ן באַזאר א קאָזאצקען פּיקעט, האָב איך געהערט, וויא איינער פון דיא קאָזאקען האָט געזאָגט צום צווייטען:

„מען זאָגט, אז עס זיינען דערהרג'עט געוואָרען פערצעהן זשידעס !"

דער צווייטער האָט גאָר ניט געענטפערט און גלייכגילטיג גע־רויבערט זיין פּיפּקע.

קין און אַרטעם.

קין איז געווען א קליינוואוקסיגער, לעבעדיגער אידעל, מיט א שפיצינגען קאָפּ, מיט א געלען דארען פּנים, דיא ביינער פון דיא באַקען און דיא מאָרדע זיינען געווען בעוואַקסען מיט קופּקעס געלע הארטע האָאר, און דער פּנים האט אויסגעזעהן אזוי, וויא ער וואָלט ארויסקוקען פון א'ן אַלטען ארומגעריסענעם ראַמען פון פּליוש, וואס זיין צודעק פון אויבען וואלט געווען דער קאָזירעק פון א פערשמירטע היטעל.

פון אונטער'ן קאָזירעק און דיא געלע גאר וויא אויסגעפּליקטע ברעמען, האבען געבלישצעט קליינצינקע גראָע אויגלעך. זייא פלעגען זיך זעהר זעלטען אָבשטעלען אויף איין זאַך א לאַנגע צייט; זיי פּלעגען אָן א'ן אויפהער שנעל לויפען פון איין זייט אין דיא אנדערע און אומעטום האבען זייא געווארפען שמייכעלעך—מיט פּחד, מיט חניפת, מיט א זוכענים פון חן און חסד.

איטליכער, וואס האט געזעהען דיא דאזיגע שמייכעלעך, האָט פערשטאַנען באלד אויפ'ן אָרט, אז דאס עיקר-געפיהל פון מענשען, וועלכער קען אזוי שמייכלען,—איז דאס, וואס יענער האט מורא פאר אלץ און פאר אלעמען, און אין איין רגע קען ער פערציטערט ווערען פון שרעק וויא א בלאט פון בוים. און דעריבער, ווער עס האט זיך נאר ניט געפוילט, האט נאך מעהר פערשטארקט מיט רשעות'דיגע לצנות און א שנעל אין נאז דעם דאזיגען געפיהל פון דעם אידען, א געפיהל, וואס איז געווען תמיד אנגעשטריינגט און האט דורכגעדרונגען ניט נאר זיינע נערוועז, אבער משמעות אפילו דיא פאליעז

פון דעם פאַרוסינעווען אנצוג, וואס האט בעדעקט זיין אויסגעדאַרטען גוף פון אויבען ביז אראפּ און האט אויך אייביג געציטערט.

דעם אידענ'ס נאמען איז געווען חיים אהרן פורוויין; אבער גערופען האט מען איהם קין. דאס איז איינפאַכער וויא חיים; דער נאָמען קין איז מעהר בעקאנט צווישען מענשען און אין איהם ליעגט א גרויסע מאָס פון בעליידיגונג. דער נאמען איז אפילו ניט געגאנגען צוא דעם קליינעם, דערשראָקענעם און שוואַכען מענשעל, אבער יעדערן האט זיך געדאַכט, אז דער דאזיגער נאמען מאלט אב גאנץ דייטליך דעם גוף און דיא נשמה פון אידען און פאר איין גאנג בעליידיגט ער איהם.

ער האט געלעבט צווישען מענשען, וועלכע זיינען געווען שלים־מזל'ניקעס, און פאר אזעלכע איז אלע מאהל א גרויסער פערגעניגען צו בעליידיגען דעם צווייטען, און זייא ווייסען אויך, וויא אזוי דאס צו טהאָן, ווייל לעת עתה קענען זייא בלויז אויף אזא'ן אויפ'ן זיך מתנקם זיין פאר זייערע קריוודעס, און בעליידיגען קינ'ען איז געווען גרינג. ווע מען האט מיט איהם געטריבען לצנות, האט ער מעהר ניט וויא געש־מייכעלט, און זיין שמייכלען איז געווען פון א מענשען, וועלכער האט יך אין עפּעס פערזינדיגט; צייטענווייז האט ער זיינע בעליידינער נאך אליין אונטערגעהאלפען צו מאכען שפּאַס פון איהם; דאס איז געווען א מין האנדגעלד, וואס ער האט געגעבען דיא מענשען פאר דאס רעכט צו לעבען און אטהעמען צווישען זיי.

ער האט געלעבט פון האנדעל, פערשטעהט זיך. ער איז געגאנ־גען איבער דיא גאסען מיט א הילצערנעם קעסטעל אויף דער ברוסט און האט געשריען מיט א זיסען, דינעם קול'כעל:

„וואַק־שאַ! שוועבעלעך! נאָדלען! שניט־סחורה! אלערהאנד קלייניגקייטען!"

נאָך איין כאַראַקטער־צוג: אויערן האָט ער געהאַט גרויסע, אָבגעשטאַנענע, און זיי פלעגען זיך הויבען און פאַלען אָהן אַן אויפ־הער, פּונקט וויא ביי א שרעקעדיגען פערד.

געהאַנדעלט האָט ער אין שיכאַן, אין א געגענד, וואו עס האָט זיך פערקליעבען דער גאַנצער אָבגעריסענער נאַקעט פון שטאָדט —

פערשיעדענע „פערבראקירטע“ מענשען. שיכאן שטעלט פאַר א שמאָלע גאַס, וואָס איז פערבויט מיט אַלטע הייזער, הויכע און מרה־שהורה׳־דיגע; אין זיי געפינען זיך אכסניות, שיינקען, ברויט־בעקערייען, קראַ־מען מיט עסענוואַרג, מיט אַלטען אייזען און מיט אַלערהאַנדיגע אָבגעני־צעוועטע זאַכען; אין זיי האָבען געוואָהנט גנבים און קויפער פון געגנב׳עטע סחורה, אַרימע הענדלער און הענדלערקעס מיט עסענ־וואַרג. אין גאַס איז שטענדיג געלעגען א שאָטען פון דיא הויכע הייזער, און עס איז געווען דאָרטען א סך בלאָטע און ש כורים; זומער־צייט איז דיא גאַס תמיד געווען פול מיט א שטאַרקען עיפוש פון עפּים, וואָס האָט געפוילט, און פון איבערגעבערענטע בראַנפען. דיא זון פלעגט נאָר גאַנץ באַגינען, פאַרזיכטיג און ניט אויף לאַנג, אריינ־קוקען אהער אין גאַס, אזוי וויא זיא וואָלט מורא געהאַט צו בעשמו־צען מיט דער בלאָטע איהרע שטראַהלען.

דיא גאַס האָט זיך געצויגען איבער א זייטעל פון א באַרג, ניט וייט פון דעם ברעג פון גרויסען טייך, און איז תמיד געווען פול מיט אַרבייטער פון שיפען, מיט מאַטראָזען פון דאַמפּפער, מיט פּעק־טרעגער. דאָ האָבען זיי געש כור׳ט און געלעבט א גוטען טאָג אזוי, וויא זיי פערשטעהען, און אויך דאָ, אין פערבאָרגענע ווינקעלעך, פלעגען דיא גנבים זיצען און וואַרטען, ביז וואַנען יענע וועלען ווערען גוט מלא. לעבען דיא טראָטוארען פון גאַס זיינען געשטאַנען גרויסע ליימענע טעפּ פון דיא הענדלערקעס מיט פּעלמענעס (פליייש־קניידלעך), טישלעך פון דיא הענדלער מיט געפיקטע קובענס און אָבגעקאָכטע לעבער. דיא מאַסען אַרבייטער פון טייך האבען זשעדנע געשלונגען דיא הייסע אכילות, די ש כורים האָבען געזונגען ליעדער מיט ווילדע קולות און זיך געזידעלט, דיא סוחרים האָבען מיט הילבעדיגע שטימען פעררופען צו זיך דעם קונה און געלויבט זייער סחורה; עס האָט זיך געטראָגען א בריאזג פון דיא וועגענס, וואָס האבען זיך קוים מיט צרות געקאָנט דורכשפּארען צווישען דיא רעדלעך מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין גאַס, האָבען געקויפט אָדער פערקויפט, גע־וואַרט אויף אַרבייט אָדער אויף א כשר׳ע מציאה. א קאַשעבוצע פון טענער האָט זיך געטראָגען וויא א ווינד איבער דער גאַס, וואָס

איז געווען שמאָל וויא א טייך מיט שטעהעדיגע וואַסער, און דיא טענער האָבען זיך געהאַקט און צוהאַקט אָן דיא שמוציגע ווענד פון דיא הייזער; דיא הייזער האָבען אויסגעזעהען וויא א לייב בעדעקט מיט וואונדען, וויל דיא קאַלך האָט זיך פון אויבען אָבגעברעקעלט און איז געווען אויסגעשמירט מיט גרינע פעשימעלטע פלעקען.

אין דער דאָזיגער גאַס, וואָס איז געווען פול מיט קאָבעדיגער בלאָטע, מיט א הילבעדיגען געריש און מיט נבול־פה, האָבען זיך שטענדיג ארומגעדרעהט קינדער, — קינדער גרויסע און קליינע, אָבער איינס וויא דאָס אַנדערע שמוציג, הונגעריג און פערדאַרבען. זיי זיינען דאָ ארומגעלאָפען פון אין דער פריה ביז'ן אָבענד און געלעבט האָבען זיי פון דער גוטסקייט פון דיא הענדלערקעס אָדער פון זייערע פלינקע קליינע הענדלעך, און ביי נאַכט האָבען זיי זיך געלעגט שלאָפען ערגיץ אָן א זייט,—הינטער א טויער, אונטער א טישעל פון א קובען־טרעגער, אין דעם טיעפען פענסטער פון איין אונטער־שטען גאָרן. וויא דיא זון פלעגט נאָר אויפגעהן, זיינען שוין ווידער געווען אויף דיא פיס דיא קליינע אויסגעצעהרטע קרבנות פון "קינ־דערשע קראַנקהייטען, און האָבען זיך באַלד גענומען צו דער ארביים: גנב'ענען געשמאַקע און טייערע ביסענס און אויסבעטלען דיא צוגעפוילטע, וואָס זיי האָבען דורכ'ן טאָג פערקויפט צו בעלנים. ווענעם קינדער זיינען דאָס געווען? אלעמענס.... אָט אין דער נאַס איז דאָס קין ארומגעגאַנגען טאָג־טעגליך, אויסרעכענעניג אויפ'ן קול דעם לאַנגען צעטעל פון זיינע סחורה, און דאָ האָט ער זיא טאַקי פערקויפט צו דיא פרויען פון גאַס. זיי פלעגען ביי איהם אַנטלייהען אויף א פּאָאר שעה א פערציגער מיט'ן תנאי, אז זיי זאָלען איהם אָבגעבען צוריק צוויי און צוואַנציג קאָפּיקעס, און זיי האבען שטענדיג בעצאָהלט עהרליך זייער חוב. איבערהויפּט, האָט קין געפיהרט אין דער גאַס גרויסע געשעפטען: ביי דיא אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך אוועקגעלאָזען ש כור'ען האָט ער געקויפט דיא העמדער, היטלעך, שטיוועל און גאַרמאָניקעס, ביי דיא פרויען—דיא ספּאָדניצעס, דיא יאַקלעך, דיא צירונג, וואָס זיינען ווערטה געווען א גראָשען, און דער־נאָך האָט ער פאַר דיא סחורה געקראָגען אַנדערע אָדער ער האָט

זיא פערקויפט מיט א צוואַנציגער פּרנסה. און עס איז ניט פערביי איין שעה אין טאָג, וואָס מען זאָל פון איהם ניט אָבלאַכען אָדער ניט מכבד זיין מיט קלעפּ און א מאָל פלעגט מען איהם אין גאַנצען ארומ־נעהמען. ער האָט זיך אויף דעם ניט בעקלאָגט; אויף דיא אַלע קלעפּ און בעליידיגונגען האָט ער געענטפערט מיט זיינע וויי־טראַגישע שמייבעלעך.

עס פלעגט זיך טרעפען, אז אין א פינסטערען ווינקעל פון גאַס פלעגען דעם אידען בעפאַלען צוויי־דריי יונגען, וועלכע זיינען געווען קאַפּאַבל פון הונגער אָדער פון דורסט נאָך בראַנפען אוועק־הרג'ענען א מענשען; אראָבגעשלײדערט אויף דר'ערד מיט א זעץ פון קולאַק אָדער גלאָט פון שרעק, פלעגט קין זיצען ביי דיא פיס פון זיינע רויבער, ציטערן מיט אלע אברים, זוכען אין דיא קעשענעס און זיך בעטען ביי זיי:

„הארעלעך! גוטינקע! נעהמט ניט צו אלץ... מיט וואָס וועל איך האַנדלען?"

און זיין דארער פּנים האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט פון דיא מיליאָנען שמייבעלעך.

„נו, פערשטעק דיין פּיסק! גיב נאָר אהער דרייסיג קאָפּיקעס"...

דיא גוטע הארעלעך האָבען פערשטאַנען, אז מען דאַרף ניט ארויסרייסען ביי דער קוה דעם גאַנצען אייטער, ווען מען וויל קריע־גען פון איהר מילך.

עס פלעגט זיך טרעפען, אז ער פלעגט זיך אויפהויבען פון דר'ערד און געהן צוזאַמען מיט זיי איבער דער גאַס, שפּאַסענדיג און שמייכלענדיג; זיי האָבען איהם אויף א טובה געטהאָן און גערעדט מיט איהם און אָבגעלאַכט פון איהם און אלע האָבען זיך געהאַלטען פראַסט און אָפען. און נאָך אזא בעגעגעניס פלעגט קין מעהר ניט וויא ווערען א ביסעל דארער.

מיט'ן קהל האָט ער על כל פּנים ניט געלעבט אין אחדות. נאָר גאַנץ זעלטען האָט מען איהם געקאָנט זעהן צוזאַמען מיט א אידען, און יעדעס מאָל איז געווען לייכט צו בעמערקען, אז יענער קוקט אויף קין'ען מיט גאוה און פעראַכטונג. אין גאַס האָט

מען גערעדט, אַז קין איז נעלעגען ביים קהל אין חרם, און אַ קורצע צייט האבען איהם דיא הענדלערקעס פון גאַס גערופען „פערפלוכטער“.

עס איז אַ סברה, אַז דיא מעשה מיט'ן חרם איז געווען אַן אויסגעקלערטע, הגם קין איז בלתי ספק געווען אַ שטיקעל אפיקורס — ער האָט מחלל שבת געווען און גענעסען טרפות. מען פלעגט צו־שטעהן צו איהם מיט קשיות, וויא אַזוי האָט ער ביי זיך געפּועל'ט צו עסען אַזעלכע זאַכען, וואָס זיין אמונה האָט געאסור'ט? ער פלעגט זיך צונויפקאָרטשען, אָנהויבען צו שמייכלען און זעהען יוצא צו ווערען מיט אַ גלייכווערטעל אָדער גאָר אַנטלויפען; פון דער אידישער אמונה און דיא אידישע מנהגים האָט ער קיין מאָל קיין וואָרט ניט דערציילט.

אפילו דיא אונגליקליכע קינדערלעך פון דער דאָזיגער גאַס האָבען איהם אויך גע'רודפ'ט; צו איהם אין קעסטעל און אין רוקען האָבען זיי געוואָרפען שטיקער בלאָטע, דיא שאָלעכטס פון קאַוואונען און אַלערהאַנד פּאַסקודסטווע. ער האָט זיך געסטאַרעט זיי אבצו־שטעלען מיט זיסע רייד, אָבער על פּי רוב פלעגט ער אַנטלויפען פון זיי אין דיא געדיכטע רעדלעך מענשען, וואו זיי זיינען איהם ניט נאָכגעלאָפען, מחמת זיי האָבען מורא געהאַט, מען זאָל זיי דאָרטען ניט צוטרעטען אונטער דיא פּיס.

אַזוי האָט געלעבט קין טאָג איין, טאָג אויס; אַלע האָבען איהם געיאָגט; — ער האָט געהאַנדעלט, געציטערט פון שרעק און געשמיי־כעלט; און אט האָט צו איהם איין מאָל זיין מזל אויך אַ שמייכעל געטהאָן....

* * *

איטליכער ווינקעל פון לעבען האָט זיך זיין אייגענעם טיראַן. אין שיכאַן האָט דיא דאָזיגע ראָלע געשפּיעלט דער שיינער אַרטעמ' אַ יונג — אַ ריעז, מיט אַ רעגעלמעסיג־קיילעכדיגען קאָפּ, וואָס איז געווען בעדעקט מיט אַ געדיכטע היטעל פון שוואַרצע געגרייזעלטע האָאר. דיא ווייכע האָאר האָבען זיך איהם געשאָטען אויפ'ן שטערן אין מאָדנע רינגען און זיך אַרונטערגעלאָזען ביז דיא וואונדער־שיינע סאַמעטענע בּרעמען און דיא גרויסע ברוינע אויגען, לייכטע און

תמיד פערצויגען מיט עפּיס א פוטערדיגע פייבטקייט. א נאָז האָט ער געהאט א גלייכע, אזא, וויא מען זעהט אויף דיא בילדער פון דיא אלטע רוימער, ליפּען רויטע, פולע, זעפּטיגע, בעדעקט מיט גרויסע שווארצע וואָנצען; זיין גאַנצער קיילעבדיגער ריינער און דונקעלער פּנים איז געווען וואונדערבאר גלייכמעסיג און פּשוט שיין, און דיא אויגען זיינע, וואָס זיינען געווען פערצויגען מיט א וואָלקען, האָבען איהם זעהר געפּאסט, און עפּיס אזוי וויא געמאכט פולער און בעדייטליכער זיין מאָדנע שיינקייט. מיט א ברייטע ברוסט, הויך און שלאנק, תמיד מיט איין אונבעוואוסט-צופריעדענעם שמייכעל אויף דיא ליפּען, איז ער געווען אין שיכאָן א בייזע אָנשיקעניש פאר דיא מענער און א פרייד פאר דיא פרויען. דעם גרעסטען טהייל פון טאָג האָט ער פערבראכט ליעגענדיג ערגיץ אויף דער ברענעדיגער זון. גרויס, פויל, פלעגט ער ליגען און אריינאטהעמען דיא לופט און דעם שיין פון דער זון מיט לאנגזאמע זיפצען, פון וועלכע זיין מעבטיגע ברוסט האט זיך געהויבען הויך און מעסיג.

ער איז אלט געווען א יאָהר פינף און צוואנציג. מיט א יאָהר דריי צוריק איז ער געקומען אין שטאָדט צוזאמען מיט אן ארטעל פון פּראָמזינסקע פעק-טרעגער, *) און ווען דיא ארבייט-צייט איז אוועק, איז ער דאָ פערבליעבען אויף ווינטער; ער האָט פערשטאנען, אז ער וועט אפילו ניט דארפען איינטונקען א פינגער אין קאלטע וואסער און קענען לעבען און האָבען פערגניגען מיט זיין גבורה'שאפט און זיין שיינקייט. און אָט פון דעמאָלט אָן איז ער פון א דאָרף-יונג און פעק-טרעגער געוואָרען א ליעבלינג ביי דיא הענדלערקעס מיט פּעלמענעס, ביי דיא קרעמערקעס און ביי דיא אַנדערע פרויען פון שיכאָן. דורך דעם מין בעשעפטיגונג האָט ער געהאט לרוב עססען און בראָנפען און טאבאק אלע מאָל, ווען ער האָט נאָר געוואָלט; פערלאנגען עפּיס מעהר האט ער ניט געקענט, און אזוי האָט ער געלעבט.

---

*) פּראָמזינאָ איז אַ דאָרף אין סימבירסקער גובערניע, און פון דאַ'ען געהען ארויס אויף וואָלגא דיא שטארקסטע פעק-טרעגער.

דיא פרויען האָבען זיך געריסען איבער איהם, זיך געשלאָגען, אויף דיא פערהייראַטע גע'מסר'ט דיא מענער, פון דיא מענער און געליעבטע האָבען זיי געקראָגען געשלאָגען מכות רצח, — ארטעם איז געווען גלייכגילטיג צו דיא אַלע זאכען; ער האָט זיך געבאקען אויף דע־ זון, אויסציעהענדיג דיא אברים וויא אַ קאָטער, און האָט געוואַרט, ווען עס וועט זיך אין איהם אויפוועקען א באַגעהר, וואָס ער האָט געקאָנט אויספיהרען; אַזעלכע באַגעהרען האָט ער געהאט ניט א סך.

געוויינליך איז ער געלעגען אויפ'ן באַרג, אין וועלכען דיא גאס האט זיך אריינגעשפארט. דאָ האָט ער געקענט זעהן גלייך פאַר זיינע אויגען דעם טייך, הינטערן טייך, ביז'ן עק הימעל, האָבען זיך ברייט צואוואָרפען דיא לאָנקעס; וואו ניט וואו זיינען געלעגען אויף זייער גלאַטען גרינעם דיוואַן גראָע פלעקען — דאָס זיינען דערפער. דאָרטען—איז תמיד שטיל, קלאָר, גרין.... און ווען ער האָט א קעהר געטהאָן דעם קאָפּ לינקס, האָט ער געזעהען זיין גאס, פון איין עק ביז'ן אַנדערן, אין איהר האָט דאָס לעבען געקאָכט וויא אין א קע־ סעל; ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם טאַראַראַם, האָט ער דערקאָנט דיא פיגורען פון בעקאַנטע מענשען, האָט געהערט דעם הונגעריגען געפילדער פון דער גאַס און האָט פיעלייכט פון וואָס ניט איז געטראַכט. ארום איהם, איבער'ן באַרג, האָט געוואַקסען א גע־ דיכטע גראָז, זיינען געשטאַנען וויא פערוואָגעלטע יתומות אויסגע־ דאַרטע בעריאָזעס, ארומגעבראָכענע קוסטען בוזינע; דיא „באָסיאַקעס“ זיינען אהער געגאַנגען זיך אויסניכטערן, שפּיעלען אין קאָרטען, פער־ ריכטען דיא בגדים אָדער אויסרוהען דיא ביינער נאָך דער אַרבייט און נאָך דיא געשלעג.

ארטעם האָט קיין גוטען שם ביי זיי ניט געהאט. ער האָט געהאט אין זיך אַזא גבורה, דאָס קיינער האָט איהם ניט געקאָנט ביי־קומען, און אָפט פלעגט ער פערפיהרען מחלוקות, און אגב האט ער שוין צו לייכט פערדיענט זיין ברויט. דאָס האָט אַרויסגערופען קנאה, און דערצו נאָך האָט ער זעלטען אימיצען געגעבען א חלק פון זיין רויב־פּרייז. איבערהויפּט זיינען אין איהם ניט געווען ענטוויי־ קעלט דיא געפיהלע פון חבר'שאַפט און עס האָט איהם ווייניג גע־

צוויגען צו קומען צווישען מענשען. אויב מען איז צו איהם געקומען און פערפיהרט א שמועס, האט ער גערן געענטפערט, אבער אליין האט ער ניט אנגעפאנגען צו רעדען; אויב מען האט ביי איהם געבעטען געלד אויף א טרונק בראנפען — האט ער געגעבען, אבער ער זאל אליין געהן און טראקטירען מיט א גלעזעל בראנפען זיינע בעקאנטע—דאס ניט. און צווישען זיי איז געווען איינגעפיהרט, אז איטליכע פערהארעוועטע קאפיקע זאל מען אויסברייננגען בחברותא אויף עסען און טרינקען.

אהער, אין דיא קוסטען, פלעגען קומען צו ארטעמ׳ען דיא ש לוחים פון ליעבע — אן אבגעריסענע און פערשמארקעטע מיידעל פון גאס אדער א פערשמארקעטער אינגעל. דאס זיינען יונגע מענ־שעלעך, זיעבען־אכט יאהר אלט, זעלטען צעהן, אבער זיי פערשטעהן ס׳ארא וויכטיגע שליחות מען האט זייא פערטרויט; זיי ריידען מיט א פערשטיקטען קול און אויף זייערע פנים׳לעך ליעגט שטענדיג דיא אוואיע פון א מענשען, וואס טראגט זיך ארום מיט א טיעפען סוד...

„פעטערל ארטעם, דיא מומע מאריא האט דיר געהייסען זא־גען, אז איהר מאן איז אוועקגעפאהרען; בבן זאלסט היינט אנדיננגען א לאדקע, און זאלסט אוועקפאהרען צו איהר, אין דיא לאנקעס"...

„אזוי־וי," ציעט ארטעם פוילע ווערטער, און זיינע שיינע אויגען שמייכלען מיט א דונקעלען גלאנץ.

„לאז זיך ניט בעטען, און"...

„פאר וואס ניט ?... א... אט וואס... וועלבע איז דאס, דיא מומע מאריא ?"...

„דיא קרעמערקע, ווייסט דען ניט?" זאגט דער ש לוח מיט א מין פארוואורף.

„דיא קרעמערקע.. יע? דאס איז דיא, וואס האלט דערביי מיט׳ן קראם פון אייזען?"

„נו, יע, דערביי מיט׳ן קראם פון אייזען. אניסיא ניקאלאיעוונא... וויא אזוי ווייסט דאס ניט!"

„נו, נו, ברודערל. מיינסט טאקי, אז איך ווייס ניט ווער... איך זאָג דאָס גלאַט אַזוי... איך מאַך שפּאַס... בלומרשט וויא איך וואָלט פאַרגעסען... און מאַריאַן קען איך גוט"...

אָבער דער שילוך איז אין דעם ניט זיכער; עס ווילט זיך איהם גוט אויספיהרען זיין שליחת און ער פאַנגט אָן צו ערקלערען ארטעמ'ען באריכות:

„מאַריא—דאָס איז יענע, דיא קליינע, מיט רויטע באַקען; לעבען דיא פּיש"...

נו—נו!... יענע, וואָס לעבען דיא פּיש. אַט! ס'אַרא מענש דוא ביסט!... איך וועל דען פערמישען? גוט. זאָג איהר; מאַריא'ן, אז איך פאָהר, ער פאָהרט, זאָג איהר, געה!"

נאָך ארטעמ'ס רייד פערקרימט דער שילוח זיין פּנים'ל, וואו עס צוגיסט זיך א מאָדנע זיסקייט, און ער פאַנגט אָן פערצווינען:

"פעטערל ארטעם, גיב מיר א קאָפּיקע!„

„א קאָפּיקע? און וואָס טהוט מען, אז ס'איז ניטאָ?" זאָגט ארטעם, און רוקט אריין ביידע הענד אין דיא הויזען־קעשענעס. און עס טרעפט זיך ניט, ער זאָל ניט געפינען א מטבעה. מיט א גליק־ליכען שמייכעל פליהט דער שליה וויא א פייל פון בייגען אָנצוזאָגען דיא פריילכע בשורה דער פערליעבטער הענדלערקע מיט אָבגעבאַקענע לעבער, אז איהר בקשה איז איבערגעגעבען געוואָרען, און פון איהר אויך קריעגט ער בעצאָהלט פאַר דיא טרחה. ער ווייס דעם פּרייז פון געלד און געלד דאַרף ער האָבען ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז הונגעריג; אָבער אויך דערפאַר, וואָס ער רויבערט פּאַפּיראָסען, טרינקט בראָנפען און האָט עסקים מיט מיידלעך. אויף מאָרגען נאָך אַזאַ סצענע איז ארטעם נאָך גלייכגילטיגער וויא פריהער צום ארומיגען לעבען און זיין זעלטענע שעהנקייט פון א מעבטיגע אָבער רוהיגע חיה בלאַנקט נאָך מעהר. אזוי האָט זיך געצויגען די דאָזיגע זאַטע, כמעט בעוואוסטלאָזע עקסיסטענץ, רוהיגע, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט געהאַט אָהן א צאָהל שונאים, וועלכע האָבען איהם מקנא געווען אָדער געהאַסט אוים אייפערזוכט; רוהיג איז געווען ארטעמ'ס עקזיסטענץ

ווייל זיא איז געווען בעוואכט מיט דער שרעקליכער קראפט פון זיין קולאק.

אָבער צייטענווייס פלעגט זיך בעוויזען אין דיא ברוינע אויגען פון שיינעם יונג עפּעס א דונקעלער פלעק, דער אָנצייגער פון א שטורם, זיינע מאמעטענע ברעמען פלעגען זיך מיט בעם צונויפרוקען און אין דעם ברוינליכען שטערן פלעגט זיך דורכשניידען א טיעפער קנייטש. ער פלעגט אויפשטעהן און געהן פון זיין מקום מנוחה אין גאס אריין, און וואָס נעהענטער ער פלעגט צוקומען צו איהר האווען און שמייען, פלעגען דיא שווארצאפלען פון זיינע אויגען ווערען אלץ קיילעכדיגער און דיא דינע נאָזלעכער פלעגען אלץ אָפטער ציטערן. אויף דער לינקער פלייצע הייגגט בייא איהם א געלער יאַק פון גראָבען געוואנט, דיא רעכטע פלייצע איז פערדעקט מיט דיא העמד און מען קען זעהן דורך איהר, ס׳ארא מעכטיגע פלייצע דאָס איז. שטיוועל האָט ער פיינד געהאט און איז אלע מאָהל געגאנגען אין לאָפּטשעס; דיא ווייסע לאָפּענס אויף דיא פיס, וואָס זיינען שיין איבערגעקרייצט מיט בענדלעך, מאָלען אָפּ דיא פלייש פון זיינע פיס, געגאנגען איז ער פאמעלאך, וויא א גרויסער שטורעמדיגער וואָלקען...

דיא גאס בעקאנט מיט זיינע דרכים און זיא זעהט שוין אויף זיין פנים, וואס זיא האט פון איהם צו ערווארטען. עס הערט זיך א שושקעריי מיט אן התראה:

„ארטעם געהט!“

און פאר׳ן שיינעם יונג מאכט מען אין איילענים דעם וועג, מען רוקט אָב אָן א זייט דיא טישלעך און ברעטלעך מיט סחורה, דיא קעסלען און ליימענע טעפּ מיט דיא הייסע געקעכטס, מען שמייכעלט צו איהם חניפת׳דיג, מען גיט איהם אָב „שלום עליכם“ . . . און אלע ציטערן פאר איהם, און ער געהט צווישען דיא מענשען, וועלכע האָבען מורא פאר זיין קולאק, געהט און שווייגט, מיט א פינסטערע צורה, און ווילד־שיין וויא א גרויסע היה.

אָט האָט זיין פוס פערטשעפּעט א טישעל מיט מאָגען, לעבער, לונגען—און דאָס פליהט אלץ אויף די בלאָטיגע שטיינער; דער הענדלער לאָזט ארויס א פערצווייפעלטען געשריי און פאנגט זיך אָן צו זידלען.

„ווער הייסט דיר שטעהן אין וועג?" פרעגט ארטעם רוהיג, אָבער מען זעהט, אז דיא מעשה וועט זיין א מיאוס'ע.

"דאס איז פאר דיר א וועג, דוא, אָקס איינער?„ שרייט דער הענדלער וויא איין אָבגעבריהטער.

"און וויא אז איך וויל דאָ געהן?

הינטער דיא ביינער פון דיא באקען בעוועגען זיך ביי ארטעם'ען גרויסע בלאָזען, און זיינע אויגען זעהן אויס וויא רויטע גליהענדע טשוועקעס. דער הענדלער זעהט דאס און רעדט ארויס אונטער'ן נאָז:

"דיא גאַס איז פאר דיר צו שמאָל" . . .

ארטעם געהט לאַנגזאם ווייטער. דער הענדלער לויפט אוועק אין טראַקטיר, נעהמט דאַרטען געקאָכטע וואסער, וואשט איבער אין איהם זיינע סחורה און אין פינף מינוט ארום שרייט ער שוין ווידער אויף דיא גאַנצע גאַס:

„לעבער, לונגען, א הארץ א הייסע! מאַטראָז! גיב דער ערשטער צו לייזען! פאר פינף קאָפּיקעס שנייד איך דיר אָב א שטיק צונג! מומעלע, קויף א הערצעל! ווער דארף האָבען א הארץ א הייסע? לעבער, לונגען!"

און עס רוישען וויא כוואַליעס דיא הילכעדיגע קולות און פון דער גאַס טראָגט זיך א שווערער עיפּוש פון בראַנפען, שוויים, פיש, זעגעכץ, ציבעלע.

מענשען געהען ארום הין און צוריק אין מיטען גאַס, פערשטע-לען דעם וועג דיא פערד, שרייען, האַנדלען זיך, לאַכען, הויך איבער זייערע קעפּ זעהט זיך א שטיק בלויער הימעל, פערדונקעלט פון שטייב און בלאָטע, וואָס הויבען זיך ארויף אין דער לופט פון דער דאָזיגער גאַס, און עס זעהט אויס, אז אפילו דיא שאָטענס פון דיא הייזער זיינען דא אויך פייכט און דורכגעווייקט אין בלאָטע . . .

„שניט-שחורה! פאָדים! נאָדלען!" שרייט קיין, ניט ארויסלאָ-זענדיג פון אויג ארטעם'ען, וועלכער איז פאר איהם נאָך מורא'דיגער וויא פאר אנדערע.

„קובענס מיט בארנעס, קויף און דערקוויק דיא נשמה!" זינגט זיך פאַנאַנדער אויפ'ן קול א יונגע פערקויפערקע פון קובענס.

"ציבעלע, גרינע צי־בע־לע !„ העלפט איהר אונטער א צווייטע.

„קווא־אס ! קווא־אס !" קוואַטשקעט מיט א הייזעריגע שטימע אַ'ן אַלטינקער, קליין געוואַקסען, מיט א גראָבען בויך און א רויטען פּנים, זיצענדיג אין שאָטען פון זיין פעסעל מיט דער סחורה.

און א מאן, וועלכער האט געטראָגען אין גאס דעם מאָדנעם צונעמענס „דער אָבגעשמיסענער חתן", האלט אין פערקויפען א שיף־ארבייטער זיין אייגענע העמד פון לייב, א פערשמירטע, אבער א שטאַרקע, און שרייט צום קונא מיט איבערצייגונג.

„דוא פלאַ־אקען איינער ! וואו וועסטו קויפען פאר א פערציוער אזא פיינע שטיקעל סחורה ? אין אזא העמד איז דאך ניט מיאוס צו נעהן זעהן א כלה, א קופּצאָווע, מיט מיליאָנען ! טיי־ייוועל !"

דורך דעם אלגעמיינעם ווילדען, אָבער הארמאָנישען געפּילדער שניידט זיך דורך מיט א מאָל א דינער קינדערשער קול'כעלע.

"גיט, אין נאָמען פון קריסטוס, א קאָפּיצקע . . . א יתומ'ל אַ'ן עלענדען . . . ניטאָ קיין טאטע און קיין מאמע„ . . .

טשיקאווע און אזוי פרעמד צו אלץ קלינגט אין דער דאָזיגער גאַס דער נאָמען פון קריסטוס!

„ארטיושא! קום נאָר אהער!" שרייט מיט א ליעבקייט א לעבעדיגע ווייבעל, דיא זעלנערשע דאריא גראָמאָווא, וועלכע האנדעלט מיט פעלמענעס. „וואו ווערסט דאָס פערפאלען? וואָס פערגעסטו אונז?"

„האָסט א פולע פערקויפט?" פרעגט רוהיג ארטעם און ווארפט אום איהרע סחורה מיט א לייכטען שטופּ מיט'ן פוס. דיא פעלמע־נעס, געלע און גליטשעדיגע, ציהען זיך איבער די שטיינער און א פּאָרע געהט פון זיי, און דאריא איז קאַפּאַבל צו קריכען זיך שלאָגען און שרייט זיך פונאנדער מיט סם אין מויל:

„קיין פּיצעל בושה און חרפּה האָסטו ניט אין דיא אויגען דיינע! דוא גזלן דוא! וויא טראָגט דאָס דיך נאָך דיא ערד, דוא קעמעל דוא אסטראַכאַנסקער !"

מען מאכט פון איהר שפּאַס—אלע ווייסען, אז זיא וועט דאָס ארטעם'ען מוחל זיין.

און ער געהט ווייטער מיט דיא זעלביגע לאנגזאמע טריט, ארויפקריכענדיג אויף מענשען מיט זיין ברוסט, טרעטענדיג זיי אויף דיא פים. און פאראוים פויזעט שנעל וויא א שלאנג דיא פערשטיקטע התראה:

„ארטעם געהט!"

אין דיא צוויי ווערטער, אפילו דער, וואס הערט זיי צום ערשטען מאל, פיהלט אויך א סטראשונאק און ער טרעט אב ארטעם'ען דעם וועג און בעגלייט דיא מעכטיגע פיגור פון שיינעם יונג מיט נייגיריגע און פארזיכטיגע אויגען.

אט בעגעגענט ארטעם א בעקאנטען „באסיאק". זיי גיבען זיך דיא הענד, און ארטעם מיט זיין אייזערנע לאפע דריקט אזוי שטארק דיא האנד פון זיין בעקאנטען, אז יענער שרייט פון וועהטאג און זידעלט זיך. דעמאלט כאפט איהם אן ארטעם מיט דיא פינגער פאר דיא פלייצע און דריקט זיא אדער ער טהוט איהם אן אנאנדער וועהטאג און שטום, רוהיג קוקט ער זיך איין, וויא דער מענש אכצעט און זיפצעט אונטער זיין האנד, וויא יענער ווערט דערשטיקט פון וועהטאג און רעדט צווישען דיא ציינער:

„לאז אב, תליון!... פערפלובט זאלסטו ווערען!"...

אבער דער תליון, אזוי וויא א ריכטער, האט קיין רחמנות ניט.

קין פלעגט אויך ניט זעלטען אריינפאלען אין דיא אונערבארעמדיגע הענד צו ארטעם'ען וועלכער פלעגט זיך שפיעלען מיט איהם, וויא א ניינעריגעס קינד שפילט זיך מיט א פליעג.

אט דיא דאזיגע חידוש'דיגע און אונבעגרייפליכע מעשים פון גבור האבען געהייסען אין שיבאן „ארטיושקע'ס ארויסגאנג". מיט זיין „ארויסגאנג" האט ער זיך איינגעקויפט א גוזמא שונאים, אבער יענע האבען ניט געקאנט צוברעכען זיין אונגעהויערע גבורה, כאטש זיי האבען שוין ניט איין מאל פרובירט דאס צו טהאן. א מאל האבען זיך אויסגעקליעבען זיעבען געזונדע יונגען און מיט דער הסכמה פון דער גאנצער גאס בעשלאסען צו לערנען בלק מיט ארטעם'ען און איהם אבצושלאגען דיא פליגלען. צוויי פון זיי זיינען קוים ארויס מיט'ן לעבען פון דער דאזיגער פראבע, דיא איבעריגע זיינען אבגע-

קומען מיט א קליינינקייט. א צווייטען מאָל האבען דיא קרעמער —ביי וועמען ארטעם האָט פערפיהרט דיא ווייבער—אָנגעדונגען דעם שטאָדטישען קצב, וועלכער איז געווען בעריהמט מיט זיין כח און האָט ניט איין מאָל גובר געווען דיא אטלעטען (גבורים פון צירקוס). דער קצב האט זיך אָנגענומען פאר א היבשע סומע געלד צו מאכען פון ארטעם׳ען א האלבען מת. מען האָט זיי ביידען צונויפגעבראכט און ארטעם, וועלכער פלעגט זיך קיין מאָל ניט אָבזאָגען צו געהן זיך שלאָגען אין א שפאס, האָט מיט איין קלאפּ ארויסגעהאקט ביי דעם קצב א האנד פון פּלייצע און מיט א צווייטען קלאפּ „אונטער דיא נשמה" האט ער איהם אוועקגעלענט אויפ׳ן אָרט כמעט א טויטען. אָט דיא אלע פאקטען האָבען נאָך העכער אויפגעהויבען ארטעם׳ס נאָמען פון א גבור און דיא צאָהל פון זיינע שונאים איז, פערשטעהט זיך, געוואָרען א סך גרעסער.

און ער האָט מאריך געווען נאָכ׳ן אלטען שטייגער זיינע „ארויס־גאנגען", צושטערענדיג אלץ און אלעמען, וואס איז איהם נאָר געשטאַ־נען אין וועג. וואָס׳ערע געפיהלע האָט ער אויסגעדריקט אויף דעם דאָזיגען דרך? מעגליך, אז ער האָט אויף אזא׳ן אופן זיך נוקם גע־ווען אָן דער שטאָדט און אָן דיא פיהרונגען פון שטאָדטישען לעבען, ער, וועלכער איז אויפגעוואקסען צווישען וועלדער און פעלדער, וועל־כער האָט זיך אָבגעריסען פון זיין אייגענעם מקום; עס קען זיין אז ער האָט געפיהלט און האָט דאָס אליין ניט פערשטאנען, וויא דיא שטאָדט מאכט איהם אוים מענש, פער׳סמ׳ענדיג זיין גוף און זיין נשמה, און דערפאר האָט ער דאָס געקעמפּפט מיט דעם בייזען מחבל, וואָס האָט איהם ביסלעכווייז געמאכט פאר א שקלאף. זיינע „ארויסגאנגען" פלעגען זיך צייטענווייס ענדיגען אין פּאָליציי־הויז, וואו דיא פּאָליציי פלעגט איהם בעהאַנדלען בעסער וויא דיא איבעריגע תושבים פון שיכאָן; זיא האָט בעוואונדערט זיין מערקווירדיגע גבורה' מיט זיין גבורה האט זיא זיך משמח געווען, אָבער זיא האָט געוואוסט אז ער איז ניט קיין גנב און טויג גאָר ניט פאר דעם מין ארבייט — ער איז פאר איהר צו נאריש. אָבער על פי רוב פלעגט ארטעם נאָך אָן „ארויסגאַנג" זיך אוועקשלעפּען ערגיץ אין א הויז מיט א שלעכטען

שם, און דאָרטין פלעגט איהם אַריינגעהמען אונטער איהר השגחה איינע פון דיא פרויען, וועלבע זיינען געווען אין איהם פערליעבט. נאָך זיינע העלדישקייטען איז ער געווען געוויינליך מרה־שחורה׳דיג און פול מיט קאַפּריזען, דיא אויגען פלעגען קוקען מיט א ווילדען גלאַנץ, און נאָכ׳ן פנים זיינעם, וואָס איז געווען אזוי וויא פער־שטיינערט, האָט מען איהם געקאָנט אָננעהמען פאַר א פּרא אדם. א קרעמערקע, א געזונדע ווייבעל פון איבער דרייסיג, פלעגט ארומגעהן ארום דיא דאָזיגע חיה, און זיך האַלטען, וויא דיא היה וואָלט געווען איהרע, פון דעסטוועגען האָט זיא געציטערט פאַר ארטעמ׳ס קוק.

„אפשר הייסען דערלאַנגען נאָך א פּאָאר פלעשער ביער, ארטיושאַ? אָדער זיסע שנאַפּס? ווילסט פיעללייכט וואָס ניט איז פערבייסען? וואָס איז דיא מעשה, וואָס דוא ביסט עפּיס היינט ביי מיר גאָר ניט אַזאַ כוואַט וויא אַלע מאָל?״...

„טשעפּע זיך אָב!״... פלעגט ארטעם זאָגען מיט א האַלבען מויל, און אויף עטליכע מינוט פלעגט זיא אויפהערען צו שמייען ארום איהם, אָבער דערנאָך פלעגט זיא אָנהויבען אויף דאָס ניי איינצושׂכור׳ען דעם שיינעם יונג, מחמת זיא האָט שוין געוואוסט, אַז בעת ארטעם איז ניכטער, איז ער קאַרג אויף לאַסקעס...

און אָט האָט זיך א מאָל געדאַרפט טרעפען—אַן המצאה ב׳לעבען—אַז דער דאָזיגער מענש און קין זאָלען זיך צונויפקומען.

*   *

מעשה שהיה כך היה.

איין מאָל נאָך אַן „ארויסגאַנג״, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען מיט א פריילינבע הוליאַנקע, איז ארטעם געגאַנגען מיט זיין דאַמע פּאַלענדיג פון דיא פיס, צו איהר צו גאַסט דורך א שמאָלען און וויסטען זאַוואולאָק פון פאָרשטאָדט. דאָ האָט מען אויף איהם גע־וואַרט. עטליכע מענשען האָבען זיך אויף איהם אַ לייג געטהאָן און בחרף עין אומגעוואָרפען צו דר׳ערד. אָבגעשוואַכט פון בראַנפען, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָט ער זיך ניט געקאָנט פערטהיידיגען, און דעמאָלט האָבען זיך דאָס דיא דאָזיגע מענשען א נעהם געטהאָן

פאר איהם און כמעט א שעה צייט איהם אויסגעצאָהלט דיא טוי־זענדע בעליידיגונגען, וואָס זיי האָבען פון איהם וועגן ניט איז אריבער־געטראָגען. ארטעם'ס בעגלייטערקע איז אנטלאָפען, דיא נאַכט אי געוועזען א פינסטערע, דער פּלאַץ וויסט וויא א מדבר, — עס איז זיי געוועזען סגראַבנע זיך גוט אבצורעכענען מיט ארטעם'ען, און זיי האָבען טאקי געארבייט, ניט שאנעווענדיג דיא כחות. און ווען זיי זיינען מיעד געוואָרען און האָבען געענדיגט, זיינען צוויי קערפּער געלעגען אויף דר'ערד און זיך ניט גערירהט — איין קערפּער איז געוועזען דעם שיינעם ארטעם'ס, און דער צווייטער איז געוועזען פון א מענשען' וועלכער האָט געהייסען דער רויטער באָק.

דיא יונגען האָבען געהאַלטען אן עצה, וואָס צו טהאָן מיט דיא צוויי קערפּער, און ענדליך האָט מען אזוי בעשלאָסען: ארטעם'ען זאָל מען בעהאַלטען אונטער אן אלטען שיפעל, וואָס איז צובראָכען געוואָרען, בעת דער אייז איז געגאַנגען אין אָנהויב זומער, און איז יעצט געלעגען ביים ברעג טייך מיט'ן דעק ארויף, — און דעם רויטען באָק, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו אָכצען, מיטנעהמען מיט זיך.

ווען מען האָט גענומען שלעפּען ארטעם'ען איבער דר'ערד צום ברעג, איז ער פון וועהטאָג געקומען א ביסעל צו זיך, אָבער ער האָט דיא מינוט פערשטאַנען, אז אויב ער זאָל זיך פארשטעלען פאר א טויטען, וועט ער דוקא בעסער מאַכען, און ער האָט ניט ארויס־געלאָזען קיין איין קרעכץ, הגם ער האָט שרעקליך געליטען. מען האָט איהם געשלעפּט, געשאָלטען, געזידעלט און איינער פאר'ן אנדערן האָט זיך דיא חברה בעריהמט מיט דיא קלעפּ, וואָס זיי האָבען געגעבען דעם גבור. ארטעם האָט געהערט, וויא מישקא וואווילאָוו האָט דערציילט זיינע חברים, אז ער האָט דיא גאַנצע צייט געזועהען צו שטורכען ארטעם'ען אונטער דיא לינקע לאָפּעטקע, כדי דאָס הארץ זאָל זיך ביי איהם אָברייסען, און סוכאָפּליויעוו האָט איבערגע־געבען, אז ער האָט געשלאָגען נאָר איבער'ן בויך, מחמת ווען מען זאָל ביי א מענשען קאַליע מאַכען דיא קישקעס, — וועט ער קיין שום נוץ ניט האָבען פון זיין עסען, און וויא פיעל ער זאָל ניט

אבל׳ען, וועט ער ניט האבען קיין כחות. לאמאקין האט אויך ער־קלערט, אז צוויי מאל איז ער ארויפגעשפרונגען מיט דיא פיס ארטעמ׳ען אויף׳ן בויך. אויף אזא גלענצענדען שטייגער האבען זיך אויסגעפיינט אויף אלע איבעריגע, און מיט זייער העלדישקייט האבען זיי זיך בעריהמט און גערעדט דערפון דיא גאנצע צייט, ביז וואנען זיי זיינען ניט געקומען צום שיפעל און האבען ניט ארונטערגערוקט אונטער איהם ארטעמ׳ען. ער האט געהערט אלע זייערע רייד און אויך געהערט, וויא ביים אוועקגעהן האבען אלע אין איין קול בע־שלאסען, אז איצטער וועט ער, ארטעם, שוין מעהר ניט אויפשטעהן אויף דיא פיס.

אט איז ער געבליעבען איינער אליין, אין דער פינסטער, אויף א קופקע פייכטע מיסט, וואס דיא כוואליעס פון טייך האבען אנגע־טראגען אונטער דעם שיפעל אין דער צייט, ווען דאס וואסער הויבט ז׳ך אויף. דיא נאכט איז געווען א פרישע, וויא עס טרעפט אין חדש מאי, און פון דער דאזיגער פרישקייט איז ארטעם ביסלעכוויים געקומען צו זיך. אבער וויא ער האט נאר געפרובירט ארונטערצור־פויזען צום טייך, פלעגט ער ווידער פאלען אין חלשות פון א שרעקליכען וועהטאג אין גאנצען לייב. און באלד פלעגט ער ווידער קומען צו זיך, און האט אויף דאס ניי געפיהלט דעם וועהטאג און חוץ דעם א שרעקליכע דורסט. עפים אזוי וויא דער טייך וואלט זיך גערייצט מיט זיין שוואכקייט, האט ער זיך שטילערהייט געשלאגען ביים ברעג, אט דא דערביי גאר נאהענט לעבען איהם. דיא גאנצע נאכט האט ער פערבראכט אין אזא לאגע און האט מורא געהאט צו קרעכצען און זיך א ריהר צו טהאן.

אבער איין מאל, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער דערפיהלט, אז מיט איהם האט געשעהן עפים א גוטע זאך, וואס האט לייכטער געמאכט זיין וועהטאג. מיט גרוים מאטערנים האט ער געעפענט איין אויג און האט קוים נעקאנט ריהרען מיט דיא צר־האקטע, אנגעשוואלענע ליפען. עס איז נעווען טאג, ווייל דורך דיא שפאלטען פון שיפעל זיינען אהין נעקראכען שטראהלען פון דער זון. דערנאך האט ער מיט צרות אויפגעהויבען דיא האנד צום פנים און

האָט דאָרטין דערטאַפּט נאַסע לאַפּענס. לאַפּענס זיינען אויך גע־לעגען ביי איהם אויף דער ברוסט און אויפ'ן בויך. ער איז געווען אין גאַנצען אויסגעטהאָן, און דיא קעלט האָט פּערקלענערט זיין וועהטאָג.

„אַ טרונק"... האָט ער ארויסגערעדט, פערשטעהענדיג, אַז אימיצער דאַרף זיין לעבען איהם. אַ האַנד, וואָס האָט בשעת מעשה געציטערט, האָט זיך אויסגעצויגען איבער זיין קאָפּ, און צו איהם אין מויל האט אימיצער אריינגעשטעקט דיא העלזעל פון אַ פלאַש. דיא פלאַש האָט געטאַנצט אין דער האַנד פון דעם, וואָס האָט זיא דערלאַנגט, און געהאַקט ארטעמ'ען איבער דיא ציינער. ווען ארטעם האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, האָט ער געוואָלט וויסען, ווער איז דאָ לעבען איהם, אָבער ווען ער האָט געוואָלט אַ דרעה טהאָן דעם קאָפּ, האָט ער דערפיהלט אַ וועהטאָג אין האַלז. דעמאָלט האָט ער גענומען ריידען, זיך ווערגענדיג מיט יעדען וואָרט:

„בראַנפּען... אַ גלעזעל אין דיא גידערים... און אויך אויסשמי־רען דיא לייב... דעמאָלט וואָלט איך... אויפגעשטאַנען... אפשר"...

„אויפשטעהן? איהר טאָרט ניט אויפשטעהן. איהר זייט אין גאַנצען בלאָ און פערשוואָלען, וויא אַ דערטרונקענער... אָבער בראָנפען—דאָס קען מען יע. בראַנפּען איז פראַן... איך האָב אַ גאַנצע פלאַש מיט בראָנפען"...

מען האָט גערעדט שטיל, מיט אַ מין פּחד און זעהר שנעל. ארטעמ'ען איז געווען בעקאַנט דיא דאָזיגע שטימע, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען, וועמעס דאָס איז געווען, וועלכע פון דיא פרויען.

„גיב אהער," האָט ער געזאָגט.

און אימיצער, וועלכער האָט משמעות ניט געוואָלט, אַז יענער זאָל איהם זעהן, האָט איהם ווידער דערלאַנגט דיא פלאַש פון הינ־טען איבער'ן קאָפּ. ארטעם האָט מיט צרות געשלונגען דיא בראָנפען און מיט איין אויג האָט ער געקוקט אויפ'ן פייכטען און שווארצען דעק פון שיפעל, וואס איז געווען בעוואַקסען מיט שווועמלעך.

ווען ער האָט אויסגעטרונקען מעהר וויא אַ פערטעל פלאַש האָט ער טיעף אָבגעזיפצט; איהם איז געוואָרען לייכטער; מיט אַ

כאָרבעל אין ברוסט, האָט ער גענומען ריידען אויף א שוואַכען קול, אָהן שאַטירונגען:

„פיין האָט מען מיך בעאַרבייט... אָבער וואַרט... איך וועל אויפשטעהן. שטעה איך אויף... דעמאָלט—היט זיך“...

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט, אָבער ער האָט געהערט אַ שורך,—אַזוי וויא אימיצער וואָלט פון איהם אָבגעשפּרונגען, — און דערנאָך איז ווידער געוואָרען שטיל, נאָר דיא כוואַליעס האָבען גערוישט, און ערגיץ וויט־וויט האָט מען געזונגען דיא „דובינושקאַ“ און געשריען „אוך“ — מען האָט משמעות געשלעפּט אַ שווערע משא. נאָכהער האָט אַ שנייד געטהאָן מיט אַ מאָדנעם פּיסק דער פייפעל פון אַ דאַמפּפער; דער פייפעל האָט זיך תיכף אָבגעהאַקט, און אין אַ פּאָאר סעקונדען ארום האָט ער גענומען וואָיען מרה־שחורה'דיג, עפּיס אַזוי וויא ער וואָלט זיך אויף אייביג געזעגענט מיט דער ערד... אַרטעם האָט לאַנג געוואַרט, מען זאָל איהם וואָס ענטפערן אויף זיינע ווערטער, אָבער שטיל איז געווען אונטער דעם שיפעל, און זיין שווערער דעק, דורכגעווייקט מיט אַ פערפוילטע גרינקייט, איז גע־האַנגען און האָט זיך געוויעגט ביי איהם איבער'ן קאָפּ, האָט זיך געהויבען און אַרונטערגעלאָזען, אַזוי וויא דער דעק וואָלט זיך לאַנג־זאָם געציעלעוועט און ענדליך געוואָלט מיט אַ מאָל ארויפפאַלען אויף איהם און איהם צוקוועטשען צו טויט.

אַרטעם האָט אויף זיך אַליין רחמנות געקראָגען. איהם איז עפּיס מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרען, אַז ער איז הילפלאָז וויא אַ קליין קינד, און אין דיזר זעלביגער צייט האָט איהם שטאַרק פערדראָסען וואָס ער איז אַזאַ. איהם, אַזאַ שטאַרקען, אַזאַ שיינעם, און מען זאָל מאַכען פאַר אַ קאַליקע, צורייסען דעם פּנים !... מיט דיא שוואַכע הענד האָט ער גענומען בעטאַפּען דיאביילען און דיא געשווילעכטס ביי זיך אויפ'ן געזיכט און אויף דער ברוסט, און דערנאָך האָט ער זיך מיט ביטערקייט אויסגעזידעלט און פונאַנדערגעוויינט. ער האָט געשלוכצעט, געצויגען מיט דער נאָז, זיך געזידעלט, און קאָם מאַכענ־דיג מיט דיא ברעמען, האָט ער מיט זיי ארויסגעקוועטשט דיא טרערען, וואָס האָבען אָנגעפילט זיינע אויגען. דיא גרויסע און זודיגע

טרערען האָבען זיך געגאָסען איבער דיא באַקען, גערונען צו איהם אין דיא אויערן... און ער האָט געפיהלט, אז פון דיא טרערען רייניגט זיך עפּיס אוים ביי איהם אינעווענינ.

„גוט!... ווארט נאַר!"... האָט ער געשעפּצעט מיט א געוויין.

און פּלוצלונג האָט ער דערהערט, אז נאָר נאָהענט פון איהם' אזוי וויא אימיצער וואָלט איהם איבערגעקרימט, הערט זיך אויף א פערשטיקטער געוויין מיט א שעפּצען.

„ווער איז דאָס?" האָט ער געפרעגט שטריינג, הגם ער גופא האָט זיך פאר עפּים געשראָקען.

קיין ענטפער האָט ער ניט געקראָגען.

דעמאָלט האָט ארטעם צונויפגענומען אלע זיינע כחות, זיך איבערגעקעהרט אויף א זייט, ארויסגעלאָזען פון וועהטאָג א ווילדען געשריי וויא א פערוואונדעטע חיה, זיך א ביסעל אויפגעהויבען אויף דיא עלענבויגעס און אין דער פינסטער האָט ער דערזעהן א קליינע פיגור, וואָס איז געזעסען ביים ברעג שיפעל, צונויפגענומען אין א קנויט. דער דאָזיגער מענש האָט געהאַלטען זיינע קניע ארומגע־נומען מיט דיא לאַנגע און דינע הענד, דעם קאָפּ צוגעדריקט צו דיא קניע, און זיינע פּלייצעס האָבען געציטערט. ארטעם'ען האָט זיך אָבגעדוכט, אז דאָס זיצט א יונגער בחור'ל...

„קום אהער!" האָט ער געזאָגט.

אָבער יענער האָט ניט געפאָלגט און ניט אויפגעהערט צו טרייסלען זיך וויא אין קדחת. פון וועהטאָג און פון שרעק פאר דיא אונבעקאַנטע פיגור איז ארטעם'ען פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען, און ער האָט א געשריי געטהאָן מיט א ווילדען קול:

„קו־ום!"

און פון ווינקעל האָט זיך געגעבען א שאָט א גאַנצער האָגעל מיט ווערטער, וואָס דער מענשעל האָט זיך געאיילט ארויסצורייידען מיט א ציטערדיגע שטימע:

„וואָס פאר א רעה האָב איך אייך געטהאָן? פאר וואָס שרייט איהר אויף מיר? איך האָב אייך דען ניט אויסגעוואַשען מיט וואַסער, און ניט געשטילט אייער דורשט, און ניט געגעבען אייך בראָנפען?

איך האָב דען ניט געוויינט, ווען איהר האָט געוויינט, און ניט גע־פיהלט א וועהטאָג, ווען איהר האָט געקרעכצעט? אָ, גאָט מיין גאָט! אפילו ווען איך טהו א מענשען גוטס, האָב איך דערפון אויך נאָר צרות! וואָס פאר א רעה האָב איך אייך געטהאָן, אייער נשמה אין אייער לייב? וואָס פאר א רעה קען איך אייך טהאָן—איך! איך! איך!"

און דער מענש האָט איבערגעריסען זיינע רייד, זיך פונאַנדער־געוויינט הויך אויפ'ן קול, איז אָבער באַלד אנטשוויגען געוואָרען, זיך אָנגעכאַפּט מיט דיא הענד פאר'ן קאָפּ און גענומען זיך שאָקלען רעכטס און לינקס, זיצענדיג אויף דער ערד.

„קין! דאָס... דוא ביסט דאָס!

„נו, וואָס איז? דאָס בין איך!

„דוא? נו, נו! דאָס אַלץ—דוא האָסט דאָס דאָדערט? אי־אי! דוא קום נאָר אהער. נו, נאָר איינער!

ארטעם האָט ניט ערוואַרטעט אזא בעגעגעניס און האָט זיך פערלאָרען, אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט ער דערפיהלט, אז אין איהם האָט זיך אָנגעצונדען א מאָדנע שמחה. ער האָט זיך אפילו פונאַנדערגעלאַכט, ווען ער האָט דערזעהן, וויא דער איד פּוי־זעט צו איהם אויף אַלע פיער מיט ניט־זיכערע טריט, און וויא עס ווינקען ביי איהם, אָפּט־אָפּט און מיט אַן אויסדרוק פון שרעק, דיא קליינע אויגעלעך אויפ'ן מיאוס'ען פּנים, וואָס איז ארטעם'ען געווען בעקאַנט אזא לאַנגע צייט.

„געה, האָב קיין מורא ניט! איך שווער דיר מיט גאָט'ס נאָ־מען, אז איך וועל דיך ניט אנריהרען!" האָט ער געפונען פאר נויטיג צו ערמונטערן דעם אידען.

קין האָט צוגעפּויזעט צו זיינע פיס, זיך אָבגעשטעלט און גענו־מען קוקען אויף זיי מיט אזא רחמנות־שמייכעל, פונקט וויא ער וואָלט ערוואַרטעט, אז אָט־אָט צוטרעטען דיא פיס זיין קערפּער, וואָס איז אויסגעדאַרט געוואָרען פון שרעק.

„נו!... אַט וואָס דוא קענסט! און דאָס אַלץ האָסט דוא געטהאָן? ווער האָט דיך געשיקט—אַנפּיסאַ?״ האָט זיך נאָכגעפּרעגט אַרטעם, קוים ריהרענדיג מיט׳ן צונג.

„איך בין אַליין געקומען!

„אַליי־יין? זאָגסט אַ ליגען!

„איך זאָג ניט קיין ליגען, איך זאָג ניט קיין ליגען!״ האָט קין ׳טנעל גענומען שעפּצען. „איך בין אַליין געקומען — איך בעט אייך— גלויבט מיר! איך וועל דערציילען, וויא אַזוי איך בין געקומען. אַט הערט — איך האָב זיך דערפון דערוואוסט אין גראַבילאָווקאַ... איך טרינק טהעע און הער: אַרטעם׳ען האט מען ביי נאַכט דערהרג׳עט צום טויט. איך גלויב ניט—פּכע! וויא קען דאָס זיין, אַז אייך זאָל מען דערהרג׳ען צום טויט? איך לאָף זיך אונטער דיא וואָנצען. אָ, קלער איך ביי זיך, איהר נאַרישע מענשען! דער דאָזיגער מענש איז — וויא שמשון הגבור, און ווער פון אייך קען איהם צו סטייער קומען? אָבער מען קומט אַלץ צוגעהן און מען זאָגט: גע׳ממית׳ט, גע׳ממית׳ט! און מען זידעלט אייך, און מען לאַכט... אַלעמען טהוט הנאה... און איך האָב גענומען גלויבען... און האָב זיך דערוואוסט, אַז איהר זייט דאָרערט... מען איז שוין געקומען אַהער קוקען אויף אייך און מען האָט געזאָגט, אַז איהר ליעגט טויט... איך בין אוועק און געקומען און האָב אייך דערזעהן... איהר האָט געקרעכצעט, ווען איך בין דאָרערט געשטאַנען. איך האָב געקוקט אויף אייך און ביי זיך געקלערט—דעם שטאַרקסטען מענשען אויף דער וועלט — און אַט האָט מען איהם אוועקגע׳הרג׳עט!... אַזאַ קראַפט, אַזאַ קראַפט!... איך האָב אויף אייך, האָט אויף מיר קיין פּאַראיבעל ניט, רחמנות געקראָגען! איך האָב אַ קלער געטהאָן, אַז מען דאַרף אייך אַרומוואַשען מיט וואַסער... און איך האָב דאָס טאַקי געטהאָן, און פון דאָס האָט איהר גענומען קומען צו זיך... איך בין געוואָרען מלא שמחה... אָך, וויא איך האָב מיך דאָס געפרייט!... איהר גלויבט מיר ניט, וואָס? דערפאַר, וואָס איך בין — אַ זשיד? יע? ניין אָבער, איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר גלויבען... איך וועל אייך זאָגען, פאַר וואָס איך האָב זיך דערפרייט און וואָס איך האָב ביי זיך

געטראַכט... איך וועל זאָגען דעם אמת... איהר וועט ניט ווערען אין כעס אויף מיר?"

„אַט האָסטו מיין צלם! א דונער זאָל מיך דערשלאָגען!" — האָט זיך גענומען שווערען איבער דיא כחות דער צושלאָגענער גבור.

קין האָט זיך צוגערוקט צו איהם נאָך נעהענטער און נאָך מעהר ארונטערגעלאָזען זיין שטימע.

„איהר ווייסט, וויא גוט עס איז מיר צו לעבען? איהר ווייסט דאָס, יע? איך האָב דען, זייט מוחל, ניט געליטען פון אייך קיין קלעפּ? און איהר האָט דען ניט אָבגעלאַכט פון דעם פּארכאַטען זשיד? וואָס? דאָס איז ניט אמת? א! האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך זאָג אייך דעם אמת, איהר האָט זיך דאָך געשוואָרען. זייט ניט אין כעס! איך זאָג נאָר, אז איהר, וויא אַלע איבעריגע מענשען, האָבען גע'רודפ'ט דעם זשיד... פאַר וואָס? א? איז דען א זשיד ניט דער זוהן פון אייער גאָט, און דען ניט איין גאָט האָט געגעבען א נשמה אייך און איהם?

קין האָט זיך געאיילט, געוואָרפען איין קשיה נאָך דער אַנדע־רער, ניט ווארטענדיג אויף קיינע תירוצים: — אין איהם האָבען מיט א מאָל גענומען זידען דיא אַלע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט פער־צייכענט ביי זיך אין הארצען דיא אויסגעשטאַנענע קריוודעס און בעליידיגונגען; איצטער האָבען זיי אַלע אין איהם אויפגעלעבט און אַט האָבען זיי זיך געגאָסען פון זיין הארצען וויא א הייסער פאָנטאַן. ארטעם האָט זיך געפיהלט אַזוי וויא שולדיג פאַר איהם.

„הער נאָר, קין", האָט ער געזאָגט מיט א פערשטיקטען קול, „רייד ניט דערפון! איך וועל דיך... אויב איך וועל דיך פון יעצט מאָל אָן א ריהר טהאָן מיט א פינגער... אָדער אַנאַנדערער — וועל איך צוהאַקען אויף שטיקער! האָסט פערשטאַנען?"

„אהא!" האָט קין א געשריי געטהאָן מיט נצחון און פון התלהבות האָט ער געגעבען אפילו א שמאַקץ מיט'ן צונג. „אַט זעהט איהר! איהר האָט זיך פאַר מיר פערזינדיגט... זייט מוחל! בייזערט זיך ניט אויף מיר דערפאַר, וואָס איהר ווייסט, אז איהר האָט זיך פאַר מיר פערזינדיגט! איך זאָג, אז ניט, אָבער איך ווייס

דאָך, אָ! איך ווייס, אז איהר זייט שולדיג ווינציגער פון דיא אנ־דערע!... איך פערשטעה דאָס! זיי אלע שפּייען נאָר אויף מיר מיט זייערע פּאסקודנע שפּייעכטס, אָבער איהר שפּייט אויף מיר און אויף זיי אלעמען! איהר האָט א פולע אנדערע בעליידיגט ערגער פון מיר... איך האָב דעמאָלט געטראַכט ביי זיך — אָט דער א שטאַרקער מענש שלאָגט מיך און בעליידיגט מיך ניט דערפאר, וואָס איך בין א זשיד, נאָר דערפאר, וואָס איך—אזוי וויא זיי אלע, בין ניט בעסער פון זיי און לעב צווישען זיי... און... אלע מאָל האָב איך מורא געהאַט פאר אייך און אייך האָלט געהאַט. איך האָב אויף אייך געקוקט און געטראַכט, אז איהר וואָלט אויך געקענט צורייסען מיט דיא הענד א לייב און אויסהרג׳ענען דיא פּלשתּים... איהר האָט זיי געשלאָגען... און איך האָב האָלט געהאַט צו קוקען, וויא אזוי איהר האָט דאָס געטהאָן... און מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיין שטארק, אָבער איך בין וויא א פלעה...

ארטעם האָט זיך הייזעריג פונאנדערגעלאַכט.

„אָט דאָס האָסטו אָן אמת געזאָגט — טאַקי וויא א פלעה!...

דאָס, וואָס קין האָט צו איהם גערעדט, האָט ער כמעט ניט פערשטאַנען, אָבער עס האָט איהם געטהאָן הנאה, דאס דיא קליינ־צינקע פיגור פון אידען געפינט זיך לעבען איהם. און בעת קין האָט געשעפּצעט איין אויפגערעגטער, האָבען זיך ביי איהם אין קאָפּ צור־נויפגעשטעלט פאמעלאך אייגענע רעיונות:

„וויא פיעל איז יעצט דער זייגער? עס מוז שוין זיין מיטאָג צייט און קיין איינע קומט ניט צוגעהן מבקר חולה זיין דעם ליעבען פריינד... און אָט דער זשיד איז געקומען.... האָט אויסגעהאָלפען, זאָגט—איך האָב אייך האָלט, און איך האָב איהם בעליידיגט צייטענ־ווייס... לויבט מיין גבורה... וועט זיא צו מיר ווען ניט איז קומען צוריק? גאָטעניו, אויב זיא וואָלט נאָר קומען צוריק.

ארטעם האָט שווער געזיפצעט און זיך פארגעשטעלט, וויא ער האָט צוהרג׳עט זיינע שונאים און זיי ליעגען, אנגעשוואָלענע, אָט אזוי וויא ער. און זיי אויך, אזוי וויא ער, וועלען זיך וואַלגערן אָהן כחות

ערגיץ אויף דר'ערד... אָבער צו זיי וועלען קומען צוגעהן איינענע מענשען, חברים, און ניט א זשיד...

ארטעם האָט א קוק געטהאָן אויף קין'ען, און עס האָט זיך איהם בעוויעזען, אז פון דיא רעיונות איז איהם ביטער געוואָרען אין גאָרגעל און אין מויל. ער האָט אויסגעשפּיגען און שווער אָבגעזיפצעט.

און קין האט אלץ גערעדט, שרעקליך אויפגערעגט; פון אויפ־רעגונג איז ביי איהם פערקרימט געוואָרען דיא צורה און דער גאַנ־צער לייב האט זיך געטרייסעלט.

„און ווען איהר האָט גענומען וויינען... האָב איך זיך אויך פונאַנדערגעוויינט... אזוי שטארק האָט דאָס מיר פערקלעמט דאָס הארץ פאר אייער גבורה...

„און איך ליעג און קלער, ווער קרימט דאָס מיך איבער?" האָט ארטעם אויסגערעדט מיט א פינסטערען שמייכעל.

„איך האָב אלע מאָל האָלט געהאט אייער גבורה... און איך האָב געבעטען גאָט: דוא, אייבינער גאָט אונזערער, אין הימעל און אויף דער ערד און אין דיא העכסטע און וויטעסטע הימלען! זאָל זיך א מאָל מאכען, אז איך זאָל צוניץ קומען אָט דעם אָ שטארקען מענשען! הלואי זאָל איך זיך מיט וואָס ניט איז אויספיינען פאָר איהם, און זיין גבורה זאָל זיך מיר אוועקשטעלען פאר א שומר! מאך, אז איך זאָל דורך איהר פערהיט ווערען פון דיא רדיפות, און דיא וואָס יאָגען מיך, זאָלען געהן פערלאָרען פון דער דאָזיגער גבורה! אזוי האָב איך מתפלל געווען... און לאנג האָב איך געבעטען מיין גאָט, אז ער זאָל מיין שטארקסטען שונא מאכען פאר א מליץ יושר פאר מיר, אזוי וויא ער האָט מרדכי'ן געגעבען פאר א בעשיצער דעם קיסר, וועלכער האָט מנצח געווען אלע פעלקער... און אזוי האָט איהר געוויינט, און איך האָב געוויינט... און מיט א מאָל האָט איהר אויף מיר א געשריי געטהאָן, און אלע מיינע תפילות זיינען פערפאלען געוואָרען"...

„איך האָב דען געוואוסט, וואָס... דוא מאָדנער מענש"... האָט זיך ארטעם פערענטפערט און א שמייכעל געטהאָן.

אָבער קין האָט על כל פּנים קוים געהערט, וואָס יענער האָט געזאָגט. ער האָט זיך געשאָקעלט, געמאַכט מיט דיא הענד און ניט אויפגעהערט צו שעפּצען מיט התלהבות, און אין זיינע רייד האָבען געקלונגען אַלערליי געפיהלען: אי שמחה, אי בטחון, אי אַ פּערגע־טערונג פון דער גבורה פון דעם דאָזיגען איסקאַליעטשעטען מענשען, אי מורא, אי אַ שרעקליכער אומעט...

„מיין טאָג איז געקומען, און אָט בין איך איינער אליין לעבען אייך... אַלע האָבען אייך אוועקגעוואָרפען, און איך בין געקומען.. איהר וועט דאָך געזונד ווערען, אַרטעם? דאָס איז פאַר אייך קיין גרויסע סכנה ניט? און אייער גבורה וועט צו אייך קומען צוריק?

„איך וועל אויפשטעהן... דאגה ניט... און דיך פאַר דיין גוט האַרץ וועל איך בעהיטען, וויא אַ קליין קינד"...

אַרטעם האָט געפיהלט, אַז ביסלעכוויים ווערט איהם בעסער— דער לייב טהוט ניט וועה אַזוי שטאַרק און אין קאָפּ איז ביי איהם קלאָרער. מען דאַרף זיך אָננעהמען פאַר קין'ען—וואָס טאַקי אין דער אמת'ען? אָט ס'אַרא גוטער ער איז, ס'אַראַן אָפענע האַרץ ער האָט —רעדט אָפען, גלייך אין פּנים אריין, מיט אַ פולען מויל. ווען דער געדאַנק איז אַרויף אַרטעם'ען אין מח, האָט ער פּלוצלונג געגעבען אַ שמייכעל—שוין אַ לאַנגע צייט וויא ער האָט עפּיס געוואָלט און אָט איצטער האָט ער פערשטאַנען, וואס דאָס איז געווען.

„עסען וויל איך דאָס... הער נאָר, קין, אפשר איז אַ סברה, אַז דוא זאָלסט מיר קריגען עפּים צום עסען?

קין איז אויפגעשפּרונגען אויף דיא פיס מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ער האָט זיך שיער ניט צופלעט דעם קאָפּ אָן דעם באַלקען פון שיפעל. זיין געזיכט איז עפּיס נאָר אַנאַנדערע געוואָרען—עס האָט זיך דאָרטין בעוויעזען דער אויסדרוק פון קראַפט און אין דער זעלביגער צייט אַ מאָדנע העלקייט וויא ביי אַ קינד. אַרטעם, אָט דער אָ גבור וואָס מען געפינט נאָר אַזעלכע אין בבא־מעשיות, בעט עסען ביי איהם, ביי קין'ען!

„איך וועל פאַר אייך מאַכען אַלץ, אַלץ! עס איז שוין אָנגע־גרייט, אָט דאָרטען, אין ווינקעל! איך האָב זיך אָנגעשפּייזט... איך

וויס, ווען אימיצער איז קראנק, מוז ער עסען... נו, יע! און ווען איך בין אהער געגאנגען, האב איך אויסגעגעבען א גאנצען רובעל.

„מיר וועלען זיך אברעכענען! איך וועל דיר אבגעבען צעהן... איך קען דאס אויספיהרען... ניט מיין געלד... כ׳וועל זאגען—גיב! און מען וועט געבען...

און ער האט זיך גוטהערציג פונאנדערגעלאכט, און פון דעם געלעכטער האט קין נאך מעהר גענומען שיינען און האט אפילו א לאך געטהאן.

„איך וויס... זאגט נאר, וואס איהר ווילט? איך וועל טהאן אלץ, אלץ"...

„א... אט זעהסטו... אויב עס איז שוין יע אזוי... טיק שמיר מיך אויס מיט בראנפען! עסען גיב מיר ניט, נאר א פריהער שמיר אויס... קענסט דאס?

„און פאר וואס זאל איך ניט קענען? וויא דער בעסטער דאק־טאר וועל איך מאכען!

„גוט! וויא דוא שמירסט מיך אויס, שטעה איך באלד אויף.

„איהר וועט אויפשטע־עהן? אך, ניין, איהר קענט ניט אויפ־שטעהן!...

„איך וועל דיר בעווייזען, אז איך קען יע! וואס מיינסטו, איך וועל דאדערט בלייבען געבטינגען? דוא מאדנער מענש... בעסער שמיר מיך אויס און כאפ זיך אריבער אין פארשטאדט צו דער קובען־בעקערקע מאקיעווגא... און זאג איהר, אז איך וועל זיך צו איהר אין הויף אריבערקלייבען וואהנען, אין שייער, וואו זיא האלט האלץ... זאל זיא מיר דארטין אויסבעטען אויף שטרוי. ביי איהר וועל איך זיך אויסליעגען... אט! פאר אלץ וועל איך דיר בעצאהלען.. . האב קיין מורא ניט!

איך גלויב," זאגט קין, אנגיסענדיג בראנפען ארטעמ׳ען אויפ׳ן ברוסט. „איך גלויב אייך מעהר וויא זיך אליין... אך, איך קען אייך!

„אר־או! רייב, רייב... נישט קשה, זאל וועה טהאן... רייב כסדר... א־א־א!... אט אזוי, אט אזוי, אט אזוי," האט געברומט ארטעם...

„איך וועל פאר אייך געהן אין וואסער," ערקלערט זיך קין אין ליעבע.

„אזוי, אזו, אזוי... דיא פליצקע, דיא פלייצקע רייב... אך, טייוולאָנים! וויא זיי האָבען מיך דאָס צוביגעלט! און אלץ איז דיא ווייבעל שולדיג. אויב דיא ווייבעל וואָלט זיך ניט אונטערגעדרעהט, וואָלט איך געווען ניכטער... און ווען איך בין ניכטער — פרוביר נאָר קריכען צו מיר!

קין איז שוין אריין אין דיא ראָליע פון א דינער און האָט ערקלערט:

„אָ, דיא פרויען! דאָס זיינען אלע עבירות פון דער וועלט... ביי אונז, אידען, איז אפילו פראן א בעזונדערע תפילה, וואָס מען זאָגט אין דער פריה: געלויבט ביסטו גאָט, אונזער גאָט, דער קעניג פון דער וועלט, דערפאר וואָס דוא האָסט מיך ניט בעשאפען א פרוי...

„נו? טאקי? האָט א געשריי געטהאָן ארטעם. „אָט אזוי טאקי, גאָר אָהן חכמות, לויבט איהר גאָט? אָט ס'ארא מאָדנע מענשען איהר זייט... וואָס איז זיא דען פאר א ווערה, דיא פרוי? זיא איז מעהר ניט וויא א נאר... אָבער אָהן איהר קען מען אויך ניט אויסקומען... מען זאָל אָבער לויבען גאָט דערפאר... דאָס איז ניט קיין פיינקייט פון אייך... וויא זאָל איהר דאָס ניט פערדריסען, דער פרוי, מיין איך! זיא האָט דאָך עפּיס אויך א נעפּיהל...

ער איז געלעגען, גרויס וויא א בארג, און האָט זיך ניט גע־ריהרט מיט קיין אבר; דיא געשווילעכטס האָט איהם געמאַכט נאָך גרעסער וויא ער איז געווען, און קין, דער קליינער און דארער נפש, האָט זיך געדרעהט ארום איהם און פערלאָרען דיא כחות איהם איינרייבענדיג דיא זייטען, דיא ברוסט, דעם לייב, און האָט נאָכאנאנד געהוסט פון דעם שטארקען ריח פון דיא בראָנפען.

איבערן ברעג טייך זיינען איטליבע מינוט פארביינענאנגען מענשען, עס האָבען זיך געהערט טריט און קולות. דאָס שיפעל איז געלעגען ביי א זאמדינען משופּה'דיגען בערגעל, מעהר פון איין אייל דיא הויך, און פון אויבען האָט מען דאָס געקאָנט זעהען נאָר

פון סאמען עק בארג. דער שמאָלער פּלאַץ צווישען דעם שיפעל און דעם טייך איז געווען בעדעקט מיט זאמד, מיט שפּענדלעך און מיט מיסט. אונטער'ן שיפעל איז נאָך געווען בלאָטיג. היינט אָבער האָט זיא עפּיס טשיקאווע אינטערעסירט מענשען. קין און ארטעם האָבען בעמערקט, וויא נאָבאַנאַנד געהט מען פאַרביי, וויא מען זעצט זיך אויפ'ן דעק, וויא מען קלאַפּט מיט דיא פיס אין דיא זייטלעך... אויף קין'ען האָט דאָס שלעכט געווירקט. ער האָט אויפגעהערט צו ריידען און זיך דרעהענדיג ארום ארטעמ'ען, האָט ער געשמייכעלט, און איי זיין שמייכעל איז געלעגען רחמנות און שרעק.

„איהר הערט?

„איך הער,“ האָט א שמייכעל געטהאָן דער גבור צופריעדע-נערהייט. „איך פערשטעה... זיי ווילען דערגעהן, ווען איך וועל וויע-דער בעקומען צוריק מיין כח... זיי דארפען דאָך דאָס וויסען... דיא ביינער זייערע אָנצוגרייטען... כאַ־כאַ! שדים! זיי פערדריסט מן הסתם, וואָס איך האָב ניט געפּגר'ט... זייער ארבייט איז איצטער ארויסגעוואָרפען...

„איהר ווייסט וואָס?“ האָט איהם קין געזאָגט שטיל אויפ'ן אויער, מיט דער מינע פון אימה און התראה. „איהר ווייסט? אָט וועל איך יעצט אוועק און איהר וועט פערבלייבען איינער אליין... און זיי וועלען דעמאָלט קומען צו אייך און... און...

ארטעם האָט געפּעפּעט דאָס מויל און זיך שטארק פונאנדער-געלאַכט אויף א הייזערינגען קול.

„אַך, דוא... צורה מיאוסע! דוא מיינסט, היוסט דאָס, אז זיי האָבען דאָס פּאַר דיר מורא, וואָס? אַך דוא איינער!

„א! אָבער איך קען זיין אן עדות!

„זיי וועלען דיך מכבד זיין!... כאַ־כאַ־כאַ! אָט דעמאָלט געה אָגען עדות!... אויף יענער וועלט!“

קין'ס שרעק איז פעריאָגט געוואָרען מיט ארטעמ'ס געלעכטער, און דעם פּלאַץ פון שרעק האָט פערנומען אין דער שמאָלער איינ-געפאלענער ברוסט פון דעם אידען א שטייפע און פריילִיכע זיכער-קייט. איצטער וועט זיין לעבען אוועק אויף אנאנדער דרך, איצטער

איז ביי איהם פראן א מעבטיגע האַנד, וואָס וועט שטענדיג אָבּפּיה־רען פון איהם די קלעפּ און די אונגערעכטיגקייטען פון די מענ־שען, וועלכע האָבען איהם געמאַטערט, ווייל זיי האָבען ביז אַהער ניט מורא געהאַט פאַר קיין שום שטראָף.

עס איז פאַרביי בקרוב א חדש.

איין מאָל נאָכמיטאָג, אין אַ צייט, ווען דאָס לעבען אין שיכאַן ווערט מאָדנע אנגעשטריינגט, ווערט עפּיס געדיכטער און קאָכט אויף, ווען אַרום די פּערקויפער פון עסענוואַרג שטעהען גרויסע רעדלעך אַר־בּייטער פון די שיפען און פון האַפען מיט ליידיגע מאַגענס און הויך אויפ׳ן קול, איבערשרייענדיג איינער דעם צווייטען, פאָדערן זייא עסען, און די גאַנצע גאַס פּילט זיך אָן מיט׳ן וואַרעמען ריח פון געקאָכטע פלייש, — אין דער צייט האָט אימיצער מיט א האַלבען מויל א געשריי געטהאָן:

„אַרטעם געהט!

עטליכע אבגעריסענע באָסיאַקעס, וועלכע האָבען זיך אַרומ־געשלעפּט פּוסט־און־פּאַס איבערן גאַס, וואַרטענדיג אויף א געלע־גענהייט צו כאַפּען א בשר׳ע מציאה, זיינען ערגיץ נעלם געוואָרען. די תושבים פין שיכאַן האָבען אונרוהיג און נייגיריג א קוק געגעבען מיט א קרומען אויג אין דער זייט, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט די התראה.

אויף אַרטעם׳ען האָט מען שוין לאַנג געוואַרט; אין זיין קומען איז מען געווען מיעף אריינגעטהאָן און מיט הייך האָט מען גערעדט מכח דעם, ווי אַזוי ער וועט אויסזעהן דעם ערשטען מאָל?

פּונקט ווי אלע מאָל איז אַרטעם געגאַנגען אין מיטען גאַס רוהיג און פּאַמעלאַך, אַט אַזוי ווי עס געהט אויף א שפּאַציער א זאַטער מענש, זיין אויסזעהן איז אויף א האָאר ניט פערענדערט געוואָרען. ווי׳אַלע מאָל איז דער יאַק בייא איהם געהאַנגען אויף איין פּלייצע, דאָס היטעל איז געווען פעררוקט אין א זייט . . . און די שוואַרצע לאָקען האָבען זיך צושאָטען איבערן שטערן, אויך ווי אַלע מאָל; דעם גרויסען פינגער פון דער רעכטער האַנד האָט ער אריינ־

געשטעקט אין גארטעל, דיא לינקע האנד איז געלעגען טיעף אריינ־ גערוקט אין דער הויזען־קעשענע, און דיא גבור'שע ברוסט האט זיך אויסגעשטעלט פאראוים. נאר אין זיין שיינעם געזיכט איז געלעגען מעהר שכל וויא פריהער — דאס איז געוויינליך דיא מעשה מיט'ן מענשען, ווען ער שטעהט אויף פון א קראנקען בעט. ער איז געגאנגען און האט געענטפערט אויף דיא „גוט מארגענס” פויל שאקלענדיג מיט'ן קאפ.

דיא גאנצע גאס האט איהם בעגלייט מיט דיא אויגען און מען האט זיך פשוט ניט געקאנט אבוואונדערן פון דער דאזיגער גבורה, וואס קען גאר ניט צוּבראכען ווערען און האט אזוי לייכט אריבער־ געטראגען קלעפּ. אין גאס זיינען געווען א סך מענשען, וועלכע האבען מיט רשעת געערעדט פון זיין געזונד ווערען; מיט פעראכטונג האבען זיי געזידעלט דיא חברה, וואס האט ארטעם'ען ניט אבגעשלאגען דיא לונגען און ניט איבערגעבראכען דיא ביינער. יויא קען דאס זיין, אז עס זאל זיך געפינען א מענש אויף דער וועלט וועמען מען זאל גאר ניט קענען פּטר'ען אויף טויט! . . . אנדערע ווידער האט דיא געשיכטע הנאה געטהאן און זייא האבען געזעהן צו טרעפען, וויא אזוי דער גבור וועט זיך אברעכענען מיט'ן רויטען באק און יענעמ'ס חברים. וואס מעכטיגער אימיצענ'ס קראפט איז, פערבלענדט זיא אלין מעהר דיא אויגען, און דער גרעסטער טהייל פון עולם איז געווען פער־כישופ'ט פון ארטעמ'ס קראפט.

און ארטעם איז דערוויילע אריין אין „גראבילאָווקא” — דעם קלוב פון שיכאן.

ווען זיין הויכע און מעכטיגע געשטאלט האט זיך בעוויעזען אויפ'ן שוועל פון טראקטיר, זיינען וועניג געסט געווען און לאנגען צימער מיט'ן ניעדעריגען האלב־קיילעכדיגען באלקען, אויסגעלעגט פון ציגעל. ווען ארטעם איז אריין, האבען זיך דערהערט צווייא — דריי געשרייען, עס איז געווארען עפּיס א רוהענים און א דרעהענים און אימיצער האט זיך וויא א קאץ א ווארף געטהאן אין ווייטעןווינקעל פון דעם דאזיגען גרוב וואו עס האט גערונען פון דיא וועגד, וואו דיא לופט איז געווען פול מיט'ן עיפּוש'דיגען רויך פון וואלוועד־

לען טאבאק, און וואו יעדע ברעקעלע איז געווען דורך און דורך פערשימעלט און פערבלאָטיגט.

ארטעם האט קיינעם ניט געוואָלט בעמערקען. ער האט א פיהר געטהאָן מיט דיא אויגען איבער'ן טראקטיר און ווען דער שיינ־קער סאווקא בליעבניקאָוו האט איהם פריינדליך געגריסט, האט ער געענטפערט אויף יענעמ'ס גוט־מאָרגען מיט דער פראגע:

„קין איז ניט געווען?

„דארף באלד זיין... זיין צייט איז נאָהענט"... ארטעם איז צו־געגאנגען צו א טיש, וואס איז געשטאנען ביי איינעם פון דיא פענ־סטער מיט אייזערנע גראטקעס, האט בעשטעלט טהעע, אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש זיינע ריעזיגע הענד און גענומען גלייכגילטיג קוקען אויפ'ן עולם. אין טראקטיר זיינען געווען א מאן צעהן, אלץ באָסיאקעס; זיי זיינען געשטאנען אין א רעדעל לעבען צוויי טישען און פון דאָר־טען האבען זיי געלויערט אויף ארטעמ'ען. ווען זייערע אויגען פלעגען בעגעגענען דיא אויגען פון שיינעם יונג, פלעגט ביי דער הברה ווערען קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען און זיי פלעגען אָנהויבען צו שמייכלען מיט א רחמנות פנים; עס איז געווען קאָנטיג, אז זיי האבען געוואָלט אריינטרעטען מיט ארטעמ'ען אין א שמועס, אָבער יענער האט אויף זיי געוואָרפען א שווערען פינסטערען קוק. און אלע האבען געשוויגען און ניט געהאט דיא העזה אָנצופאנגען מיט איהם צו ריידען. בליעב־ניקאָוו איז געווען פערנומען הינטער'ן בופעט מיט זיינע פלעשלעך און גלעזלעך און זינגענדיג אונטער'ן נאָז עפעס א ליעדעל, האט ער גע־קוקט ארום זיך מיט אויגען פון א פוקס.

פון גאס האט זיך געטראָגען אין דיא פענסטער א הילבעדיגער געפילדער; עס האט זיך געהערט, וויא מען האט זיך דאָרטען גע־זידעלט און געשאָלטען מיט אָבגעוואשענע קללות, וויא מען האט זיך געשוואָרען, וויא הענדלער האָבען געשריען. ערגיץ גאָר נאָהענט איז מיט א בריאזג אראָפגעפאלען א פלאש און האט זיך צובראָכען אויף דיא שטיינער. ארטעמ'ען איז געוואָרען אומעטיג אין דעם פערשטיק־טען שיינק...

„נו, איהר וועלף", האָט ער מיט א מאָל גענומען ריידען הויך און ציהענדיג דיא ווערטער. „וואָס זייט איהר שטיל געוואָרען? רייסען דיא אויגען און שווייגען"...

„ריידען קענען מיר אויבעט, אייער שטריינגע עקסעלענץ!" האָט געזאָגט דער אָבגעשמיסענער חתן, זיך אויפהויבענדיג פון זיין אָרט, און איז צוגעגאַנגען צו ארטעם'ען.

דאָס איז געווען א דארער מענשעל אין א פּארוסינעווען יאַק און זעקנערשע הויזען, א פּליבעוואטער, מיט א שפּיציגע בערדעל, מיט קליינע רויטע אויגען, וואָס האָבען געווינקט מיט א בייזען גלאַנץ.

„מען זאָגט, אז דוא ביסט געוועזן קראַנק?" האָט ער א פרעג געטהאָן, זיך זעצענדיג אנטקעגען ארטעם'ען.

„נו?

„גאָר ניט... מען האָט דיך א צייט ניט געזעהן... וויא פיעל מאָל האָב איך זיך נאָכגעפרעגט נאָך דיר: וואו איז דאָס ארטעם אהינגעקומען? הערסט, עס האָט זיך איהם גאָר פערוואָלט צו קריינקען!

„אזוי... נו?

„נאָך א מאָל... נו? נאָמיר פאָהרען ווייטער... וואָס האָט דיר וועה געטהאָן?

„און דוא ווייסט ניט?

„איך בין דען געוועזן דיין דאָקטאָר?

„און אַלץ, וואָס דוא זאָגסט איז ליגען, דוא הונד איינער," האָט געזאָגט ארטעם מיט א קרומען שמייבעל. „צו וואָס לייגסטו? דוא ווייסט דאָך דעם אמת?

„אודאי וויים איך", האָט געזאָגט דער אָבגעשמיסענער חתן אויך מיט א קרומען שמייבעל.

„פאַר וואָס־זשע זאָגסטו א ליגען?

„א ליגען איז קליגער, אזוי קומט ביי מיר אויס...

„קליגער! אזוי, דוא מענש איינער!... א גאָרנישט ביסטו!

„יע... מען זאָל דיר זאָגען דעם אמת, קענסט נאָך אין כעס ווערען; א קשיה אויף דיר...

„שפּייען וויל איך אויף דיר!

„א דאנק באָטש דערפאַר! און מיט א גלעזעל בראנפּען וועסט דאָס מיך גאָר ניט מכבד זיין פון שמחה, וואָס דוא ביסט געזונד געוואָרען?

„הייס דערלאַנגען...

דער חתן האָט בעשטעלט א האלבע פלעשעל בראנפּען און איז גאָר א לעבעדיגער געוואָרען.

„ס'ארא לייכטען לעבען דוא האָסט דאָס, ארטעם!... תמיד האָסטו געלד...

„נו, וואָס איז?

גאָר ניט... דיא פרויען העלפען דיר אויס!.. פערפלוכט זאָלען זיי ווערען!

„און אויף דיר קוקען זיי ניט.

„וויא קומען מיר צו דיר. מיר וואָלטען געהאט אזעלכע פּיס וויא דיינע, וואָלטען מיר געגאנגען מיט דיר אין איין וועג, אָהן א טענה", האָט אָבגעזיפצעט דער חתן.

„מחמת א פרוי האָט האָלט א געזונדען מענשען. וואָס ביסטו? און איך בין — א ריינער מענש, אָט וואָס...

אויף אזא שטייגער פלעגט ארטעם רעדען מיט דיא באָסיאַקעס. זיין גלייכגילטיגע, פוילע און געדיכטע שטימע האָט געמאכט זיינע ווערטער קרעפטיגער און שווערער, און זיי זיינען שטענדיג געווען אי גראָב אי פול מיט בעליידיגונגען. ער האָט אפשר געפיהלט, אז דיא דאָזיגע מענשען זיינען אין א סך ענינים ערגער פון איהם, אָבער אלע מאָל קליגער.

... עס איז אריין קין מיט זיין קעסטעל סחורה אויף דער ברוסט און מיט א געלע ציצענע קליידעל, וואָס איז געהאנגען איבער דיא לינקע האנד. א צוגעדריקטער מיט'ן געפיהל פון שרעק, וואָס האָט איהם קיין מאָל ניט אָבגעלאָזען, איז ער געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר, האָט אויסגעצויגען זיין האלז און מיט אן אונרוהיגען שמייכעל

בעקוקט דעם טראקטיר, אָבער ווען ער האָט דערזעהן ארטעם׳ען, האט זיין גאנצע צורה גענומען שיינען פון שמחה. אַרטעם האָט אויף איהם געקוקט מיט א ברייטען שמייכעל און דיא ליפּען האָבען זיך ביי איהם גערירט.

„קריך אהער, צו מיר!“ האט ער צו קין׳ען א געשריי געטהאָן; דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט צום חתן און מיט חוזק איהם אָבגעגעבען א בעפעהל:

„און דוא טראָג זיך אָב פון דאַנען... לאָז א מענשען זיך זעצען“...

דעם חתן׳ס פּרצוף, בעדעקט מיט געלע, האַרטע האָאר, איז אויף א רגע פערשטיינערט געוואָרען פון התפעלות און פערדרוס; ער האָט זיך לאַנגזאם אויפגעהויבען פון שטוהל, א קוק געטהאָן אויף דיא חברים, וועלכע זיינען ניט ווינציגער פון איהם נשתומם געוואָרען. אויף קין׳ען, וועלכער איז געגאַנגען צום טיש פאַרזיכטיג און קוים אָנריהרענדיג דיא ברעטער פון דער פּאָדלאָגע מיט זיינע שטיוועל... און פּלוצלונג האָט ער בייז אויסגעשפּיגען:

„טפו!“

נאַכדעם איז ער פּאַמעלאַך און שטילערהייט אַוועק צו זיין טייט, וואו עס האָט זיך תיכף דערהערט א פערשטיקטער שמועס, אין וועלכען מען האָט געקאָנט קלאָר דערקענען דיא נאָטען פון חוזק און רשעת. קין האָט אלץ געשמייכעלט, וויא א פערלאָרענער, מלא שמחה, און אין דער זעלביגער צייט האָט ער געוואָרפען פון דער זייט אונרוהיגע אויגען אין דעם ווינקעל, וואו עס איז געזעסען דער בעליי־דיגטער התן מיט זיין חברה.

און אַרטעם האָט גערעדט צו איהם גוטהערציג:

„נו, סוחר, נאָמיר טהעע טרינקען, וואָס?... מען דארף קויפען א קובען,— ווערסט עסען קובען? וואָס קוקסטו אהין?... שפּיי אָן אויף זיי, האָב קיין מורא ניט.... וואַרט נאָר, איך וועל זיי באַלד אָנ׳מוסר׳ן.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, א רוק געטהאָן מיט דער פּלייצע און זיין יאַק איז אַראָבגעפאַלען אויף דר׳ערד, און איז צוגעגאַנגען צום

טיש פון דיא אונצופריעדענע. הויך און שטארק, אויסשטעלענדיג דיא ברוסט, הויבענדיג דיא אקסלען און מיט אלע מיטלען ארויסווייזענדיג פאר זיי, ס'ארא גבורה ער האט אין זיך, איז ער געשטאנען אנט־קעגען דער חברה, מיט א קרומען בייזען שמייכעל אויף דיא ליפען, און זיי זיינען פערגליווערט געוואָרען אויף זייערע פּלעצער, שטום וויא דיא וואנד און שוין אָנגעגרייט צו מאכען א ויברך.

„נו," האט אָנגעפאנגען ארטעם, „וואס ברומט איהר ?"

עס האט זיך איהם געוואָלט זאָגען עפּיס א שרעקליך־שטאר־קען וואָרט, אָבער ער האט ניט געהאט קיין ווערטער און האט זיך אָבגעשטעלט...

„מענסט דבר'ן מיט א מאָל!" האט א מאך געטהאָן מיט דער האנד דער אָבגעשמיסענער חתן, פערקרימענדיג דיא ליפען. „זאלסט בעסער אָבשטעהן פון אונז אויף אלע פיער זייטען, דוא גאָט'ס גולם !"...

„שווייג !" האט ארטעם א פיהר געטהאָן מיט דיא ברעמען..

„ביסט אין כעס... עס שטעהט דיר ניט אָן, וואָס איך חבר זיך מיט א זשיד, און דיך האָב איך אוועקגעטריבען... איך זאָג אייך אַלעמען, — ער, דער זשיד, איז בעסער פון אייך ! מחמת ביי איהם איז דאָ א געפיהל צו אנאנדער מענשען... און איהר האט קיין געפיהל ניט... ער איז נאָר א פערמאטערטער... און אָט איצטער נעהם איך איהם אונטער מיין האנד... און אויב וואָס'ער ניט איז פערזעהענים פון אייער כאַפּטע וועט איהם בעליידיגען — זאָל שוין יענער דעמאָלט בעסער אָבזאָגען וידוי בעצייטענס! איך בין מודיע אין קלאָרע דבורים: ניט שלאָגען וועל איך, איך וועל מאטערן...

אין דיא אויגען האט זיך ביי איהם בעוויעזען א ווילדער פייער, דיא אָדערן אויפ'ן האלז האָבען זיך אָנגעבלאָזען און דיא נאָזלעכער — געגומען ציטערן.

„דאָס וואָס מען האט מיך א שיכור'ן צושלאָגען, איז ביי מיר ווערטה א שפּיי ! קיין כחות איז ביי מיר ניט אָבגעקומען, נאָר דאָס הארץ האט מען מיר געמאכט הארטער... אָט אזוי זאָלט איהר וויסען ! און פאר קין'ען, פאר איטליכען שלעכטען וואָרט, וואָס מען

וועט איהם זאָגען, וועל איך זיך אָננעהמען און ממית'ען וועל איך אָט טאקי צום טויט. איהר קענט דאָס אַלעמען זאָגען פון מיינעט־וועגען...

ער האָט טיעף אָבגעצויגען דעם אטהעם, אזוי וויא ער וואָלט פון זיך ארונטערגעוואָרפען א שווערע משא; ער האָט זיך אומגע־קעהרט צו זיי מיט'ן רוקען און איז אוועק...

„פיין אָבגע'דרשן'ט!" האָט דער אָבגעשמיסענער חתן א גע־שריי געטהאָן מיט א האַלבען מויל און זיין צורה האָט זיך פער־קרימט אין גרויס אומעט, בעת ער האָט געקוקט, וויא ארטעם זעצט זיך אוועק אנטקעגען קין'ען.

קין איז געזעסען ביים טיש, בלייך פון אויפרעגונג, און האָט ניט געקאָנט אָברייסען פון ארטעם'ען דיא אויסגעגלאָצטע אויגען, און אין זיי איז געלעגען א געפיהל, וואָס איז שווער אויסצודריקען מיט ווערטער.

„האָסט געהערט?" האָט איהם שטריינג געפרעגט דער שיי־נער יונג. „אָט... געדיינק־זשע, וויא נאָר אימיצער וועט דיך אנ־ריהרען, לויף צו מיר און זאָג. איך וועל דיא מינוט קומען און איהם צוגווינטעווען דיא ביינער...

דער איד האָט עפּעס געשעפּצעט, האָט געבעטען גאָט אָדער געדאַנקט דעם מענשען. און דער אָבגעשמיסענער חתן מיט זיין חברה האָבען אין דער שטיל איבערגערעדט צווישען זיך און גענומען ארויסגעהן פון טראקטיר איינער נאָכ'ן אנדערן. ווען דער חתן איז פאַרביינעגאַנגען ארטעם'ס טיש, האָט ער געזונגען אונטער'ן נאָז:

„ווען אין צונאָב צו מיין קאָפּ
קריעג איך געלד א פולען טאָפּ,
ווער איך—אוי—א מענש א פּראַכט—
כ'וואָלט גע'שיכור'ט טאָג און נאַכט...

און א קוק געבענדיג ארטעם'ען גלייך אין געזיכט אריין, האָט ער אונערוואַרטעט געענדיגט דאָס ליעדעל מיט זיינע אייגענע ווערטער, ער האָט זיך דערביי געקרימט און צום טאקט געטאָפּעט מיט'ן פוס:

„און דיא טמ'עוואטע יונגען
כ'וואלט אין שווארצען ים דערטרונקען.
אָט אזוי!
און האָט זיך שנעל ארויסגע'גנב'עט דורכ'ן טהיר.

ארטעם האָט זיך אויסגעזידעלט און ארומגעקוקט. אין דעם האלב־פינסטערען, פעררויכערטען און עיפוש'דיגען גרוב זיינען געבליע־בען בלויז דריי מענשען — ער, אנטקעגען איהם קין און הינטער'ן בופועט סאווקא.

סאווקע'ס גנב'שע אויגעלעך האָבען זיך בעגעגענט מיט אר־טעם'ס שווערען קוק און אויף זיין לאַנגע צורה האָט זיך דיא רגע ארויפגעצויגען דער אויסדרוק פון א זיסער צניעות.

„פיין און שיין האָסטו געהאַנדעלט, ארטעם מיכאילימש!" האָט ער געזאָגט, גלעטענדיג זיין באָרד. „גאָר וויא עס איז געבאָ־טען אין דיא הייליגע ספרים... וויא אין דער מליצה מיט'ן גוטהער־ציגען שמרוני... אין עיפוש איז געלעגען קין, בעדעקט מיט קרעץ... און אָט דוא האָסט זיך פון איהם ניט אָבגעקעהרט...

ארטעם האָט געהערט ניט זיינע ווערטער, נאָר זייער ווידער־קלאַנג. דער ווידערקלאַנג האָט זיך געטראָגען פון דעם קיילעכדיגען באַלקען און אין געדיכטע טענער איז ער געקראָכען אין דיא אויערן. ארטעם האָט געשווינען און געשאָקעלט שטילערהייט מיט'ן קאָפּ, אזוי וויא ער וואָלט וואָלען אוועקטרייבען פון זיך דיא דאָזיגע טענער. און זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו שווימען און האָבען זיך איינגעביסען צו איהם אין דיא אויערן און איהם געררייצט. עס איז געוועזען אומע־טיג, דיא לופט איז געוועזען פערשטיקט. א מאָדנע שווערקייט האָט זיך אוועקגעלעגט ארטעם'ען אויפ'ן הארצען.

ער האָט געקוקט אויף קין'ען, ניט אָברייסענדיג פון איהם דיא אויגען. מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, זיך ברענענדיג דיא ליפּען און בלאָזענדיג אויפ'ן ספּאָדיק, האָט דער איד זשעדנע געטרונקען דיא טהעע און דער ספּאָדיק האָט געטאַנצט ביי איהם אין דיא הענד. צייטענווייס האָט ארטעם געכאַפּט ביי זיך אויפ'ן געזיכט יענעם'ס א שנעלען קוק, און פון דעם קוק פלעגט ווערען דעם גבור נאָך

אומעטיגער. אין זיין ברוסט האָט געוואַקסען אַ פערשטיקטער און אונבעשטימטער געפיהל פון אונצופריעדענהייט, זיינע אויגען זיינען געוואָרען דונקעלער, און ער האָט זיך ווילד אומגעקוקט. אין קאָפּ האָבען זיך ביי איהם געדרעהט, אַזוי וויא מיהל־שטיינער, געדאַנקען אָהן ווערטער. פריהער פלעגען זיי צו איהם ניט קומען, און אַט אין דער צייט, וואָס ער איז געלעגען קראַנק, זיינען זיי געקומען... און געהען ניט אַוועק...

דיא פענסטער, וויא אין אַ תּפסה, מיט אייזערנע גראַטעס, פון גאַס גיסט זיך אין זיי אַ געפּילדער פערהילכט צו ווערען... איבער'ן קאָפּ הייננט אַ פייכטער שווערער שטיינערנער באַלקען, דיא דילען, געמאַכט פון ציגעל, זיינען נאַס פון בלאָטע, בעדעקט מיט מיסט... און אַט דער אָ קליינצינקער, אָבגעריסענער, פערשלאָגענער מענשעל... זיצט, ציטערט, שוויגט... און אין דיא דערפער וועט מען באַלד אָנ־פאַנגען צו שניידען דיא גראָז. הינטער'ן טייך, אַנטקעגען שטאָדט, דערגרייכט שוין דיא גראָז אויף דיא לאָנקעס ביז'ן גאַרטעל און ווען עס טהוט פון דאָרטין אַ בלאָז אַ ווינד, ברייננט ער צוטראָגען אַזאַ מחיה'דיגען ריח .. אַט דיא מינוט וואָלט ער גענומען אַ שנייד־אייזען, און זיך אַ לאָז געטהאָן איבער דער לאָנקע.

„וואָס שווייגסטו נאָכאַנאַנד, קין ?“ האָט אַרטעם געזאָגט אונ־צופריעדענערהייט. „וואָס איז, דוא האָסט נאָך אַלץ מורא פאַר מיר? אוי ביסטו דאָס אַ פערלאָרענער מענש !“

קין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהם גענומען מאָדנע שאָקלען, און זיין פּנים האָט בשעת מעשה אויסגעזעהן פערשעמט און קלאָגעדיג.

„און וואָס זאָל איך ריידען ? און מיט וואָס פאַר אַ צונג זאָל איך ריידען מיט אייך ? אַט מיט דער ?“ דער איד האָט אַרויסגע־שטעקט דעם שפּיץ צונג און איהם בעוויעזען אַרטעם'ען, — „מיט וועלכער איך רייד מיט אַלע איבעריגע מענשען ? איך דאַרף זיך דען ניט שעמען צו ריידען מיט אייך מיט דער דאָזיגער צונג ? איהר מיינט, איך פערשטעה ניט, אַז איהר שעמט זיך אויכעט צו זיצען מיט מיר דערביי ? וואָס בין איך און וואָס זייט איהר ? איהר טראַכט

דען, ארטעם, גרויסע נשמה, איהר זיים נעגליכען צו יהודי המכבי!...
וואס וואלט איהר געטהאן, ווען איהר זאלט וויסען, צו וואס נאט
האט אייך בעשאפפען? א! קיינער וויים ניט דיא טיעפע סודות פון
באשעפער און קיינער קען ניט טרעפען, צו וואס נאט האט איהם
געשאנקען דעם לעבען. איהר ווייסט ניט, וויא פיעל טעג און נעכט
האב איך געטראכט, צו וואס דארף איך האבען מיין לעבען? צו וואס
דארף איך מיין גייסט און מיין פערשטאנד? וואס בין איך פאר
דיא מענשען? א שפיי־קעסטעל פאר זייערע גיפטיגע שפייעכטס.
און וואס זיינען דיא מענשען פאר מיר? שלאנגען, וואס בייסען מיך
איין אין אלע ערטער פון מיין לייב און אין מיין נשמה... צו וואס
לעב איך אויף דער וועלט? און פאר וואס וויים איך נאר פון צרות...
אפילו דיא זון האט פאר מיר אויכעט קיין שטראהל ניט!״

ער האט נערעדט היציג, האלב־שעפצענדיג, און אזוי וויא אלע
מאל, ווען זיין אויסגעמאטערטע נשמה פלעגט זיך אויפרעגען, האט
געציטערט זיין גאנצער פנים.

ארטעם האט ניט פערשטאנען, וואס ער האט גערעדט, ער
האט אבער געהערט און געזעהן, אז קין בעקלאגט זיך. דערפון איז
ארטעם׳ען געווארען נאך מעהר גודנע.

„נא דיר! האסט שוין ווידער אנגעפאנגען דיין ליעדעלע!״
האט ער מיט פערדרוס א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.—„איך האב
דאך דיר שוין געזאגט — אז איך וועל זיך אננעהמען!״

קין האט זיך שטילערהייט ביטער צולאכט

„וויא אזוי וועט איהר זיך פאר מיר אננעהמען פאר׳ן געזיכט
פון מיין נאט? ער יאגט דאס מיך...

„נו, דאס פערשטעהט זיך! טהאן נאט אנטקעגען קען איך
ניט״, האט צוגעבאמקעט ארטעם פראסט־הערציג און מיט א טאן
פון רחמנות האט ער געגעבען דעם אידען אן עצה: „לייד, ברודערקע!...
מיט נאט וועסטו גאר ניט מאכען״...

קין האט געגעבען א קוק אויף זיין מליץ יושר, און אויף זיינע
ליפען האט זיך בעוויזען א שמייכעל... אויך מיט רחמנות. א פריהער
האט דער שטארקער רחמנות געקראגען אויפ׳ן קלוגען, דערנאך

האָט דער פערשטאַנד מיטגעפיהלט מיט דער גבורה, און צווישען דיביידע מענשען, וועלכע זיינען געזעסען און האָבען געשמועסט, האָט זיך דורכגעטראָגען עפּעס אַ מאָדנע שטימונג, און אָט די שטימונג האָט זיי אַ ביסעל דערנעהנטערט איינעם צום צווייטען.

„דוא האָסט אַ ווייב?“ האָט געפרעגט ארטעם.

„אָ, איך האָב אַ גרויסע געזינד פאַר מיינע כחות“... האָט קין שווער אָבגעזיפצעט.

„גאַר אַזוי!“ האָט געזאָגט דער גבור. ער האָט זיך קוים גע־קענט פאַרשטעלען, אַז עס זאָל זיך געפינען אַ פרוי, וועלכע זאָל קענען האַלטען האָבען דעם אידען, און מיט אַ נייעם אויסדרוק פון נייגירינקייט האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף קין'ען, וועלכער איז גע־ווען אַזאַ'ן אויסגעמאַרעטער, קליינצינקער, שמוציגער, פערשלאָגענער.

„איך האָב געהאַט פינף קינדער, איצטער — האָב איך פיער. איין מיידעלע, חיה, האָט אַלץ געהוסט, געהוסט און איז געשטאָרבען... גאָט מיינער... טאַטע זיסער!... און מיין ווייב איז אויך אַ קראַנקע... נאָר זיא טהוט און הוסט...

„עס איז דיר שווער“, האָט געזאָגט ארטעם און זיך פערטראַכט. קין האָט זיך אויך פערטראַכט, אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

אין דיא טהירען פון טראַקטיר האָבען גענומען אריינגעהן הענד־לער מיט אַלטוואַרג; זיי פלעגען צוגעהן צום בופעט און שטילערהייט זיך אריינלאָזען אין אַ שמועס מיט סאַווקע'ן. ער האָט זיי עפּיס דערציילט בסוד און בשעת מעשה צוגעוואונקען אין דער זייט, וואו ארטעם איז געזעסען מיט קין'ען, און דיא חברה האָט אויף זיי געקוקט מיט התפּעלות און חזק. קין האָט שוין בעמערקט דיא דאָזיגע בליקען און איז פערציטערט געוואָרען. און ארטעם האָט ווידער געחלום'ט, אַז ער געהט ארום איבער דער לאַנקע מיט אַ שנייד־אייזען אין דיא הענד... דאס שנייד־אייזען פייפט און מיט אַ וויינען שורך לעגט זיך דיא גראָז צו זיינע פיס...

„געהט אוועק, ארטעם... און אויב איהר ווילט ניט, וועל איך אוועק... אָט זיינען געקומען מענשען“, האָט געשעפּצעט קין, „און זיי לאַכען פון אייך איבער מיר“...

„ווער לאכט דאָס?" האָט א ברום געטהאָן ארטעם, זיך אויפ־כאפּענדיג פון דיא חלומות, און האָט זיך ארומגעקוקט מיט ווילדע אויגען.

אָבער אין טראקטיר זיינען אַלע געווען ערנסט און פערטהאָן אין דיא אייגענע עסקים. ארטעם האָט ניט געכאפּט קיין איינציגען בליק. און ער האָט שטריינג אָנגערוקט דיא ברעמען און געזאָגט צום אידען.

„זאָגסט א ליגען... בעקלאָגסט זיך אומזיסט און אומנישט... אָט אזוי... זעה — שפּיעל זיך ניט מיט אזעלכע זאכען! דוא בעקלאָג זיך דעמאָלט, ווען עס איז דאָ פּאר וואָס. אפשר ווילסט מיך שטע־לען אין נסיון, האָסט געזאָגט גלאַט אזוי?

קין האט איהם שמערצליך געשמייכעלט אין געזיכט און גאָר ניט געענטפערט. א פּאָאר מינוט זיינען זיי ביידע געזעסען און ניט גערעדט. דערנאָך האָט זיך קין אויפגעהויבען, אָנגעטהאָן אויפ׳ן האַלז זיין קעסטעל און זיך פּארטיג געמאכט אוועקצוגעהן. ארטעם האט איהם דערלאַנגט דיא האנד.

„געהסט? נו, געה, האַנדעל... און איך וועל דאָ נאָך זיצען...

מיט זיינע ביידע הענדלעך האָט קין א טרייסעל געטהאָן דיא ריעזיגע לאַפּע פון זיין בעשיצער און איז שנעל אוועק.

ווען ער איז ארויס אין גאַס, איז ער אריין הינטער א ווינקעל, האָט זיך דאָרטען אָבגעשטעלט און גענומען פון דאָרטען ארויסקוקען. ער האָט געקענט זעהן דיא טהיר פון טראַקטיר און איהם איז ניט לאַנג אויסגעקומען צו ווארטען. אין דער טהיר, אזוי וויא אין א ראַ־מע, האָט זיך בעוויזען ארטעם׳ס געשטאַלט. זיינע ברעמען זיינען געווען אָנגערוקט און דער פּנים האָט ביי איהם אזוי אויסגעזעהן, עפּיס וויא ער וואָלט האָבען מורא צו דערזעהן פאר דיא אויגען א נודנע זאַך. ער האָט זיך לאַנגזאַם איינגעקוקט אין דיא מענשען, וועלכע האָבען זיך ארומגעדרעהט אין גאַס, און דערנאָך האָט זיין פּנים אָנגענומען דעם געוויינליכען אויסדרוק פון פוילקייט און גלייכגיל־טיגקייט. און ער איז אוועק דורך דיא רעדלעך מענשען אהין, וואו

דיא נאַס האט זיך אריינגערוקט אין בארג,—משמעות אויף זיין אַלטען אָרט.

קין האָט איהם בעגלייט מיט שמערצליכע בליקען; ער האָט פערדעקט מיט דיא הענד זיין געזיכט און זיך אָנגעשפּארט מיט'ן שטערן אָן דיא אייזערנע טהיר פון דער קלייט, לעבען וועלכער ער איז געשטאַנען...

* * *

ארטעמ'ס סטראשונאָק האָט געווירקט—מען האט זיך דער־שראָקען פאר איהם און אויפגעהערט צו רודפ'ן דעם אידען.

קין האָט דערזעהן, אז דיא דערנער, דורך וועלכע ער איז גע־גאַנגען צו זיין קבר, זיינען געוואָרען ווייניגער שטעכעדיג. דיא מענ־שען האבען עפּעס אויפגעהערט גאָר צו בעמערקען, אז ער לעבט אויף דער וועלט. אזוי וויא ביז אָהער האט ער זיך ארומגעדרעהט צווישען זיי, אויסרעכענענדיג דעם לאַנגען צעטעל פון זיינע סחורה, אָבער מען פלעגט איהם שוין ניט ארויפטרעטען בכיון אויף דיא פיס, וויא דאס איז פריהער געווען. מען האט איהם ניט געשטופּט אין דיא דארע זייטען, ניט געשפּיגען צו איהם אין קעסטעל... הגם פריהער האָט מען ניט געקוקט אויף איהם אזוי קאַלט און פיינדליך, וויא מען האט גענומען יעצט קוקען.

ער האָט געהאט א פיינעם חוש צו יעדע ברעקעלע, וואס איז געווען נוגע צו איהם; ער האָט דארום באַלד בעמערקט, אז מען קוקט אויף איהם מיט אַנדערע אויגען, און ער האָט זיך א פרעג געטהאָן: וואס זאָל דאָס בעדייטען און וואס פאר א רעה קען דער־פון ארויס פאר איהם? א סך האָט ער געטראכט וועגען דעם און ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואָס מען האָט גענומען אויף איהם אזוי קוקען... און ער האָט זיך דערמאָנט, אז פריהער, הגם זעהר זעלטען, פלעגט מען מיט איהם אריינטרעטען אין א פריינדליכען שמועס... צייטענווייס פרעגען מכח זיינע געשעפטען... און א מאָל אויך שפּאסען, און טאקי גאָר אָהן שום רשעת...

קין האָט זיך גענומען פערטראכטען. דאס איז שוין א כלל, אז אין דער פערגאנגענהייט איז דער מענש בדרך הטבע גענייגט צו

זעהן אפילו דיא פיצעלע גוטעס, וואס איז דאָרטען געווען און וואָס דעמאָלט האט ער גאָר ניט בעמערקט...

ער האט זיך גענומען פערטראַכטען, אָנגעשפּיצט דיא אויערן און געקוקט מיט א שארפען אויג. איין מאָל האט ער דער־הערט א נייע ליעדעל, וואָס איז פערפּאסט געוואָרען פון אָבגע־שטיסענעם חתן, דעם משורר פון גאס.

דער מענש האָט פערדיענט זיין ברויט מיט שפּיעלען און זינגען; זיינע חפצים זיינען געווען אכט הילצערנע עס־לעפעל, ער פלעגט זיי נעהמען צווישען דיא פינגער און זיך קלאַפּען מיט זיי איבער דיא אָנגעבלאָזענע באַקען, איבער׳ן בויך, בייטענדיג דיא פינגער; ער האָט אויך געקלאַפּט דיא לעפעל איינעם אָן דעם אנדערען, און עס פלעגט ארויס ניט קיין שלעכטער אַקאָמפּאַנימענט צו דיא קופּלעטען, וואָס ער פלעגט אויסקלערען פון קאָפּ. דער שפּיעלען גופא האט ניט געבראַכט א סך פערגניגען, אָבער דערפאַר האט דער כלי־זמר גע־מוזט זיין פלינק וויא א פאָקוס־מאַכער; און א פלינקע האנד, צו וואָס זיא זאָל ניט אויסגענוצט ווערען, האָט דאָ אין גאס געהאט ביי דעם עולם א גרויסען פּנים.

און אָט א מאָל האָט זיך קיין אָנגעשטויסען אויף א רעדעל מענשען, און צווישען זיי איז געשטאַנען דער חתן מיט זיינע לעפעל און האָט געהאקט מיט׳ן צונג וויא א מארק־אידענע:

„איהר, פּריצים, מיט א קעשענע א ברייטע, מאַכט ניט קיין פּלימה! אהער־צו, זיסע, מען ווארט שוין אויף אייך לאַנג אין תפיסה! איך שפּיעל א פרישען שיר, נאָר וואָס אויסגעבאַקען אין מיינע גע־שיער—א הייסער ביסען! קען ניט זיין בעסער... ניט א קאָפּיקע פון איטליבען פרעסער, און ווער עס האָט א פּנים וויא אן אָבגעבאַקע־נער עפּעל-- פון דעם נעהם איך א קאָפּיקע מיט א קנעפּעל! איך הויב אָן:

„קריכט אריין דיא זון אין פענסטער —
איז א שמחה א גדולה;
און אָט ווען איך קריך אריין...

„דאָס האט מען שוין געהערט!" האָט איינער פון פובליקום א בעל־ספקות א געשריי געטהאָן.

„מיר ווייסען, אז איהר האָט געהערט! ווילסט אפשר מען זאָל דיר געבען אָהן געלד דיא ברויט פאר דיא קוכען"... האָט ערקלערט דער חתן, קלאַפּענדיג מיט דיא לעפעל, און האט מאריך געווען זיין ליעדעל:

„אוי, ס'אראַ ביטערען לעבען איך האָב!
„איך בין ניט קיין געראָטענער.
דעם טאַטען מיט'ן ברודער האָט מען אויפגעהאנגען,
און איך האָב זיך פון דער תליה אָבגעריסען!...

„א שאָד!" האָט זיך דערהערט אין דעם פובליקום.

אָבער קאָפּיקעס האָבען זיך צו איהם געשאָטען, מחמת מען האָט געוואוסט, אז ער איז אַן עהרליכער מאַן, און אויב ער האָט צוגעזאָגט צו געבען אַ נייע ליעדעל, וועט ער שוין ניט אָבנארען.

„אָט קומט זיא דיא נייע, דוא הילצערנע חיה! און דיא לעפעל האָבען גענומען טאנצען:

„עס האבען זיך בעקאָנט אַן אָקס מיט א שפּין,
עס האָבען זיך בעקאָנט א זשיד מיט א תּם,
דער אָקס טראָגט דיא שפּין אויפ'ן עק,
דער זשיד פערקויפט דעם תּם צו דיא ווייבלעך,
מומעלעך, טייערינקע!...

„סטאָפּ, מאַשין! א גוטען מאָרגען אייך, הערר קין, מיט א קלאָץ איבערן האַלז! איהר האָט געהערט דיא ליעדעל, סוחר? זייט מוחל, ניט פון אייך זינג איך... געהט זיך אין אייער וועג!

קין האָט צושאָטען פאר'ן קינסטלער זיינע שמייכעלעך און איז אוועק פון איהם מיט א זיפץ: דאס הארץ האט איהם געזאָגט, אז עפּעס וועט ארויס.

דיא דאָזיגע טעג זיינען געווען ביי איהם טהייער, ער האָט זיך אָבער אויך געשראָקען פאר זיי. איטליכען פריה־מאָרגען פלעגט ער קומען אין גאס און זיין ביי זיך זיכער, אז היינט וועט שוין קיינער ניט האָבען דיא העזה אוועקצונעהמען פון איהם זיינע קאָפּיקעס.

און זיינע אויגען זיינען געוואָרען ביסלעכווייס העלער און רוהיגער. אַרטעמ׳ען האט ער געזעהן אַלע טאָג, אויב דער גבור האָט איהם אָבער ניט גערופען, פלעגט קין צו איהם ניט צוגעהן.

ארטעם פלעגט איהם צורופען זעלטען און ווען ער פלעגט איהם שוין יע א מאָל צורופען, פלעגט ער פרעגען געוויינליך:

„נו, וואָס — לעבסט?

„אָ, יע! כ׳לעב... און האָב אייך צו דאנקען,“ פלעגט זאָגען קין, און זיינע אויגען האָבען בשעת מעשה געבלישצעט פון שמחה.

„מען צעפּעט ניט?

„זיי קענען זיך דען שטעלען קעגען אייך!“ פלעגט דער איד א געשריי טהאָן מיט שרעק.

„נו... זעהסטו!... און וויא וואָס—קום זאָגען.

„כ׳וועל זאָגען!

„אָט, אָט!...

ער פלעגט אָבמעסטען מיט פינסטערע אויגען דעם אידענ׳ס פיגור און איהם אָבלאָזען.

„נעה... האנדעל!

און קין פלעגט שנעל אוועקגעהן פון זיין בעשיצער, און פלעגט בעמערקען, אז דער עולם קוקט אויף איהם מיט חוזק און רשעת, און דאָס האָט איהם געשראָקען.

עס האט זיך אַזוי געצויגען אַן ערך פיער וואָכען.

איין מאָל אין אבענד, ווען קין אָט זיך שוין געקליעבען געהן אהיים, האָט ער בעגעגענט ארטעמ׳ען. דער שיינער יונג האָט איהם א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און צוגערופען צו זיך מיט׳ן פינגער. קין איז שנעל צו איהם צוגעלאפען און האָט דערזעהן, אז ארטעם איז פינסטער און אנגעבלאזען, וויא אַן אַסיענדיגער וואלקען.

„ביסט פארטיג געוואָרען מיט דיין האנדעל, וואָס? האָט יענער געפרעגט.

„שוין... זיך געקליבען געהן אהיים...

„ווארט אויף.‎.‎. קום נאר, כ׳וועל דיר וואס זאגען" האט גע־זאגט ארטעם מיט א פערשטיקטען קול.

און ער איז אוועק פאראויס, הויך און שווער, און קין איז גע־גאנגען פון הינטען.

זיי זיינען ארויס פון גאס און האבען גענומען דעם וועג צום טייך, וואו ארטעם האט געפונען א סגראבנעם ארט אונטער דעם משופה׳דיגען בערגעל, ביי דיא סאמע כוואליעס.

"זעץ זיך", האט ער געזאגט צו קין׳ען.

יענער האט זיך אנידערגעזעצט און מיט פחד, פון דער זייט, געקוקט אויף זיין בעשיצער. ארטעם האט איינגעבויגען דעם רוקען און גענומען פערדרעהען א פאפּיראס. און קין האט געקוקט אין הימעל, אויף דעם וואלד מאסטען ביים ברעג, אויף יענער זייט טייך, אויף דיא רוהיגע כוואליעס, וועלכע זיינען פערגליווערט געווארען אין דער שטילקייט פון אבענד, און האט זיך געמאטערט צו טרעפען, פון וואס קלייבט זיך דאס דער גבור צו ריידען.

„נו, וואס ?" האט געזאגט ארטעם,— „לעבסט ?

„כ׳לעב, א ! איצטער האב איך קיין מורא ניט.

„גוט, הייסט דאס...

„כ׳דאנק...

„ווארט אויף ! האט געזאגט ארטעם.

און ער האט געשוויגען א לאנגע צייט, ציהענדיג דעם פּאַ־פּיראס, וועדליג דער איד האט געווארט אויף זיינע רייד, און דאס הארץ איז איהם אויסגעגאנגען פון אן אונבעשטימטען געפיהל פון שרעק.

„נ־יע... איז איצטער, הייסט דאס, גאר ניט, מען בעליידיגט ניט ?

„א, זיי האבען פאר אייך מורא ! זיי אלע זיינען וויא הינד, און איהר — ווי א לויב ! און איך בין איצטער...

„ווארט אויף !"

„נ־נו ? און וואס ווילט איהר מיר זאגען ?" האט געפרעגט קין מיט א ציטער.

„זאגען ? ס׳איז ניט אזוי פּראסט...

„וואָס איז דאָס אזוינס ?

„אָ ! זעהסטו... נאָמיר ריידען קלאָרע דיבורים. מיט א מאָל— און פאַרטיג !

„אהא !

„און איך מוז דיר זאָגען, אז איך קען ווייטער ניט...

„וואָס ? וואָס קענט איהר ניט ?

„גאָר ניט ! כ'קען ניט ! עס עקעלט מיר... ווי קומט דאָס גאָר צו מיר ? פאַר מיר איז דאָס קיין עסק ניט !... האָט געזאָגט ארטעם מיט א זיפץ.

„וואס מיינט איהר ? וואס איז פאר אייך קיין עסק ניט ?

„אט דאס אלץ... דוא און אלץ... איך וויל דיך מעהר ניט קענען... מחמת — פאר מיר איז דאס קיין עסק ניט.

קין האָט זיך איינגעקאָרטשעט, אזוי ווי מען וואָלט איהם א קלאפּ געטהאָן, און האָט געשוויעגען.

„און אויב מען וועט דיך בעליידיגען, געה צו מיר ניט און בע־קלאג זיך פאר מיר ניט... איך קען דיר ניט העלפען... און וועל זיך ניט נעהן אָנגעהמען פאר דיר, פערשטעהסט ? איך קען דאס ניט.

קין האט געשוויגען ווי א טויטער.

און ווען ארטעם האָט אויסגערעדט דיא ווערטער, האָט ער פריי אָבגעצויגען דעם אָטהעם און מאריך געווען קלאָרער און דיי־טליכער.

„דערפאר, וואס דוא האסט דעמאלט אויף מיר רחמנות גע־קראגען, קען איך דיר בעצאָהלען. ווי פיעל דארפסטו ? זאָג—קריעגסט באלד. אָבער רחמנות האָבען אויף דיר קען איך ניט... איך האָב דאס ניט אין מיר... און איך האב זיך די גאנצע צייט נאָר גע־בראָכען... פערשטעלט, מעהר ניט. כ'האב געמיינט — אז איך האָב רחמנות, און עס לאָזט זיך אוים — אז דאָס איז א מוליר, מעהר ניט. איך קען קיין שום רחמנות ניט האָבען.

„דערפאר, וואס איך בין א זשיד ? האָט קין שטילערהייט געפרעגט.

אַרטעם האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן פון דער זייט און האט אַרויסגערעדט גאַנץ איינפאַך איינעם פון יענע ווערטער, וואס ווערען געבאָרען אין הארצען:

„וואָס אַרט מיר, אז אַ זשיד? קעגען גאָט זיינען מיר אַלע זשידעס...

„פאַר וואָס־זשע?" האָט קין שטילערהייט געפרענט.

„איך קען ניט, מען זאָגט דאָך דיר, מענש איינער! פער־שטעהסט, עס איז ניטאָ ביי מיר קיין שום רחמנות צו דיר... און צו קיינעם ניט... דוא דאַרפסט דאס פערשטעהן... אַנאַנדערן וואָלט איך דאָס ניט געזאָגט, כ'וואלט איהם איינפאַך געגעבען אַ גוטען פּלעט איבער'ן מח — און פטור! און דיר זאָג איך דאס...

„ווער וועט אויפשטעהן פאַר מיר קעגען דיא רשעים? ווער וועט זיך איינשטעלען פאַר מיר קעגען דיא שלעכטסטטהוער?" האָט שטיל און טרויעריג געפרעגט דער איד מיט דיא ווערטער פון תהלים.

„כ'קען ניט"... האָט אַרטעם אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין „ניט דערפאַר טהו איך דאָס, וואָס זיי לאַכען... איך האָב זיי אין דר'ערד, פון מיינטוועגען — לאַך! איך האָב אויף דיר קיין רחמנות ניט... און פאַר יענע זאַך — וועל איך בעסער בעצאָהלען מיט געלד.

„אָ, גאָט, נוקם ונוטר! גאָט, וואָס דוא לעבסט אייביג, וואס דוא בעצאָהלסט יעדערן זיין שכר, פאַנג אן צו שיינען, הויב זיך אויף אין דער הויך, דוא ריכטער פון דער ערד"... האָט קין מתפלל געווען און האָט זיך צינויפגעקאָרטשעט אין אַ קליינעם קנויטעל.

דער זומערדיגער אָבענד איז געווען שטיל און וואַרעם, דיא שטראַהלען פון רער אונטערגעגאַנגענער זון האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין טייך מיט אַ מין טרויעריגער ליעבשאַפט. פון בערגעל איז געפאַ־לען אַ שאָטען אויף אַרטעם'ען און קין'ען.

„דוא בעטראַכט נאָר," האָט אַרטעם טרויעריג גערעדט מיט איבערצייגונג, "וואס איז איצטער מיין ציעל? אָט דאס פערשטעהסטו

ניט און איך—און... איך דארף זיך אננעהמען פאר זיך אליין... וויא זיי האבען מיך דעמאלט צושלאגען — געדיינקסט ?

ער האט א קריץ געטהאן מיט דיא ציינער און זיך גענומען דרעהען אויפ׳ן זאמד, און דערנאך האט ער זיך אוועקגעלעגט אויפ׳ן רוקען, אויסציהענדיג דיא פיס צום וואסער און פערלעגענדיג דיא הענד הינטער׳ן קאפ.

„איך קען זיי איצטער אלעמען...

„אלעמען ?“ האט קין געפרעגט ווי א דערשלאגענער.

„אלעמען ! איצטער וועל איך אנפאנגען צו קוויטירען מיט זייא מיינע חשבונות !... און דוא שטעהסט מיר אין וועג...

„מיט וואס קען איך אייך שטעהן אין וועג ? האט דער איד א געשריי געטהאן.

„כ׳מיין ניט, אז דוא שטעהסט מיר אין וועג, אבער... עס קומט שוין אויס אזוי — איך טראג א כעס קעגען אלע מענשען. בין איך ערגער פון זיי ? אט דאס איז דאס... נו. קומט ביי מיר אויס, אז איצטער ביסטו ביי מיר אן איבעריגער. פערשטעהסט ?

„ניין !“ האט געענטפערט דער איד ווייכמוטהיג און א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.

„פערשטעהסט ניט ? אט ס׳ארא מענש דיא ביסט ! אויף דיר דארף מען רחמנות האבען — וואס, ניט ? נו, און איצטער קען איך אויף קיינעם קיין שום רחמנות ניט האבען... איך האב ניט קיין רחמנות אין זיך...

ער האט א שטויס געטהאן דעם אידען אין זייט און צוגעלעגט:

„קיין ברעקיל רחמנות ניט. האסט פערשטאנען ?

א לאנגע צייט האט זיך קיין ווארט ניט געהערט. ארום זייא, אין דער ווארעמער און שמעקעדיגער לופט, האט געשוואומען דער גערויש פון דיא כוואליעס און עפיס פערשטיקטע, אבצענדע טענער, וואס האבען זיך געטראגען פון דער ווייטענס, פון דעם שלעפעריגען און פינסטערן טייך.

„וואס זאל איך איצטער טהאן ?“ האט ענדליך געפרעגט קין, אבער קיינער האט איהם ניט געענטפערט, מחמת ארטעם האט איינ־

נעדרעמעלט אָדער זיך פערטראַכט. „ווי וועל איך לעבען אָהן אייך ? האָט דער איד געזאָגט העכער.

ארטעם האָט געקוקט אין הימעל און געענטפערט:

„ווענען דעם דארפסט שוין אליין א קלער טהאָן.

„גאָטעניו, גאָטעניו!

„אָט, מיט א מאָל, ווילסטו אז מען זאָל דיר זאָגען — ווי אזוי צו לעבען,“ האָט ארטעם פויל געצויגען די וערטער.

נאָכדעם ווי ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוועלט, איז ער מיט א מאָל געוואָרען רוהיג.

„איך האָב דאָס שוין לאנג געוואוסט... נאָך דעמאָלט, ווען איך בין נעגאנגען צו אייך, און איסקאַליעטשעטען, האָב איך שוין גע־וואוסט... אז ניט לאַנג וועט איהר זיך אָננעהמען פאר מיר...

און דער איד האָט געקוקט אויף ארטעם׳ען מיט א רחמנות־פנים, אבער ער האָט ניט בעגעגענט יענעם׳ס אויגען.

„איהר טהוט דאָס אפשר דערפאר, וואָס זיי לאבען פון אייך איבער מיר?“ האָט קין געפרעגט פארזיכטיג, קוים ארויסרעדענדיג די ווערטער.

„זיי, זאָגסטו? און וואָס געהען זיי מיר אן?“ האָט ארטעם א קרומען שמייכעל געטהאָן, עפענענדיג די אויגען. „אויב איך וואָלט נאָר וועלען, וואָלט איך דיך אוועקגעזעצט אויף די פלייצעס און גע־טראָגען איבער׳ן גאס. זאָלען זיי לאַבען... אָבער וואָס איז די פעולה.. אלץ דארף מען טהאָן נאָכ׳ן אמת נאָך... ווי דאָס הארץ הייסט... וואָס עס איז ניטאָ אין הארצען — איז שוין ניטאָ, און מען קען זיך ניט העלפען ... און מיר, ברודערקע, כ׳וועל דיר זאָגען גלייך אין פנים אריין, עקעלט, וואָס דוא ביסט אָט אזא... יע!...“ אָט אזוי קומט ביי מיר אויס.

„אך... אמת! נו, וואָס זאָל איך איצטער טהאָן? אוועקגעהן?

„געה, ביז וואָנען עס איז נאָך ליכטיג... מען וועט דיך דער־ווייליגע ניט ריהרען. פון אונזער שמועס וויים דאָך קיינער ניט...

„יע־ע... און איהר וועט קיינעם ניט אויסזאָגען, א?“ האָט קין א בעט געטהאָן.

„נו... פערשטעהסט זיך. פון דעסטוועגען קריך מיר ניט אָפּט אין דיא אויגען...

„גוט“, האָט דער איד מסכים געווען שטיל און טרויעריג און זיך אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס.

„כ'וואָלט דיר אַן עצה געגעבען וואו ניט איז אין אַנאַנדער אָרט צו האנדלען“, האָט ארטעם געזאָגט גלייכגילטיג. דוא ווייסט דאָך, דאָדערט זיינען דיא פּאַראַנדה'יס שטריינגע...

„וואו־זשע זאָל איך געהן?

„כ'ווייס ניט... וויא דוא ווילסט.

„זיים געזונד, ארטעם.

„זיי געזונד, ברודער.

און ליענענדיג האט ער געגעבען דעם אידען דיא האנד און א קוועטש געטהאָן מיט זיינע פינגער יענעם'ס טרוקענע ביינער.

„זיי געזונד. האב קיין פּאַראיבעל ניט...

„איך האב צו אייך ניט“, האָט דער איד געזאָגט און שווער אָבגעזיפצעט.

„אָט אזוי... אזוי איז בעסער, בערעכען זיך אליין... ביסט פאר מיר שוין נאָר קיין חבר ניט... איך דאַרף דען לעבען פון דיינטוועגען? דאָס פּאַסט ניט...

„זיים געזונד!

„נו, געה...

קין איז אוועק פּאַזע דעם ברעג טייך, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען און שטארק איינגעהויקערט.

דער שיינער ארטעם האט א דרעה געטהאָן דעם קאָפּ אין דער זייט, וואו יענער איז אוועק, און אין א פּאָאר סעקונדען ארום איז ער ווידער געלעגען אזוי וויא פריהער, מיט דער צורה צום הי־מעל, וואָס איז שוין געווען פינסטער, וויל דיא נאַכט האט זיך אָנגערוקט.

אין דער לופט זיינען געבאָרען געוואָרען און צוגאנגען מאָדנע טענער. דער טייך האט זיך געשלאָגען אָן דיא ברעגעס, מאָנאָטאָנע און טרויעריג.

און ווען קין איז אַבגעגאַנגגען אן ערך פופציג טריט, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק, איז צוגעגאַנגגען צו ארטעם׳ס מעכטינער פיגור, וואס איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דר׳ערד, האָט זיך לעבען איהר אַבגעשטעלט און א פרעג געטהאָן שטיל און מיט עניות:

„און אפשר וועט איהר זיך נאָך מישב זיין?

ארטעם האָט געשוויגען.

„ארטעם?" האָט קין א רוף געטהאָן, אָבער קיין ענטפער האָט ער ניט בעקומען.—„ארטעם? אפשר האט איהר דאס געזאָגט גלאָט אזוי?" האט דער איד איבערגע׳חזר׳ט און זיין שטימע האָט געציטערט.— „דערמאָנט זיך נאָר, וויא איך האָב אייך דעמאָלט... א? ארטעם? קיינער איז ניט געקומען, נאָר איך בין געקומען.

ער האָט דערהערט א שטאַרקען כראָפּען.

... קין איז נאָך א צייט געשטאַנען לעבען דעם גבור און האָט זיך אַלץ איינגעקוקט אין זיין שיינעם געזיכט, וואָס דער שלאָף האט געמאַכט ווייך. דיא ריעזיגע ברוסט האט זיך געהויבען מעסיג און הויך און ווען דיא שווארצע וואָנצען האָבען זיך געריהרט פון זיין אטהעם, האָבען זיך געזעהן דיא בלישצענדיגע, שטייפע ציינער פון שיינעם יונג. עס האט זיך געדוכט, אז ער האָט געשמייכעלט...

מיט א טיעפען זיפץ האָט דער איד נאָך ניעדעריגער אַראָב־געלאָזען דעם קאָפּ און איז ווידער אַוועק צום ברעג טייך. ער האט געציטערט מיט אַלע אברים פון שרעק פאַר׳ן לעבען, און איז גע־גאַנגען פאָרזיכטיג, — אין דיא אָפענע פּלעצער, וואָס זיינען געווען בעשיינט פון דער לבנה, האָט ער זיינע טריט געמאַכט ווייכער, ווען ער פלעגט אריין אין שאָטען — האָט ער זיך גערוקט פּאַמעלינקעס..

און ער האָט אויסגעזעהן וויא א מייזעל, וויא א קליינע טרוד־סעוואַטע חיה׳לע, וועלכע גנב׳עט זיך אין איהר לאָך צווישען דיא טויזענדער סכנות, וואס קוקען ארויס אויף איהר פון אַלע זייטען.

און דיא נאַכט איז שוין ארונטער און אויפ׳ן ברעג טייך איז געווען וויסט...

באָלעים.

מיינער א בעקאַנטער האָט מיר א מאָל דערציילט אזא גע־שיכטע:

„ווען איך בין געווען א סטודענט אין מאָסקווא, איז מיר אויסגעקומען צו וואָהנען אין שכנות מיט איינער פון די „דאָזיגע“... פערשטעהסט? זיא איז געווען א פּוילישע שיקסע, געהייסען האָט זיא טערעזא. א הויכע, א שטארקע, מיט שווארצע האָאר, צונויפ־געוואקסענע ברעמען און א גרויסע גראָבע צורה, אזוי וויא דאָס וואָלט געווען אויסגעהאקט פון א גאנצע שייט האָלץ, — פלעגט זיא אויף מיר ארויפוואַרפען אן אימה מיט'ן בעסטיאלישען גלאַנץ פון איהרע דונקעלע אויגען, מיט דער געדיכטער באס־שטימע, מיט איהרע דרכים פון א בעל־עגלה, מיט איהר גרויסען דיקען גוף פון א מארק־אידענע... איך האָב געוואָהנט אויף א בוידים, און איהר טהיר איז געווען אנטקעגען מיינער. געוויינליך פלעג איך קיין מאָל ניט עפענען מיין טהיר, ווען איך האב געוואוסט, אז זיא איז אין דער היים. אָבער דאָס האט, פערשטעהט זיך, פּאסירט ניט אָפט. א מאָל פלעג איך זיך מיט איהר בעגעגענען אויף די טרעפּ, אויפ'ן הויף און זיא פלעגט צו מיר טהאָן א שמייכעל; עס האָט דעמאָלט אויסגעזעהן אין מיינע אויגען, אז אין איהר שמייכעל ליעגט אי א גראָבער שמוץ, אי דיא ווילדקייט פון א רויב־חיה. ניט איין מאָל האָב איך זיא געזעהען א שיכור'ע, מיט פערגאָסענע, הילצערנע אויגען, מיט צו־

קודעלטע האָר, מיט א מאָדנעם עקעלהאַפטען שמייכעל אויף דיא ליפען... אין אזא פאל פלעגט זיא מיר זאָגען:

„איהר זאָלט זיין געזונד, פאַנע סטודענט!" — זיא פלעגט זיך דערביי נאַריש פונאנדערלאכען, און איטליכעס מאָל פלעגט מיך נעה־מען נאָך מעהר עקלען פון דער מיאוס'ער שטיק סחורה. איך וואָלט ארויסגעפאָהרען אויף אנאנדער דירה בכדי פטור צו ווערען פון אזעלכע בעגעגעניסען און שלום עליכם'ס, אָבער איך האָב געהאט א פיינעם צימער, פון פענסטער האט זיך געזעהן א ברייטע וועלט, און עס איז געוועזן אזוי שטיל אין גאס... איך האָב געליטען.

און פלוצלינג, אין א פריה־מאָרגען, ווען איך האָב זיך גע־וואלגערט אויף מיין בעטעל און האב געהאָרעוועט מיט'ן שכל אויס־צוטראַכטען עפּעס א תירץ כדי איך זאָל ניט דארפען געהן אויף דיא לעקציאָנען, — עפענט זיך אויף דיא טהיר, און דיא עקעלהאַפטע טערעזא רופט אויס פון שוועל מיט איהר באַס:

„איהר זאָלט זיין געזונד, פאַנע סטודענט!

„וואָס דאַרפט איהר האָבען?" זאָג איך. איך טהו א קוק — דער פנים איז ביי איהר פערשעמט, וויא זיא וואָלט זיך געקליעבען וואָס צו בעטען... עפּעס גאָר וויא ניט איהר פנים.

„אָט זעהט איהר, פאַנע, איך וועל ביי אייך בעטען מיר טהאָן א טובה... זעהט—זאָגט מיר ניט אָב!

איך ליעג, שוויינ און טראַכט:

„אָן אָנשטעל! אָן אָנגריף אויף מיין צניעות, ניט מעהר און ניט ווייניגער! זיי ביי זיך שטאַרק, יעגאָר!

„איך דאַרף, זעהט איהר, אוועקשיקען א בריעף אהיים," זאָגט זיא און אזוי שטיל, מיט געבעט, מיט עניות.

„ע," קלער איך ביי זיך, „דער טייוועל קען דיך נעהמען! גוט, כ'וועל דיר טהאָן דיא טובה!"

איך האָב זיך אויפגעהויבען, אוועקגעזעצט ביים טיש, גענומען א בוינען פאַפּיער און זאָג:

„געהט צו אָט אהערצו־צו, זעצט זיך און זאָגט, וואס איהר ווילט שרייבען...

זיא געהט צו, זעצט זיך אוועק פּאָרזיכטיג אויף א שטוהל און קוקט אויף מיר מיט א רחמנות־פּנים.

„זאָגט־זשע, צו וועמען איז דער בריעף?

„איבער דער ווארשעווער באהן, אין שטאָדט סוויענציאן, צו באָלעסלאוו קאָשפּוט...

„וואס זאָל איך שרייבען... זאָגט...

„מיין ליעבער באָלעים... הארץ מיין... מיין טרייער געליעב־טער... זאָל דיך בעהיטען גאָט'ס מוטער! מיין גילדענע הארץ, פאר וואס האָסט אזוי לאנג ניט געשריעבען דיין טייבעלע טערעזא, וואס איהר הארץ קריינקט נאָך דיר...

איך האָב שיער ניט אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. א פיינע „טייבעלע"! הויך וויא עוג מלך הבשן, מיט א קולאק, וואס וועגט א פּוד, און מיט אזא שווארצען פּרצוף, פּונקט וויא דיא טייבעלע וואָלט איהר גאנץ לעבען געווען א קוימען־קעהרער און זיך קיין מאָל ניט געוואשען! איך האָב זיך מיט גרויסע צרות איינגע־האַלטען, און פרעג:

„ווער איז ער אָט דער באָליעסט?

„באָלעים, פאנע סטודענט," איז זיא אויף מיר ברוגז געוואָרען דערפאר, וואָס איך האָב פערדרעהט דעם נאָמען (באָליעסט הייסט א חולאת). „ער, באָלעים, איז מיין חתן...

„א חתן?!?

„וואָס איז דער פּאן אזוי נשתומם געוואָרען? וואָס איז, איך בין קיין מיידעל ניט, וואָס איך קען שוין קיין חתן ניט האָבען?

זיא, א מיידעל!... פיין, א?

„אָך, פאר וואָס ניט! אַלץ קען זיין... און שוין לאנג, וויא איהר זייט חתן־כלה?

„דאָס זעקסטע יאָהר.

„אָהאָ!" טראכט איך ביי זיך. נו, האָבען מיר אָנגעשריעבען דעם בריעף. אזא, זאָג איך אייך, צארטען ליעבעס־בריעף, דאָס איך גופא וואָלט זיך געביטען מיט באָלעים'ען, אויב דיא שיקערקע פון בריוועלע וואָלט געווען ניט טערעזא, נאָר אנאנדער בעשעפענים, א

ביסעל קלענער פון איהר.

„אַט, א דאַנק אייך, פאַנע, פאַר דיא טובה פון גאַנצען הארצען!" זאָגט מיר טערעזא און פערבויגט זיך. „אפשר קען איך אייך אויך מיט וואָס ניט איז אָבדיענען?

„ניין, ניין, א גרויסען דאַנק!

„אפשר זיינען ביי דעם פאַן דיא העמדער און דיא הויזען אין לעבער?

איך פיהל, אַז דער דאָזיגער עלעפאַנט אין ספּאָדניצע מאַכט מיך רויט וויא א בוריק, און איך בין איהר מודיע קורץ און שארף, אַז אין איהרע טובות נויטיג איך זיך ניט.

זיא איז אַוועק.

עס זיינען פאַרביי א צוויי וואָכען... אבענדצייט. איך זיץ ביים פענסטער און פייף, און קלער, וויא אזוי פיהרט מען אויס, אַז איך זאָל ניט קלערען פון זיך אליין? עס איז אומעטיג, און דאָס וועטער איז פאַסקודנע, געהן ווילט זיך ניט וואו ניט. און פון גרויס אומעט פאַנג איך אָן צו גריבלען, צו קאַלופּענען זיך אין דער נשמה. דאָס איז אַפילו אויך אַן אומעטיגער עסק, אָבער קיין שום אנדער זאַך האָט זיך ניט געוואָלט טהאָן. עס עפענט זיך דיא טהיר — דאַנקען גאָט! אימיצער איז געקומען ...

„דער פאַן סטודענט איז ניט פערנומען מיט א נויטיגען אינ־טערעס?

טערעזא! המ. . .

„ניין ... וואָס איז?

„כ'וואָלט געבעטען דעם פאַי אָנשרייבין פאַר מיר נאָך א בריעף...

„גוט ... צו באָליעס'ען?

„ניין, אימצער שוין פון איהם ...

„וואַ־א־אס?

„אָ ס'ארא נארישע פרוי איך בין! ניט אזוי האָב איך, פאַנע, געזאָגט, האָט קיין פאַראיבעל ניט! אימצער, זעהט איהר, דאַרף איך ניט פאַר מיר, נאָר פאַר א חבר'טע... כ'מיין, ניט פאַר א חבר'טע,

נאָר... פאַר איינעם אַ בעקאַנטען... אַליין קען ער ניט שרייבען...
און ער האָט אַ כלה, אָט אַזוי ווי איך... טערעזאַ... איז אָט אפשר
קען דער פאַן אנשרייבען אַ בריעף צו יענער טערעזאַ?

איך קוק אויף איהר — דיא צורה פערשעמט, דיא פינגער ציט־
טערן, משמעות זי קריכט און קען ניט אַרויסקריכען — און... הויב
אָן צו טרעפען, וואָס דאָ טהוט זיך.

„אָט וואָס, ליעבע פרוי", זאָג איך, „איהר האָט ניט קיין שום
באַליעסעם און קיין שום טערעזעס און איהר קלערט דאָס אַלץ אויס
פון אייער אייגענעם קאָפּ. און פון מיר וועט איהר קיין שום בייג־
דעל ניט אָבלעקען און ווערען מיט אייך בעקענט וויל איך ניט...
איהר האָט פערשטאַנען?

מיט אַ מאָל האָט זי זיך עפּיס מאָדנע דערשראָקען, זיך פער־
לאָרען, זיך גענומען טאָפּטשען אויף איין אָרט און אַזוי לעכערליך
מאַכען מיט דיא ליפּען; זי האָט הפנים געוועלט וואָס זאָגען, אָבער
דיא ווערטער זיינען געבליעבען שטעקען אין האַלז. איך וואַרט, וואָס
עס וועט אַרויס פון דעם; און איך זעה און פיהל, אַז איך האָב, דאַכט
זיך, אַ ביסעל געהאַט אַ טעות, ווען איך האָב זי חושד געווען, דאָס
זיא וויל מיך אַראָבפיהרען פון דרך הישר. עס האָט אויסגעוויע־
זען, אַז דיא מעשה איז דאָ גאָר אַנדערס.

„פאַן סטודענט," האָט זי אָנגעפאַנגען, און ניט דעררעדענדיג
האָט זי פּלוצלינג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, זיך אומגעדרעהט
צו דער טהיר ווי אַ סאָלדאַט און איז אַוועק. איך בין געבליעבען
מיט אַ פּאַסקודנעם געפיהל אויפ'ן האַרצען; איך הער — דיא טהיר
האָט זיך ביי איהר צוגעקלאַפּט, מיט אַ טראַסק — דיא ווייבעל איז
משמעות שטאַרק אין כעס געוואָרען... איך האָב זיך בערעכענט,
אַז איך וועל צו איהר אַריינגעהן; כ'וועל זי אַ רוף טהאָן און אָנ־
שרייבען פאַר איהר אַלץ, וואָס זי דאַרף דאַרטען האָבען.

איך געה אַריין צו איהר אין צימער — איך זעה, זי זיצט ביים
טיש, האָט זיך אָן איהם אָנגעשפּאַרט און דעם קאָפּ האַלט זי צו־
נויפגעקוועטשט מיט דיא הענד.

„הערט נאָר אויס," זאָג איך צו איהר.

אלע מאָל, ווען איך דערצייל דיא געשיכטע און קום אָט צו דעם אָרט, פיהל איך זיך עפּיס אזוי טשיקאווע . . . א נארישקייט, מעהר גאָר ניט! יע . . .

„הערט נאָר אויס,“ זאָג איך צו איהר.

זי טהוט א שפּרונג פון אָרט, קריכט אויף מיר, בלישצענדיג מיט דיא אויגען, לעגט מיר אַרויףביידע הענד אויף דיא פּלייצעס און הויבט אָן צו שעפּצען . . . וואָס זאָג איך שעפּצען? צו דונערן מיט איהר באַס ...

„נו, וואָס איז? נו? אזוי! ס'איז ניטאָ קיין שום באָלעים, ס'איז ניטאָ. . . און טערעזא איז אויך ניטאָ! און וואָס איז אייך פאר א דאגה? אייך איז שווער צו פיהרען מיט דער פּען איבער פּאַ־פּיער, יע? אוי, איהר מענ'ש איינער! און נאָך אזא ... ווייסינקער! קיינער איז ניטאָ, ניט קיין באָלעים, און ניט קיין טערעזא, נאָר איך אליין בין דאָ! נו, וואָס איז, נו?

„זייט מוחל,“ זאָג איך א פערטומעלטער פון אזא קבלת פּנים, „פון וואָס האנדעלט זיך דאָ? קיין באָלעים איז ניטאָ?

„יע, ניטאָ! נו, וואָס איז?

„און קיין טערעזא — איז אויך ניטאָ?

„און קיין טערעזא איז ניטאָ! איך בין טערעזא!

איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן! איך גלאָץ אויף איהר דיא אויגען און וויל טרעפען, ווער פון אונז ביידען האָט פערלאָרען דעם שכל? און זי איז ווידער אוועק צום טיש, האָט דאָרטען גענומען עפּיס זוכען, געהט צו צו מיר און זאָגט ברוגז'דיג:

„אויב אייך איז שוין געווען אזוי שווער אָנצושרייבען באָלעים'ען, טיק אָט איז ער, אייער שרייבעכטס, נאט אייך! און איך וועל געפינען אנדערע, וואָס וועלען מיר אנשרייבען...

איך טהו א קוק — אין האנד האלט איך דעם בריעף צו באָלעים'ען. מפּו זאָל דאָס ווערען!

„הערט אָר, טערעזא! וואָס טהוט זיך דאָ? צו וואָס דאַרפט איהר, אז אנדערע זאָלען אייך שרייבען, ווען איך האָב אייך אָט אָנגעשריעבען א בריעף, און איהר האָט איהם ניט אָבגעשיקט?

„וואו?

„אַט צו דעם דאזיגען... צו באַלעיס׳ען?

„איך זאָג דאָך אייך, אז קיין שום באַלעיס איז ניטאָ!

איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן קיין איין וואָרט! דיא איינ־ציגע זאַך, וואָס איז געבליעבען צו טהאָן, איז געווען אַ שפּיי טהאָן און אוועקגעהן. אָבער זי האָט מיר גענומען געבען צו פערשטעהן.

„נו, וואָס איז?" האָט זי אָנגעפאנגען ברוגז׳דיג. „ער איז ניטאָ, און געפּטר׳ט!" און זי האָט ברייט אויסגעשטעלט די הענד, אזוי ווי זי וואָלט ניט פערשטאנען, פאַר וואָס ער איז ניטאָ.

„און מיר ווילט זיך, ער זאָל יע זיין... איך בין דען ניט אזא מענש ווי אַלע? געווייס, בין איך... איך ווייס... אבער ווען מען קומט ארויס אַ רעה דערפון, וואָס איך שרייב צו איהם?...

„זייט מוחל — צו וועמען?

„צו באַלעיס׳ען, איך זאָג דאָך אייך!

„אבער ער איז דאָך גאָר ניטאָ?

„אַך, טאַטע זיסער! נו, וואָס איז, אז ניטאָ, נו? ניטאָ, און כלומרשט יע דאָ!... איך שרייב צו איהם, נו, איז קומט אויס, ווי ער וואָלט יע געווען... און טערעזא — דאָס בין איך, און ער ענט־פערט מיר, און איך איהם ווידער...

איך האָב פערשטאַנען... מיך האָט גענומען אזוי מאָדנע צופּען פאר׳ן הארצען, קאלאמוטנע איז מיר געוואָרען, און פּונקט ווי איך וואָלט זיך פאר עפּיס פערשעמט. דערביי, דריי טריט פון מיר, לעבט אַ מענש, וועלכער האָט אויף דער וועלט קיינעם ניט, וואָס זאָל אויף איהם אַ מאָל אַ קוק טהאָן מיט ליעבע, מיט אַ ווארעמען געפיהל, און אָט דער מענש קלערט זיך אויס פון קאָפּ אַ פריינד!

„אט האָט איהר מיר אָנגעשריעבען אַ בריעף צו באַלעיס׳ען, און איך האָב איהם געגעבען אַנאַנדערן איבערלייענען, און ווען מען לייענט מיר דעם בריעף, הער איך זיך צו און מיין, אז באַלעיס איז יע דאָ! און איך בעט אָנשרייבען אַ בריעף פון באַלעיס׳ען צו טער־רעזאַ׳ן... צו מיר, הייסט דאָס. ווען מען שרייבט מיר אַן אזא בריעף

און מען לייענט איהם, מיין איך שוין גאר אין גאנצען, אז באַלעים איז דאַ! און פון דאס איז מיר לייכטער דער לעבען...

יע... זאל דאס געהן אין אלל׳דיא העללען!... נו, אט פון יענער צייט אן האב איך גענומען פינקטליך צוויי מאל אין וואך שרייבען בריוולעך: איינעם — צו באַלעים׳ן און א צווייטען—אן ענטפער פון באַלעים׳ען צו טערעזא׳ן. גוט האב איך געשריעבען דיא ענטפערס. זיא פלעגט זיי הערען און יאמערן בשעת מעשה וויא א ביבער... מיט איהר באס. און דערפאר, וואס איך האב ביי איהר ארויסגע־רופען טרערען מיט בריוולעך צו איהר פון דעם אויסגעטראכטען באַלעים׳ען, פלעגט זיא מיר פערצירעווען דיא סקארפעטקעס און פערנעהען דיא לעכער אין דיא העמדער און אין אלע זיעבען זאכען... דערנאך, אין א חדשים דריי ארום נאך דער געשיכטע, האט מען זיא ארייגעזעצט אין געפענגנים, איך ווייס ניט פאר וואס. און יעצט איז זיא שוין זיכער אויף דער וועלט ניטא״.

מיין בעקאנטער האט אראבגעטרייסעלט דיא אש פון זיין פאפי־ראס, פערטראכטערהייט א קוק געטהאן אויפ׳ן הימעל און געענדיגט צו דערציילען:

„יע... וואס מעהר א מענש האט געגעסען דיא ביטערע קריי־טיכער, ווילט זיך איהם אלץ שטארקער צו פערזוכען דעם טעם פון זיסע זאכען. און מיר פערשטעהען דאס ניט; מיר זיינען פול מיט אונזער אלט־פריינקישער צניעת און קוקען איינער אויפ׳ן צווייטען מיט אזעלכע אויגען, אזוי וויא יעדער איינציגער פון אונז וואלט טאקי אין דער אמת׳ען געוועזן זיכער, אז ער איז א צדיק תמים...

דאס איז נאריש און... זעהר אכזריות׳דיג. א גרויסע זאך, גע־פאלענע מענשען... און ווער, פרעג איך ביי דיר, זיינען זיי דאס, דיא געפאלענע מענשען? קודם כל — מענשען, דיא זעלביגע ביינער, דיא זעלביגע בלוט, דיא זעלביגע פלייש און דיא זעלביגע נערוועז, וואס מיר האבען. טאג איין, טאג אויס דערציילט מען דאס אונז שוין א היבש ביסעל דורות. און מיר הארכען און... צו אלל׳דיא שווארץ יאהר, וואס קען נאך זיין נארישער? אדער מיר זיינען שוין אין גאנ־צען כויב געווארען פון דיא הילבעדיגע דרשות איבער מענשען־ליעבע?...

מיר אַליין, אין תוכן אריין, זיינען דאָך אויך געפאַלענע, און, וויא איך פערשטעהע, זיינען מיר זעהר טיעף געפאַלען... געפאַלען אין דעם אָב־גרונד פון אַ גרויס־האַלטען זיך. מיר זיינען איבערציינגט, איך ווייס ניט פאַר וואָס, אַז אונזערע נערוועַן און אונזער מאַרך פון קאָפּ זיי־נען בעסער פון דיא נערוועַן און דעם מאַרך פון דיא קליינע מענשע־לעך, וועלכע זיינען ניט אַזוי ביטרע וויא מיר זיינען, קענען זיך ערגער פון אונז פאַרשטעלען פאַר גוטינקע... מילא, וואָס איז דאָ וועגען דעם צו רעדען. דאָס איז אַזוי אַלט... אַז עס איז גאָר אַ חרפה צו ריידען; אפילו... זעהר אַלט... יע!"

א בוך, וואָס לאָזט ניט שלאָפען.

איך בין ניט קיין חדר־אינגעל; איך האב אבגעלעבט ברוך השם פיערציג יאָהר אויף דער וועלט, און דעם דרך החיים קען איך אויס־געבונדען, וויא מיינע אייגענע פינף פינגער. מיך דארף מען שוין אין חדר ניט פיהרען! איך האָב א ווייב מיט קינדער, און בכדי זיי זאָלען קאָנען לעבען אָהן זאָרג, האָב איך געמוזט צוואנציג יאָהר בסדר בויגען מיין רוקען אין דרייען; יע, דאס איז גאָר ניט אזא לייכטע זאך, און אנגענעהם זיכער ניט. אָבער יענע צייט איז פאָרביי. יעצט וויל איך אויסרוהען מיינע ביינער פון דער מאַטערנים פון לעבען; אָט דאס בעט איך אייך צו האלטען אין זינען, ר׳ קרוב!

ווען איך בין פריי פון דער ארבייט, האָב איך האָלט צו לייענען. פאַר דעם קולטור־מענש איז לייענען אי א נויטווענדיגקייט, אי א חיות. א בוך איז ביי מיר אוים דיא וועלט, און לייענען איז געוואָרען מיין ליעבסטע געוואָהנהייט. אָבער איך בין ניט וויא יענע פערדרעהטע קעפּ, וועלכע שלינגען אריין איטליכעם בוך, גאָר וויא א הונגעריגער א שטיקעל טרוקענעם ברויט, וועלכע זוכען אין איטלי־כען כתב א נייעם מתן תורה, א וועג־ווייזער.

איך וויים אליין, וויא אזוי מען דארף לעבען, איך וויים דאָס זעהר גוט!

איך קלייב זיך אויס צו לייענען נור גוטע ביכער, איך מיין אזעלכענע, וואָס פילען אָן מיין הארץ מיט א גוטען מוטה. ווען דער שרייבער מאָלט דיא ליכטיגע זייטען פון לעבען און פערשטעהט אויך דערביי פאָרצושטעלען אנגענעהם דיא שלעכטע זייט, דעמאָלט גע־פעלט ער מיר; אויב דער געבראָטענס איז ניט געראָטען—ניט פריש, צוגעבּרענט—דערפאר אָבער איז דער סאָס געשמאַק. מיר, וועלכע האָבען דעם גאַנצען לעבען אָבגעהאָרעוועט וויא אָקסען אָהן א רגע מנוחה, מיר ווילען, אז דאָס בוך זאָל אונז איינשלעפערן, וויא א זו־מער־ווינטעל, וויא דער זאנפטער גערויש פון בלעטער, וויא פויגעל־געזאַנג. אָט דאָס וויל איך אייך זאָגען, ר׳ קרוב! ... רוהע, וואָס קיין טייוועל זאָל מיר ניט צושטערען, איז מיין הייליגעס רעכט, — און וואָס׳ער חכם וועט מיר קומען זאָגען, אז דאס איז ניט אמת?

מיט א קורצע צייט צוריק האב איך מיר געקויפט א בוך, איהר ווייסט, פון דיא ביכער, וואס טראָגען דעם נאָמען פון דיא היינטיגע פיעל־געריהמטע שרייבער.

אין אבענד האָב איך פונאנדערגעשניטען דיא בלעטלעך און גענומען לייענען. איך מוז אייך זאָגען, אז איך האָב ניט א סך צוטרויען צו דיא יונגע „סימפּאטהישע“ טאַלענטען. איך ליעב טורגעניעוו׳ן; ער איז א זאנפטער, רוהיגער שרייבער; ווען מען לייענט זיינע ווערק, דוכט זיך אויס, וויא מען וואָלט געטרונקען פעטע מילך, און עס קלערט זיך דערביי: דאָס אַלץ האט פּאַסירט אין מלך סאָביעצקי׳ס יאָהרען, וואָס קאָן דאָס מיר אָנגעהן? גאָנטשאראָוו׳ן האָב איך אויך האָלט: זיין שרייבען איז מחיה׳דיג סאָלידנע, פריעדליך און איבערצייגענד.

איך האָב בכן גענומען לייענען. טאַטע זיסער, וואס איז דאס? דער לשון איז קאָרעקט, שיין, פליעסענד; דער אינהאַלט — איך זאָג אייך, ר׳ קרוב, אז מעהר אונפּארטייאיש קאָן גאָר ניט זיין. בקיצור — אויסגעצייכענט! איך האב אָבגעפּטר׳ט איין ערצעהלונג, צוגעקלאַפּט דאס ביכעל און זיך א ביסעל פערטראַכט. זיא האט אפילו איבער־געלאָזען ביי מיר איין אומעט אין הארצען, אָבער שפּעטער איז דער

איינדרוק פערשוואונדען געוואָרען, און איך האב געקאָנט מאריך זיין מיין לייענען אָהן סכנות נפשות. איך האב דאָרטען ניט געפונען קיין גראָבע שטיק, צווידייטיגע רעד, א וואונק אויף דיא רייכע קלאַסען, און אויך האט דער שרייבער זיך ניט בעמיהעט ארויסצושטעלען דיא ניעדריגע און נויט־ליידענדע מאסען פאר א מוסטער פון אלע גוטע מעלות. איך לייען דורך א צווייטע ערצעהלונג, — אויף מיין עהרענ־וואָרט, בעסער קאָן גאָר ניט זיין! בראַוואָ!...

מען דערצעהלט א מעשה, דאס ווען א כינעזע ווארפט איין און־חן אויף זיינעם א גוטען ברודער און וואָלט איהם וועלען פער־סם'ען, טראַקטירט ער איהם מיט אינגבער־קאָמפאָט. דאס איז זעהר א געשמאַקע אכילה, וואס מען קען זיך דערמיט גאָר קיין מאָל זאַט ניט אָנעסען; מען עסט עס אזוי לאנג, ביז וואַנען מען עסט זיך איבער און מען ציהט אויס דיא פיס...

אָט אזא מין מעשה האָט משמעות פאסירט אויך מיט אָט ביכעל. איך האב עס דורכגעלייענט ביז דיא לעצטע שורה, שוין לייענענדיג אין בעט, און ווען איך בין פאַרטיג געוואָרען, האב איך אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ און געוואָלט איינשלאָפען. איך האב זיך רוהיג אויסגעצויגען; אין שלאָפצימער איז געוואָרען פינסטער און שטיל.

פון העלער הויט האב איך גענומען פיהלען עפּיס גאָר איין אונגעוועהנליכע דרעהענים אין מח, אזוי וויא אָסיענדיגע פליעגען, איהר ווייסט, דער סאָרט פליעגען וואָס איהר קאָנט פון זיך בשום אופן ניט אָבטרייבען, וואָלטען מיך ארומגערינגעלט און אין דער שטיל גענומען זומען אזוי וויא זיי וואָלטען צו מיר ארויפגעקלעטערט אויף דער נאָז, אויף דיא אויערן, אויפ'ן קינבאַק און וואָלטען מיך געקי־צעלט מיט זייערע פיסלעך.

איך האָב געעפענט דיא אויגען, אָבער איך האָב גאָר ניט גע־זעהן; מיין גוטער מוטה איז פון דעסטוועגען פון מיר אוועק; ניט ווילענדיג האָב איך געמוזט קלערען פון דעם איבערגעלייענטען ביכעל; פינסטערע געשטאַלטען האָבען זיך מיר אוועקגעשטעלט פאר מיינע גייסטיגע אויגען — דאָס זיינען געווען העסליכע, שטומע, בלייכע בע־

שעפעניסען, אָהן אַ פּיצעל בלוט אין פּנים; איך זעה, דאָס זייער לעבען איז מיזעראבעל און אָהן אַ שום האפנונג.

איך קאָן ניט איינשלאָפען.

אין קאָפּ קריכען ארום טרויעריגע געדאנקען; פון וואנען האָבען זיי זיך גאָר גענקאָנט נעהמען? איך האָב אָבגעלעבט 40 יאָהר, 40! מיין מאָגען וויל שוין מעהר ניט פערדייהען דעם עסען, וויא עס געהער צו זיין. מיין פרוי זאָגט—המ—אַז איך ליעב זיא שוין מעהר ניט מיט אַזאַ פייער וויא פאר פינף יאָהרען. מיין זוהן איז איין אידיאָט, יע, אַ פּשוט׳ער אידיאָט. ער לערנט זיך אבשיילוך, ער איז פויל, נעהמט ארום פּוסט און פּאַס און לייענט אַלערהאַנד שונד. עס איז אַ חידוש, פון וואנען עס נעהמען זיך גאָר אזעלכע שעדליכע ביכער! ביי מיין וויב פאנגען זיך אָן צו בעווייזען אויפ׳ן פּנים קנייטשען, זיא וויל אָבער נאָך אַלץ, מען זאָל זיא האַלט האָבען. מיין דיענסט איז געוועזען, ווען מען זאָל זיא גענוי בעטראַכטען, דיא סאַמע נארישע, וואָס קאָן נאָר געבען, און מיין גאַנץ לעבען, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאר אַ צוועק האָט עס אייגענטליך?

אָבער גענוג צו פאנטאזירען! איך עפען אויף דיא אויגען — רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס?

דאָס בוך שטעהט לעבען מיין בעט. דאָס איז אַ דינע, פערטריקענטע בעשעפענים מיט לאַנגע פיס, וואָס האָבען ניט, דוכט זיך, אויף זיך קיין שטיקעל פלייש. דיא בעשעפענים טהוט מיר סאַרקאַסטיש אַ וואונק און שפּעצעט מיט איהרע בלעטער:

„נו, וואָס האָסטו אויפגעהערט צו קלערען?"

דער שאָטען האָט אַ לאַנגען פערטרויערטען פּנים, דיא אויגען זיינע בלישצען, גרויסע יסורים שפּיעגלען זיך אָב אין זיי, דער בליק פערקריכט טיעף אין דער נשמה אריין.

„איבערלעג זיך נאָר, טהו נאָר אַ ביסעל אַ טראַכט, צו וואָס האָסטו אייגענטליך אבגעלעבט 40 יאהר? וואָס האָסטו פאר דיא צייט אויפגעטהאָן, און וואָס פאר אַ נוץ האָט געבראַכט דיין לעבען? קיין איינציגער נייער געדאַנק איז ניט ארויסגעגאנגען פון דיין

מח. אין דיא גאנצע 40 יאהר האָסט ניט ארויסגערעדט קיין איינציג וואָרט, וואס זאל זיין שכל׳דיג און זעלבסטשטענדיג. אין דיין ברוסט האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט אויפגעוואכט א געזונדעס און שטאר־קעס געפיהל. און ווען דו האָסט התונה געהאט, האָסט גענומען דיין פרוי ניט אויס אמת׳ער ליעבע, נאָר וויל נאָך דיין חשבון איז אויס־געקומען, אז גראָד דעמאָלט האָסט געדארפט האבען אין הויז א פרויענצימער פאר דיך און פאר דיין גוף. א האלבען לעבען האָסט זיך געלערנט און וואס איז געוועזען דיא פעולה? אין דער צווייטער העלפט לעבען האָסט פערגעסען דיא תורה, וואס דוא האָסט אויס־געלערענט אין דער ערשטער העלפט, און דיין איינציגע דאגה איז געוועזען — צו געניסען וואס מעהר פון דיא גוטע זאכען, וואס דאס לעבען גיט. דער צוועק פון דיין לעבען איז געוועזען צו האָבען פערג־ניגען און זיין זאט. דו ביזט א טויגעניכטס, אָהן א שום אינהאלט. און קיינער דארף דיך ניט האָבען און ווען דו שטארבסט אוועק, וועט קיין שפור פון דיר ניט פערבלייבען, וויא דו וואָלסט גאר קיין מאָל ניט געלעבט אויף דער וועלט!״

דאס פערפלוכטע בוך האָט זיך צו מיר אלין נעהענטער גע־רוקט, אָט ליעגט עס וויא א קאָשמאר אויף מיין ברוסט און ווערגט מיך; זיינע בלעטלעך שעפּצען:

„עס זיינען פראָן אויף דער ערד צעהנדליגע טויזענדער, וועלכע לעבען אזוי וויא דוא. יאָהר איין, יאָהר אויס, ליעגט איהר, וויא פּרייסען אין קיך, אין אייערע ווארעמע לעבער, און אייער לעבען איז אָהן א טרייסט און אויסגעוועבט.״

איך הער זיך צו מיט ביידע אויערן צו דיא רייד, און עס דאכט זיך מיר, אז לאנגע, קאַלטע פינגער צופּען מיך ביים הארצען, איך פיהל זיך עלענד, אונרוהיג. א סך פריידען האָב איך טאקי קיינמאָל ניט געזעהען אין לעבען. איך קוק אויף מיין לעבען בלויז וויא אויף א פפליכט, וואס איז געווארען א פשוט׳ע געוואָהנהייט. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זיך אייגענטליך קיין מאָל ניט פערטראכט ערנסט וועגען דעם (איך דארף זיך אין דעם מודה זיין), איך האב געלעבט

אהן א שום נעדאנק. פלוצלינג שיקט אָן דער טייוועל אָט דאס נאַ־רישע ביכעל, און בעפארבט מיין לעבען אין טרויעריגע, פינסטערע פארבען.

„מענשען ליידען, פערלאנגען עפּיס, שטרעבען צו עפּיס, און דוא—דוא ביזט געווען א בעאמטער, א טשינאָווניק. צו וואס? מיט וואס פאר א צוועק? וואס האָט דאס געהאט פאר א זין? האָט דאס דיר אפשר פערשאפט פערגניגען? אָדער האָט דאס אימיצען געבראכט א נוין? נאך וואס האָסטו איינענטליך געלעבט?"

דיא אַלע קשיות האָבען מיך בעלעסטיגט און געמארטערט. איך האָב ניט געקאָנט איינשלאָפען. א מענש מוז דאך אָבער שלאָפען!

דיא העלדען פון בוך האָבען אויף מיר ארויסגעקוקט מיט שטאַ־רע אויגען פון דיא בלעטלעך און בסדר געפרעגט:

„מיט וואס פאר א צוועק האָסטו געלעבט אויף דער וועלט?"

„דאס איז ניט אייער דאגה," האָב איך זיי געוואָלט ענטפערן, אבער קיין איין וואָרט האָט ניט געקאָנט ארויסגעהען פון מיין מויל. אין דיא אויערן האט ביי מיר געררוישט און געזשוזשעט. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, דאס דיא כוואליעס פון ים האָבען א כאפ געטהאָן מיין בעט, א שאָקעל געטהאָן, אויפגעהויבען אין דער לופטען און ארויס־געטראָגען אין דיא ווייטע וואסערן אָהן ברעגעס. דיא זכרונות פון דער פערגאנגענע צייט פון מיין לעבען האָבען אין מיר ארויסגערופען א מין ים־קראנקהייט. איך קאָן אייך שווערען, אז אזא שלעכטע נאכט האָב איך נאך קיינמאָל ניט געהאט — ניט פריהער און ניט שפּעטער.

און איצטער פרעג איך אייך, ר' קרוב, וואס פאר א נוץ קאָן, צום ביישפּיעל, ברייננען אָט אזא מין ביכעל? עס שטערט בלויז אונזער מנוחת הנפש, לאזט אונז ניט שלאָפען. נאָך מיין שכל נאָך, דארף א בוך שטארקען דיא ענערגיע! ווען עס שיט אונז אָבער נאָ־דלען אין בעט אריין, קאָן עס אונז נאר שאדען, און מעהר גאר ניט! אזעלכענע ביכער דארף מען פערבאטען, פערניכטען, פערברע־נען! וואס דארף איינענטליך האבען דער מענש? פרייליכקייט — אָט וואס; פארדרוס האט ער אָהן דעם אויך גענוג.

איהר וועט מיך פרעגען, וואס איז געווען דער סוף? דער סוף

איז געווען איין איינפאַכער. ווען איך בין אין דער פריה אויפגעשטאַ־נען, ווילד וויא א טייוועל, רחמנא לצלן, האָב איך אוועקגעטראָגען דאס בוך צום בוכבינדער, און ער האָט עס איינגעבונדען אין א פּאָאַר שטאַרקע טאָוולען, יעצט שטעהט דאס בוך אויפ'ן אונטער־שטען ברעט פון מיין שראַנק פאַר ביכער, און ווען איך בין אופגע־לעגט, גיב איך איהם א שטויס מיט'ן פוס און טהו א פרעג:

„נו, ברודערקע, וואס האָסטו אויסגעפיהרט ?— הע־הע !".

א ליגען.

(פון דער ערציילונג „נאָך אַ מאָל וועגען טייוועל״).

איך האָב געהאַט אַ חבר — הלואי זאָל גאָט אויסלעשען זיין היציגע נשמה! מחמת נאָך וואָס דאַרף זיא ברענען דאָרטען, אין דיא קאַלטע און וויסטע מקומות פון ווייטען צפון, וואו ער איז אַוועק־געפאָהרען ניט מיט זיין אייגענעם ווילען?

גאָט, לעש אויס זיין נשמה! מחמת איהר פייער וועט דאָרטען גאָר ניט בעלייכטען חוץ אַ מדבר, דיא בערג שנעע אין דיא מדבריות וועלען ניט צוגעהן פון דעם פייער פון זיין נשמה, און דיא שוואַרצע וואָלקענס פון אומעט פון דעם עלענדען וועלען ניט פערשוואונדען ווערען, וויא אַ רויך ווערט פערשוואונדען פאַר׳ן פייער.

איך האָב געהאַט אַ חבר... יונג איז ער געווען אין דער צייט, ווען ער איז פערלאָרען געגאַנגען. אַ מאָל איז ער געפאָהרען צו מיר צו גאַסט, אָבער ער האָט צו שטאַרק ליעב געהאַט גלייכע וועגען, און איז דאָרום ניט פערפאָהרען צו מיר און גלייך אַוועקגעפאָהרען אַהין, וואו ער געפינט זיך עד היום און פון וואַנען ער וועט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען צוריק...

ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט אַן אַלטער מאַמען; זיא איז דעמאָלט אַלט געווען דריי און זעכציג יאָהר און דער טויט איז גע־שטאַנען ביי איהר הינטער׳ן רוקען. איך האָב געוואַרט אויף מיין חבר. און אין דעם זעלבען טאָג האָב איך פון איין זייט געקראָגען צו וויסען,

אז ער וועט שוין צו מיר ניט קומען, און פון דער אנדערער זייט — א בריעף פון זיין מאמען, וועלכע האט ביי מיר געפרעגט, אויב ער איז שוין געקומען, האט מיך געבעטען צו היטען זיין נשמה און זיין גוף, איהר שרייבען — וויא אזוי מיר פערברייננגען דיא צייט צו־זאמען, וויא ער פיהלט זיך ביי מיר צו גאסט...

איך האב איבערגעלייענט דעם בריעף און זיך פארגעשטעלט איהר, דער מוטער'ס בילד, פונקט וויא איך האב זיא געקענט — קראנק, אלט, צובראכען, מיט גוטע, ווייכע אויגען, וואו עס האט געברענט מעהר ,ניט, וויא ליעבע אהן א מאס צום זוהן... דער גאנצער זין פון שוואכען, קראנקען לעבען איז געלעגען אין זארגען וועגען איהם, אין קלערען פון זיין גליק...

„דערציילען איהר דעם אמת?" האב איך ביי זיך אליין א פרעג געטהאן...

עס איז פראן א מין אמת, וואס איז נויטיג פאר'ן מענשען; דאס ברענט אויס פון זיין הארצען דעם שמוץ און דיא געמיינהייט מיט'ן פלאם פון בושה—לאנג לעבען זאל ער, אט דער אמת!

און עס איז פראן א מין אמת, וואס פאלט ארויף וויא א שטיין דעם מענשען אויפ'ן קאפ און הרג'עט אוועק אין איהם דיא לוסט צו לעבען — פערלארען זאל דאס געהן, אט דער אמת!...

אויב איך זאל זאגען דער מאמען, אז איהר זוהן איז פאר איהר אויף אייביג נעלם געווארען, וועל איך זיא אין בעסטען פאל מיט איין קלאפ אוועקהרג'ען... און אויב זיא וועט ניט שטארבען פון דעם דאזיגען געמיינעם און שרעקליכען אמת — וועט איהר לעבען פערליערען דעם זין און איהרע לעצטע טעג וועלען זיין פער'סם'ט מיט אן אונערטרעגליכען וועהטאג און מיט יסורים, וואס קיינעם ברייננגען זיי קיין טובה ניט... אכט און צוואנציג יאהר, פול מיט מיה און פלאגענים, האט זיא מיט אלע כחות בעהיט דיא טעג פון איהר זוהן, און אט דא, פאר'ן טויט, האט מען ביי איהר צוגענומען איהר איינציגע טרייסט — דעם גליק צו וויסען, אז איהר זוהן איז אויפגעוואקסען, איז שטארק און אהן דער מאמען און אהן איהר שטיצע איז ער בכח אנצופיהרען מיט מוטה דעם לעבענס־

קאמפף און — זיא גלויבט אין דעם — ער וועט בלייבען דער זיגער...
און איך וועל קומען און איהר זאָגען — אז ער איז בעזיעגט...
ניין, איך וועל בעסער זאָגען א ליגען!

און דריי חדשים כסדר, ביז׳ן טאָג פון איהר טויט, האָב איך איהר געשריעבען בריעף מיט איהר זוהן׳ס האנדשריפט און איטליכען בריעף אָנגעהויבען מיט דיא ווערטער:

„מיין ליעבע, גוטע מאמינקע!

זיא האָט מיר געענטפערט אויף דיא בריעף מיט לאַנגע כתבים, וואו זיא האט בעוויעזען, וויא נויטיג עס איז צו טראָגען וואָלענע העמדלעך, און געשריעבען האָט זיא דאָס מיט א גרעסערען היץ פון א ליומער׳ען, ווען יענער האט געפרעדיגט זיינע רעפאָרמען אין דער קאטוילישער אמונה. איך האָב איהר דערציילט מיט׳ן מויל פון איהר זוהן, וויא גליקליך ער לעבט, וויא פריילאך עס איז איהם; האָב בע־שריעבען מיט אלע פיטשיווקעס, ס׳אָרא מחושב ער איז צווישען מענשען, וויא גוט עס גיט זיך איהם איין אַלץ, וואָס ער טהוט; האב אָנגענומען אָהן א ווידערשפרוך איהרע פאָרדערונגען, בין גע־ווען צארט, ווייך, גליקליך.

מלא שמחה האָט זיא צו מיר געשריעבען:

„מיין גוטינקער אינגעלע! דוא ביסט נאָך קיין מאָל ניט געוועזען אזא ליעבער, אזא לאַסצענדער וויא איצטער, אין דיינע בריעף צו מיר. א דאַנק דיר, מיין טהייערער, דערפאר, וואָס דוא מאכסט רייך מיינע לעצטע טעג מיט דיא אוצרות פון דיין ריינעם הארצען.“

איך האָב געמאכט שטארקער דיא העלע פארבען פון מיין פאנטאזיע און האָב איהר געשריעבען, וויא גוט עס איז צו לעבען, ווען מען האָט אזא וואונדערליכע, הייליגע מאמען; זיא האָט מיר געענטפערט — וויא גוט עס איז צו שטארבען, ווען מען האָט אזא פיינעם גליקליכען זוהן... און זיא איז געשטאָרבען גלויבענדיג, אז איהר זוהן איז גליקליך... און ער איז אין דער זעלביגער צייט געזעסען אין תפסה, ערגיץ אויפ׳ן וועג צום וויטען צפון...

דער שטורם-פויגעל*)

איבער דיא גרויע כוואליעס פון ים קלייבט צונויף ד   דיא וואלקענס. צווישען דיא וואלקענס און דעם ים שוועבט אין דער לופט מיט שטאָלץ דער שטורם-פויגעל, און ער זעהט אוים וויא א שוואר-צער בליץ.

דא ריהרט ער זיך אָן מיט'ן פליעגעל אן דיא כוואליע, דא הויבט ער זיך אויף וויא א פייל פון בויגען צו דיא וואלקענס און שרייט — און דיא וואלקענס הערען, וויא אין דעם מוטהיגען געשריי פון פויגעל קלינגט פרייד.

אין דעם געשריי — איז א דורסט נאָך א שטורם! אין דעם געשריי הערען דיא וואלקענס דיא מאכט פון כעס, דיא פלאמען פון ליעבשאפט און דיא זיכערקייט אין זיעג.

דיא טשאיקעס יאמערן פאר דעם שטורם — יאמערן, ווארפען זיך איבער'ן ים און ווילען בעהאלטען אויפ'ן דעק זייער שרעק פאר'ן שטורם.

און דיא גאנגארען יאָמערן אויך — זיי, דיא גאנגארען, האבען ניט דיא מעלה צו קוויקען זיך מיט'ן קאמפף פון לעבען; דער דונער פון געשלעג שרעקט זיי.

דער נארישער פיגווין בעהאלט זיין פעטען גוף אין דיא פעלזען... און נאָר דער שטאָלצער שטורם-פויגעל טראָגט זיך מוטהיג און פריי איבער'ן ים, וואס איז גרוי פון שוים!

---

*) אין רוסיש „בוריעוועסטניק“. דער פויגעל בעוויזט זיך פאר א שטורם.

דיא וואלקענס ווערען אלץ שווארצער און לאָזען זיך אלץ ניע־דריגער ארונטער איבער'ן ים, און דיא כוואליעס זינגען און טאנצען, זיך רייסענדיג אין דער הויך, צום דונער.

דער דונער קראכט, אין דעם שוים פון כעס יאמערן דיא כוואליעס, קעמפפענדיג מיט'ן ווינד. אָט האָט דער ווינד שטארק ארומגעארעמט דיא רייהע כוואליעס און ער ווארפט זיי אין א וויל־דער בייזקייט מיט'ן גאנצען כח אויף דיא פעלזען, און גאנצע בערג פערל צושיטען זיך אין שטויב און שוים.

דער שטורם־פויגעל, וויא א שווארצער בליץ, טראגט זיך מיט א געשריי; וויא א פייל פון בויגען לעכערט ער דורך דיא וואלקענס; דעם שוים פון דיא כוואליעס רייסט ער ארונטער מיט'ן פליגעל.

אָט טראגט ער זיך וויא א טייוועל,—דער שטאָלצער, שווארצער טייוועל פון שטורם, — און לאכט, און יאמערט... פון דיא וואָלקענס לאכט ער, פון פרייד יאמערט ער!

אין דעם כעס פון דונער,— ער, דער טייוועל, האָט א גוטע אויער,— הערט ער שוין לאנג א מיעדקייט; ער איז זיכער, אז דיא וואלקענס וועלען דיא זון ניט פערבארגען,— ניין, זיי וועלען זיא ניט פערבאָרגען!

דער ווינד יאמערט... דער דונער קראכט...

דיא וואלקענס פלאקערן איבער'ן אבגרונד פון ים אין בלויע פלאמען. דער ים כאפט דיא פיילען פון דיא בליצען און לעשט זיי אויס אין זיין טיעפען שוים. וויא פייערדיגע שלאנגען שפרינגען ארום אין ים דיא אבגעשיינטע בליצען.

— א שטורם! באלד ברעכט אויס א שטורם!

דאס איז דער מוטהיגער שטורם־פויגעל, וועלכער שוועבט מיט שטאָלץ צווישען דיא בליצען איבער'ן ים, וואס ברומט מיט אזא כעס; דאָס שרייט דער נביא פון זיעג:

— זאָל דער שטורם זיין וואס שטארקער!

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

אינטערוויום

פון

מאַקסים גאָרקי

איבערזעצט אויס דעם רוסישען מיט דער ערלויבניס פון שרייבער

פון ח. אַלעקסאַנדראָוו

ארויסגעגעבען פון

א. מ. יעוואַלענקאָ, ניו יאָרק

Copyright, 1908
By A. M. Evalenko, Publisher

אינהאלטס-פערצייכנים

די בעלי־בתים פון לעבען 5

דאס שיינע פראנקרייך 33

א קיסר פון דער רעפובליק 49

דער פריסטער פון מאראל 77

חבר 101

די בעלי=בתים פון לעבען.

די בעלי־בתים פון לעבען.

אינטערוויו.

— קום מיט מיר צו די קוואלען פון אמת! — האָט גע־זאָגט צו מיר דער טייוועל מיט א געלעכטער און ער האט מיך געבראכט אויפ'ן בית עולם.

און בשעת מיר האָבען זיךביידע לאנגזאם ארומגעדרעהט אי־בער די שמאָלע סטיעשקעס, צווישען די אלטע מצבות פון שטיין און אייזען, האָט ער ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט דער פער־מאטערטער שטימע פון אן אלטען פראפעסאר, וואס איהם האָט שוין דערעסען צו דרש'נען אָהן א טאָלק די תורה זיינע.

— ביי דיר אונטער די פיס, — האט ער צו מיר געזאָגט, — ליגען די באשעפער פון די געזעץ, וואס בעשטימען יעדען טריט דיינעם; מיט דער פאָדעשווע פון די שטיוועל טרעטסטו אויף די ביינער פון די טשעסלער און שמידען, וועלכע האבען אויסגעבויט דעם שטייג פאר דער ווילדער חיה אין די גידערים דיינע.

ער האט געלאכט בעת מעשה, און אין זיין שארפען געלעכ־טער האט זיך געהערט פעראכטונג צו די מענשען, און דער קאל־טער בליק פון די פעראומערטע אויגען האט בעגאָסען מיט א גרינליכען גלאנץ דאס גראָז פון די קברים און דעם שימעל פון די מצבות. די פעטע ערד פון די מתים האט זיך געקלעבט צו מיינע פיס אין שווערע שטיקער, און ניט לייכט איז געווען צו געהן איבער די סטיעשקעס, צווישען די מצבות, וואס זיינען גע־שטאנען אויף די קברים פון פראקטישען פערשטאנד.

— הער נאר, דו מענש, פאר וואס עפּיס בויגסטו ניט איין דעם קאָפּ, טיעף־טיעף, מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט ? דאָ ליגען דאָך דיביינדעלעך פון די, וועלכע האבען דיין נשמה בע־שאפען ? — האט געפרעגט דער טייוועל, און זיין שטימע האט מיר געקלונגען אין די אויערן ווי דאס פייכט וועהען פון דעם אָסיענדיגען ווינד, און מיין לייב האט זי געמאכט ציטערן און מיין הארץ, וואס איז פול געווען מיט א מין פעראומערטער אויפ־רעגונג. שטיל האבען זיך געוויגט די טרויעריגע צווייגען פון די ביימער איבער די אלטע קברים פון די מענשען, און קאלטע און פייכטע זיינען זיי מיר געקראכען אין געזיכט.

— בעצאהל וואָס עס קומט די פאלשע געלדמאכער ! זיי האבען דאס אָנגעפּלאָדיעט גאנצע וואָלקענס פיצינקע גראָע גע־דאנקען, די קליינע מטבעות פון דיין שכל. זיי האבען דאס בע־שאפען דיינע געוואוינהייטען, דיינע פאָראורטיילען, און אלצדינג, מיט וואס דו לעבסט. בעדאנק זיי — א געוואלדיגע ירושה איז דיר איבערגעבליבען פון די מתים !

געלע בלעטער זיינען מיר געפאלען לאנגזאם אויפ׳ן קאָפּ, און זיי האבען זיך ארונטערגעלאָזט אונטער די פיס. די ערד פון בית עלמן האט מיט זשעדנעקייט געשמאָצקעט מיט די ליפען, שלינגענדיג די פרישע שפייז — די טויטע בלעטער פון די אָסיענ־דיגע טעג.

— אָט דאָ ליגט א שניידער, וועלכער האט בעקליידט די מענשענ׳ס נשמות : שווערע גראָע טליתים פון פאָראורטיילען האט ער גענעהט פאר זיי — ווילסט א קוק טון אויף איהם ?

איך האב גאר ניט געענטפערט און נאר א שאָקעל געטאן מיט׳ן קאָפּ. דער טייוועל האט געגעבען א קלאפּ מיט׳ן פוס אין אן אלטע, מיט ראָסט דורכגעגעסענע פּליטע, וואס איז געשטאנען אויף איינעם פון די קברים, געגעבען א קלאפּ און געזאגט :

— הער נאר, דו תלמיד חכם ! זיי זיך מטריח... שטעה אויף...

די פּליטע האט זיך א הויב געטון, און מיט׳ן שווערען זיפּץ

פון א שטיק בלאָטע, וואס מען האט איהר בעאונרוהיגט דעם כבוד, האָט זיך געעפענט נישט קיין טיפע גרוב, וועלכע האָט אויסגע־זעהן ווי א פערפוילטע בייטעל. אין איהר פייכטער פינסטערניס האָט זיך דערהערט, ווי אימיצער האָט א בורטשע געטון:

— וואס פאר א משוגענער וועקט דאס א מת נאך האַל־בער נאכט?

— זעהסט? — האט געפרעגט דער טייוועל מיט א קרומען שמייכעל. — די באשעפער פון די געזעץ פאר לעבעדיגע בייטען זיך ניט אויף א האָר, ווען זיי זיינען שוין אפילו אין גאנ־צען צופוילט געווארען.

— אָה, דו ביסט דאס, בעל־הבית! — האט געזאָגט דער סקעלעט, זיך זעצענדיג אויפ'ן ברעג קבר, און גאנץ תקיף ביי זיך האט ער בעגריסט דעם טייוועל, שאָקלענדיג מיט'ן לעדיגען שארבען.

— יע, דאס בין איך! — האט געענטפערט דער טייוועל.

— אָט האב איך געבראכט צופיהרען צו דיר מיינעם א גוטען פריינד... ער האט פערלאָרען זיין שכל צווישען די מענשען, וואס דו האסט זיי אויסגעלערנט צו זיין חכמים, און איז דאס אצינ־דער געקומען צו דעם הויפט־מקור פון דער חכמה אום זיך אויס־צוהיילען פון דער מיאוס'ער מגפה...

איך האב געקוקט אויפ'ן תנא מיט דער אכטונג, וואס איהם האט געקומט. אויף די ביינער פון זיין שארבען איז שוין ניט געווען מעהר קיין סימן פון פלייש, אבער דער אויסדרוק פון צו־פרידענהייט מיט זיך אליין, וואס ער האָט געטראגען ביים לע־בען אויפ'ן געזיכט, האט נאך קיין צייט ניט געהאט פערפוילט צו ווערען. אין יעדען ביינדעל האט טונקעל געלויכטען דאס בע־וואוסטזיין, אז דאס איז א ביינדעל ניט ווי ביי דעם ערב רב, נאר א ביינדעל אן אויסנאהם, וואס בעסערס גיט דאס גאר ניט...

— וואס האסטו געטון, ווען דו האסט געלעבט, דערציי־ל אונז אָקאָרשט? — האָט דער טייוועל געמאכט א פארשלאג.

מיט גרויס גדלות האָט דער מת פערריכט מיט די ביינער

פון די הענד די שווארצע טראנטעס פון די תכריכים זיינע און די שטיקלעך פלייש, וואס זיינען געהאנגען אויף זיינע לענדען ווי ביי א בעטלער. דערנאך האט ער אויפגעהויבען מיט גאוה די ביינער פון דער רעכטער האנד אויף איין הויך מיט'ן אקסעל, א שפאר געטון מיט'ן היילען ביינדעל פון פינגער אין דער בית־עולם'שער פינסטערניס און גענומען רעדען מיט א קאלטער פלי־סיגער שטימע:

— איך האָב פערפאסט צעהן גרויסע ביכער, וואס האָבען איינגעפלאנצט אין די מענשען דעם הויכען געדאנק, אז די ווייסע ראסע שטעהט העכער פון דער פארביגער...

— אין אן איבערזעצונג אויף דער שפראך פון אמת, — האט געזאגט דער טייוועל, — הייסט דאס כדומה אזוי: איך, עקרה, אלטע מויד, האב איך פון די אלטע פעדים פון אויסגע־טראגענע אידעען דאס גאנץ לעבען געשטריקט מיט דער טעמפּי־גער העק־נאָדעל פון מיין מוח גולם'שע היטלען פאר די, וואס האָ־בען האָלט, אז זייער שארבען זאל זיין רוהיג און ווארים...

— איהר האט גאר קיין מורא ניט צו בעליידיגען איהם?

— האב איך געפרעגט שטילערהייט ביים טייוועל.

— נאך א נייעס! — האָט ער אויסגעשריען. — חכמים, אפילו ביים לעבען, דערהערען אויך ניט דעם אמת!

— נאר די ווייסע ראסע, — האט דער תנא מאריך גע־ווען, — האט געקענט אויפבויען אזא קונציג צוזאמענגעזעצטע ציוויליזאציאָן און אויסארבייטען אזעלכע שטרייגנע פּרינציפּען פון מאָראל. דאס האט זי צו פערדאנקען דער פארב פון איהר הויט, דעם בעזונדערען געביי פון איהר בלוט, ווי איך האב דאס באוויזען...

— ער האט דאס באוויזען, ס'ארט דיר! — האט דער טייוועל איהם נאכגעזאגט און צוגעשאָקעלט דערביי מיט'ן קאָפּ. — קיין איין ווילדער מענש איז נאך ניט אזוי שטארק איבערצייגט, ווי דער אייראָפּעער איז, דאס ער האט א רעכט צו זיין א רשע מרושע...

— דאס קריסטענטום און דעם הומאניזמוס האבען בעשאַ־פען די ווייסע, — האט דער מת ווייטער גערעדט.

— ס'הייסט די ראסע פון מלאכים, וואס די גאנצע ערד מוז זיין זייערע, ניט אנדערס, — איז איהם דער טייוועל אריינגע־פאלען אין די רעד. — אַט דערפאר טאקי בעפארבען זיי דאס מיט אזא פליים די ערד אין זייער ליעבסטע פארב — די רויטע פארב פון בלוט...

— זיי האבען בעשאפען די רייכסטע ליטעראטור, א טעכ־ניק נאר צום בעוואונדערן, — האט דער מת גערעכענט אויף די פינגער, רוקענדיג די ביינדלעך אין איין זייט...

— דריי צעהנדליג גוטע ביכער און אָהן א צאהל כלי משחית, עס זאל זיין מיט וואס אויסצושלאכטען מענשען... — האט פער־טייטשט דער טייוועל מיט א געלעכטער. — וואו איז נאך דאס לעבען מעהר צוברעקעלט ווי צווישען אַט דער ראסע? און וואו איז נאך דער מענש אזוי נידריג ארונטערגעשטויסען ווי צווישען די ווייסע?

— אפשר איז דער טייוועל ניט אלע מאָל גערעכט? — האב איך א פרעג געטון.

— די קונסט פון די אייראָפּעער האט דערגרייכט א הויך, וואס עס איז ניט אבצומעסטען, — האט באלאמוטשעט דער סקעלעט מיט א טרוקענער און אומעטיגער שטימע.

— ס' קאן זיין, אז דעם טייוועל ווילט זיך אויך א מאָל א טעות האבען! — האט אויסגעשריען מיין מיטגעהער. — דו ווייסט ניט, ס'ארא אומעט דאס איז — אייביג נור זיין גערעכט. אבער, ווייסט דאך, קיין אנדער צוועק אין לעבען האבען ניט די מענשען ווי בלויז צו פערזארגען מיט שפייז מיין געפיהל פון פעראכטונג... די זריעות פון געמיינהייט און שקר ברייננען אויף דער וועלט די גרעסטע גערעטענים. אַט איז ער, איינער פון די, וואס האָבען געטון און געזעעט. קענסט זיך לאָבען קוקענדיג אויף איהם. פונקט ווי זייער גאנצע חברה, האט ער ניט ארויסגעבראכט פון זיך קיין שום נייעס; ער האט ניט מעהר ווי מחיה המתים

געוועז נבלות פון אלטע פאראורטיילען און זיי בעקליידט אין נייע ווערטער... וואס איז אויף דער עויד געשאפט געווארען? אויסגעבויט זיינען פאלאצען פאר איין הייפעלע, קלויסטערס און פאבריקען — פאר די מאסען. אין די קלויסטערס ממית'ט מען די נשמות, און אויף די פאבריקען — די קערפערס. דאס ווערט גע־טון צוליעב דעם, אז די פאלאצען זאלען שטעהן און זיך ניט שאק־לען... מען שיקט ארונטער מענשען טיעף אין דער ערד נאך קאה־לען און גאלד, און פאר דער שענדליכער פראצע בעצאהלט מען מיט א שטיק ברויט און מיט בליי און אייזען אויף צו פערבייסען.

— איהר זייט א סאציאליסט? — האב איך געפרעגט ביים טייוועל.

— איך וויל הארמאָניע! — האט ער געענטפערט. — עס איז א חלשות צו קוקען, ווי מען נעהמט דעם מענשען, וועלכער איז פון דער נאטור בעשאפען געווארען פון איין גאנצען שטיק, און מען צוברעקעלט איהם אין פיצינקע — מאנינקע שטיקעלעך, ווי מען מאכט פון איהם א ווערקצייג פאר די לאנגע הענד פון א צווייטען. איך דארף ניט האבען קיין שקלאף; שקלאפעריי קען מיין גייסט ניט פערטראגען... און אט פאר דעם חטא האט מען מיך אראבגעווארפען פון הימעל. וואו עס זיינען נאר דא דעה־זאגער, דארטין וועסט שוין בשום אופן ניט אויסמיידען גייסטיגע שקלאפעריי. דער שימעל פון ליגענס וועט דארטין שטענדיג וואק־סען און בליהען... זאל די גאנצע ערד לעבען! זאל זי ברענען פון איין עק ביז'ן צווייטען דעם גאנצען טאג, אפילו ווען עס זאל פער־בלייבען פון איהר ביז נאכט נאר א הויפען אש. ס'איז נויטיג, אז כאטש איין מאָל אין לעבען זאלען זיך פערליעבען אלע מענ־שען... די ליעבע, ווי א צויבער־חלום, חלום'ט זיך נאר איין מאָל אין לעבען, אבער אט אין דעם איין מאל — איז דער גאנצער זין פון עקזיסטענץ...

דער סקעלעט איז געשטאנען אנגעשפארט אן דעם שווארצען שטיין, און דער ווינד האט שטילערהייט געקרעכצט אין דעם אויס־געלעדיגטען שטייג פון זיינע ריפען.

— ס'איז איהם משמעות קאלט און ניט־בעקוועם צו שטעהן!
— האָב איך געזאָגט צום טייוועל.

— עס טוט מיר הנאה צו קוקען אויף א געלערנטען, וועל־כער האָט פון זיך אראבגעווארפען אלץ, וואס ער דארף ניט האָ־בען. זיין סקעלעט — דאס איז דער סקעלעט פון זיין הויפט־גע־דאנק... איך זעה יעצט, ווי אריגינעל דאס איז געווען... לעבען זיין זייט פוילט בשלום א צווייטער פערזעער פון אמת. נאַמיר איהם אויך מטריח זיין. ווען זיי לעבען, האָבען זיי אלע האַלט א רוהיגען ווינקעל, און לעגען אוועק די כחות אום צו בעשאפען א בעשטימ־טען און א רעגעלמעסיגען וועג פאר די געדאנקען, פאר דאס גע־פיהל, פאר דאס לעבען. זיי פערקריפּלען די ניי־געבארענע אידעען און מאכען פאר זיי בעקוועמע טרונעס. אבער אז זיי ווערען נפטר, ווילט זיך זיי, מען זאל אן זיי ניט פערגעסען... קאמפּראטשיקאָס, שטעהט זייט מוחל אויף! אָט האב איך געבראכט צו אייך א מענ־שען, וועלכער דארף א טרונע פאר זיינע געדאנקען נויטיג ווי דאס לעבען.

און אויף דאס ניי האָט זיך פאר מיר בעוויזען פון דער ערד א פוסטער שארבען, אהן האָר, אהן ציין, געל ווי א וואקס אבער מיט אלל'דעם האָט ער דאך געגלאנצט פון צופרידענהייט מיט זיך אליין. קאנטיג געווען, אז שוין א צייט מיט יאָהרען, ווי ער איז גע־לעגען אין דר'ערד — אויף די ביינער זיינע האָט זיך ניט געזעהן א סימן פון פלייש. ער האָט זיך אנידערגעשטעלט ביים שטיין איבער זיין קבר, און די ריפּען האָבען זיך ביי איהם ארויסגעריסע־ וועט אויפ'ן שווארצען שטיין ווי די שמוקלעריי אויף א קאמער־הער'ס מונדיר.

— וואו האלט ער זיינע אידעען? — האָב איך א פרעג געטון.

— אין די ביינער, מיין פריינד, אין די ביינער! ביי זיי די אידעען — ווי א שטייגער רומאטיס און א וועהטאג איז קרייץ — פערקריכען טיעף אין די ריפּען.

— ווי געהט מיין בוך, בעל הבית? — האָט געפרעגט דער סקעלעט מיט א פערשטיקטער שטימע.

— דאס ליגט נאך ווי א פלאכע, פראָפעסאָר! — האט גע־ענטפערט דער טייוועל.

— ס'הייסט, ס'ליגט נאך? די מענשען האָבען דען פערגע־סען ווי צו לייענען? — האָט געזאגט דער פראפעסאר, נאכדעם ווי ער האָט געקלערט א ווײלע.

— ניין. נארישע מעשיות לייענען זיי נאך אזוי ווי פריהער... גאנץ גערן... אבער א נארישע מעשה, וואס ווארפט אָן אן אומעט — אויף דעם זיינען א סך בעלנים ניטא... לאנג ווארטען דארף מען... דער פראפעסאר — האָט זיך דער טייוועל א קער געטון צו מיר — האָט זיין גאנץ לעבען געהאלטען אין איין מעסטען די שארבענס פון פרויען: ער האָט, פערשטעהסטו מיך, געוואלט בעווייזען, אז די פרוי איז ניט קיין מענש. ער האָט אויסגעמאסטען שארבענס אין די הונדערטער; געצעהלט די ציין, גענומען א מאָס פון די אויערן, געוואויגען דעם טויטען מארך. עסק'ען זיך מיט'ן טויטען מארך — דאס איז געווען ביי דעם פראָפעסאָר דאס גאנצע חיות; אויף דעם זאגען עדות אלע זיינע ביכער. איהר האָט זיי געלייענט?

— איך האָב קיין טבע ניט צו געהן אין טעמפעל דורך א שיינק, — האב איך געענטפערט. — און איך ווייס אויך ניט ווי צו שטודירען א מענשען פון היילע ביכער. די מענשען אין ביכער זעהן מיר עפּים תמיד אויס בלויז ווי ברעקלעך פון א מענשען, און איך בין שוואכלעך אין דער חכמה פון רעכנען. אבער מיין מיינונג איז, אז א מענש אהן א באָרד און אין אן אונטערקליידעל — איז ניט בעסער און ניט ערגער פון א מענשען מיט א באָרד, אין הויזען און מיט וואָנסען...

— יע, — האָט געזאגט דער טייוועל, — די געמיינהייט און די נארישקייט רייסען זיך אריין אין מארך, עס מאכט ניט אויס, וואס מען זאל ניט טראגען אויף זיך, און ווי פיעל האָר מען זאל ניט האָבען אויפ'ן קאפּ. אבער איך מוז זיך מודה זיין, אז די פרוי־

ען־פראגע איז דאך אוועקגעשטעלט אויף אן אינטערעסאנטען שטאנדפונקט, — און דער טייוועל האט זיך פאנאנדערגעלאכט, נאך זיין געוואוינהייט נאך. אלע מאל לאכט ער — אט דערפאר איז דאס א ליעבע הנאה צו שמועסען מיט איהם. ווער עס ווייס ווי צו לאכען און קען לאכען אויפ׳ן בית עלמן, דער — גלויבט מיר — האט האלט דאס לעבען און האט האלט מענשען...

— איין סארט מענשען, וואס די פרוי איז נויטיג פאר זיי אלס ווייב און שקלאפין, בעהויפטען, אז זי איז — ניט קיין מענש! — האט ער מאריך געווען. — ס׳איז דא ווידער נאך א סארט מענשען, וועלכע זאגען זיך ניט אב חלילה צו לעבען מיט דער פרוי, אבער זיי וואלטען וועלען אין דער זעלבער צייט עקספלואטירען וואס מעהר איהר פייהיגקייט צו דער ארבייט. אט אזוינע חברה־לייט בעהויפטען, אז זי טויג אויסגעצייכענטערהייט צו ארבייטען אין יעדען פאך גלייך מיט דעם מאנסביל, דאס הייסט, פאר דעם מאנסביל. פערשטעהט זיך די מעשה, ווען איינער פון זיי — צו פון ערשטען סארט, צו פון צווייטען — האט פערגוואלטיגט א מיידעל, וועט ער די געשענדעטע — גאט בעוואהר — ניט דערלאזען אריינצושמעקען אין זיין קרייז. ער איז איבערצייגט, דאס נאכדעם ווי ער האט זיך צוגעריהרט צו איהר, איז זי א פערשמוצטע געווארען אויף אייביג... ניין, די פרויען־פראגע, זאג איך אייך, איז פשוט א מחיה! מיר געפעהלט, ווען מענשען לייגען אהן קונצען — זיי זעהען דעמאלט אויס ווי קינדער, און ס׳איז דא א האפנונג, אז מיט דער צייט וועלען זיי ווערען גרויסע...

מען האט געקאנט זעהן נאכ׳ן טייוועל׳ס געזיכט, אז ער האט גאר בדעה ניט צו זאגען א גוט ווארט וועגען די מענשען אין דער צוקונפט. אבער — בינו לבינו — אפילו איך גופא ביי היינטיגען טאג קען אויך ניט זאגען וועגען זיי א סך שבחים. און מחמת איך האב ניט געוואלט, אז דער שד זאל אבשלאגען ביי מיר אזא מחיה׳דיגע און אזא לייכטע פרנסה, בין איך איהם אריינגעפאלען אין די רעד:

— ס׳געהט א גלייכווערטעל — וואו דער טייוועל האט אליין

קיין צייט ניט צו געהן, שיקט ער אהין־צו די פרוי, — איז דאס אמת?

ער האָט געטון א קוועטש מיט די פּלייצעס און געענטפערט:

— ווי א מאָל... דערהויפּט ווען עס איז ניטא אונטער דער האנד א מאנסביל, וועלכער איז געגוג קלוג און געמיין...

—איך קען אייך ניט זאגען פאר וואס, אבער עפּיס דאכט זיך מיר, אז איהר האט געוואָרפען אן אוּמ'חן אויף שלעכטס? — האָב איך געפרעגט.

— קיין שלעכטס איז מעהר אויף דער וועלט ניטא! — האָט ער געענטפערט מיט א זיפץ. — נאר געמיינהייט איז דא! אין די אמאָליגע יאהרען איז שלעכטס געווען א מאכט פול מיט שיינקייט. און יעצט... ווען מען הרג'עט אפילו מענשען — טוט מען דאס אויך אויף א געמיינעם דרך — מען פערבינדט זיי א־פריער די הענד. ניטאָ קיין גזלנים — געבליבען זיינען תליונים. א תליון איז א שקלאף, ווען איהר זאלט איהם ניט אנכאפּען. דאס איז א האנד און א האק, וואס ווערען געבראכט אין בעוועגונג דורך די קראפט פון שרעק, דורך די סטוסאקעס פון פחד... איהר ווייסט דאך, אז הרג'ענען הרג'עט מען אוועק די, פאר וועמען מען האָט מורא...

צוויי סקעלעטען זיינען געשטאנען איינער לעבען דעם אנ־דערן איבער די קברים זייערע, און אויף זייערע ביינער זיינען שטילערהייט געפאלען די אָסיענדיגע בלעטער. דער ווינד האָט מרה־שחורה'דיג געשפּיעלט אויף די סטרונעס פון זייערע ריפּען און געפייפט אין די וויסטע שארבענס. פון די טיעפע גריבער, וואו עס זיינען געווען א מאָל די אויגען, האָט ארויסגעקוקט א פינס־טערניס, א פייכטע און שטינקעדיגע. די מתים האבען זיך ביידע געטרייסעלט פון קעלט. עס האָט מיך פערקלעמט דאס הארץ קוקענדיג אויף זיי.

— זאלען זיי זיך געהן אין זייער רוה! — האָב איך געזאגט צום טייוועל.

— איך זעה, אז דו ביזט א מענשען־פריינד אפילו אויפ'ן בית עולם! — האָט ער אויסגעשריען. — אזוי איז די מעשה. מענשען־

פריינדליכקייט איז א סך מעהר אנגעלעגט צווישען טויטע קער־פערס — דא בעליידיגט זי קיינעם ניט. אין די פאבריקען, אויף די עפענטליכע פלעצער און אין די גאסען פון די שטעדט, אין די גע־פענגניסען און טיעף אין דער ערד אין די שאכטען, בקיצור, צווי־שען לעבעדיגע מענשען, איז די דאזיגע מענשען־פריינדליכקייט פשוט לעבערליך און קען נאך אפילו ארויסרופען בייזע געפיהלען. אבער דא איז ניטא, ווער עס זאל לאכען פון איהם — די מתים זיינען תמיד ערנסט. און איך בין איבערצייגט, אז זיי האָבען הנאה צו הערען פון מענשען־פריינדליכקייט. דאס איז דאך זייער טויט־געבאָרענעס קינד... און פון דעסטוועגען זיינען זיי גאר קיין גולם'ס ניט געווען כ'לעבען, אָט די אָ, וואס האבען ארויפגעצויגען אויף דער כצענע די דאזיגע שיינע פאָרהאנגקע: מען קען דאך יעצט ווע־ניגסטענס פערדעקען פון די אויגען דאס שוידערליכע בילד, ווי מען טוט אָן מענשען ענוים, די קאלטבלוטיגע רשעות פון א הייפעלע שטארקע... שטארק געווארענע דורך אלעמענ'ס נארישקייט...

און דער טייוועל האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער, דעם שארפען געלעכטער פון בייזען ביטערען אמת.

אין פינסטערען הימעל האָבען געשימערט די שטערן; אהן א ריהר זיינען געשטאנען די שווארצע שטיינער איבער די קברים פון דער פערגאנגענהייט. אבער דער גערוך פון צופוילטקייט האָט זיך דורכגעשלאגען דורך די ערד, און דער ווינד פלעגט אוועק־טראגען דעם אָטעם פון די מתים אין די פערשלאפענע גאסען פון דער שטאדט, וואס איז געווען בעהערשט פון דער שטילקייט פון נאכט.

— מענשען־פרייד וועסטו דאָ געפינען א היבש ביסעל, — האָט דער טייוועל גערעדט ווייטער און האָט ברייט א פיהר געטון מיט דער האנד ארום זיך, אנצייגענדיג אויף די קברים. — עס זיי־נען געווען צווישען זיי אפילו אזעלכע, וואס האָבען געמיינט דאס, וואס זיי האָבען גערעדט... איך זאג דיר, אז אין לעבען שטויסט מען זיך אָן אויף א סך המצאה'דיגע מיספערשטענדניסען, און אָט די מיספערשטענדנים איז אפשר גאר ניט די לעבערליכסטע... און לעבען

זייער זייט ליגען זיך בשלום, ווי גוטע פריינד, חכמים פון א גאנץ אנדערן שניט, — די, מיין איך, וואס האבען געפּרופט אוועקצולע־גען א שטארקען פונדאמענט אונטער דעם אלטען בנין פון שקר; א בנין, איבער וועלכען עס האָבען נעבאך אבגעהאָרעוועט מיט זיי־ער בלוט און שוויים מיליאנען־מיליאסען געשטארבענע...

פון ערגיץ־וואו פון דער ווייטענס האבען זיך דערטראָגען צו אונז די קלאנגען פון א ליעד... צוויי־דריי פריילעכע געשרייען זיי־נען דורכגעשוואומען מיט א ציטער דורכ'ן בית עולם. דאס האָט משמעות געזונגען עפּיס א הולטאי, וועלכער איז זיך אין דער פינ־סטער געגאנגען צו זיין קבר אהן שום זאָרג.

— אָט אונטער דעם שווערען שטיין פוילט מיט גדלות דער גוף פון א תלמיד חכם, וועלכער האט געלערנט די וועלט, אז די גע־זעלשאפט איז א קערפּער, וואס איז געגליכען... צו א מאלפּע אדער צו א דבר אחר, איך געדיינק שוין ניט. דאס איז א וואוילער איינ־פאל, דערהויפּט פאר די מענשען, וועלכע ווילען זיך איינרעדען, דאס זיי זיינען דער מארך פון קערפּער! כמעט אלע פּאליטיקער און אנפיהרער פון באנדעס גנבים — שטימען איין אָט מיט דעם געדאנק. אויב איך בין דער מארך פון קאפּ, הייסט דאך דאס, אז איך בעוועג די הענד, ווי איך וויל, אז איך וועל אלע מאָל האָבען די מעגליכקייט צו דערשטיקען דעם אינסטינקטיווען ווידערשטאנד, וואס די מוסקעלן ווייזען ארוים מיין קעניגליכער מאכט — איאָ אזוי? און אָט דא ליגען די ביינער פון א מנעשען, וועלכער האָט גערופען די מענשען צוריק, צו דער אוראלטער צייט, ווען זיי זיי־נען געקראכען אויף אלע פיער און האָבען זיך געלאָבט מיט ווערים. דאס זיינען געווען די גליקליכסטע טעג פון לעבען, האָט ער גע־האלטען אין איין טענה'ן. א גרויסער מתמיד געווען, זאל ער מיר מוחל זיין! ארומגעהן אויף צוויי פיס, אין א פיינעם ראָק, און גע־בען די מענשען אן עצה: ווערט ווידער בעוואקסען מיט האָר ווי חיות, — זאג, הארץ־קרוין, איז דאס ניט אריגינעל? לייענען פּאָ־עזיע, הערען מוזיק, בעזוכען מוזעען, אין איין טאג זיך אריבער־טראגען אויף הונדערטער מייל, — און דרש'ענען בעת מעשה, אז

מען דארף לעבען אין די וועלדער, קריכען אויף אלע פיער, — ניט שלעכט, אויף מיינע נאמנות! און אָט דער אַ האָט געהאלטען די מענשען אין איין בערוהיגען און געזוכט זכות אבות אויף זיי: ער האָט באוויזען מיט אותות ומופתים, אז פערברעכער זיינען ניט קיין מענשען, אז זיי זיינען — א שוואכער ווילען, א בעזונדער מין מענש, וועלכער קען זיך ניט איינלעבען אין דער געזעלשאפט. זיי זיינען בטבע — די דם־שונאים פון געזעץ און מאָראל; הייסט דאס, אז מען דארף מיט זיי ניט מאכען קיין שהיות. נאר דער טויט היילט אויס פון פערברעכען. דאס איז — א קלוגער איינפאל! ארויפלעגען אויף איין מענשען אלעמענ׳ס חטאים און זאגען, אז אָט דער מענש איז פון דער נאטור א כלי פון אלל׳דאס שלעכטס, און אין דער נשמה זיינער זיצט א בייזער ווילען, — וואס איז, איהר וועט מיך אפשר איינרעדען, אז דאס איז א נארישקייט? אין לעבען געפינט זיך צו יעדער צייט איינער א צדיק תמים, וועל־כער בעמיהט זיך אויסצוזוכען זכות אבות אויף די פער׳מיאוסט־אויסגעקרימטע זיילען פון לעבען, וואס איסקאליעטשען די נשמה. אז די תלמידי חכמים שנייצען די נאָז, האבען זיי אויך א טעם אויף דעם. יע, די בית עולם׳ס זיינען אנגעפאקט מיט אידעען, וואס מיט זיי וואלט מען געקענט אויסבויען אין די שטעדט א סך א בע־סער לעבען ווי איצטער...

דער טייוועל האָט זיך אומגעקוקט ארום זיך. דער ווייסער קלויסטער האָט אויסגעזעהן ווי דער פינגער פון א ריעזיגען סקע־לעט און האָט זיך שווייגענדיג געהויבען פון דעם פעטען פעלד פון די טויטע צום פינסטערן הימעל, דעם שווייגעדיגען פעלד פון די שטערן. א געדיכטע געזעמעל פון שטיינער איבער די קוואלען פון חכמה, אנגעטונענע אין פערשימעלטע טליתים, האבען ארומגערינ־געלט דעם דאָזיגען קוימען, וועלכער האט פאנאנדערגעטראגען אי־בער די מדבריות פון דער וועלט דעם ביטערען רויך פון מענשליכע קלאָגען און געבעט. דער ווינד, אן אנגעזאפטער מיט׳ן פעטען גע־רוך פון צופוילטקייט, האָט שטילערהייט געוויגט די צווייגען פון די ביימער, אראָברייסענדיג די טויטע בלעטער. און אָהן א גערויש

זיינען געפאלען די בלעטער אויף די וואונדען פון די באשעפער פון לעבען...

— אצינדער וועלען מיר ארויספיהרען פון די קברים אלע מתים און מאכען א שטיקעל פראבע פון דעם סאמע לעצטען בית דין של מעלה! — האט גערעדט צו מיר דער טייוועל, שפאנענדיג פאראוים איבער דער אויסגעקרימטער סטיעשקע צווישען בערג־לעך און שטיינער. — דו ווייסט, א לעצטער בית דין של מעלה וועט יע קומען א מאל! אויף דער ערד וועט ער פארקומען, און יענער טאג וועט זיין איהר שענסטער טאג! און קומען וועט דער טאג, ווען די מענשען וועלען בעגרייפען אלע פערברעכען, וואס עס זיינען בעגאנגען געגען זיי די לעהרער און די געזעצגעבער פון לעבען, אט די דאזיגע, וואס האבען צוריסען דעם מענשען אין קליינצינקע שטיקלעך און ברעקלעך פון זינלאזען פלייש און ביי־נער. אלץ, וואס עס לעבט יעצט אונטער'ן נאמען פון מענשען — דאס זיינען נאר שטיקער, דער מענש אין גאנצען איז נאך ניט בעשאפען געווארען. ער וועט געבארען ווערען פון דעם אש פון די פראבעס, וואס די וועלט האט דורכגעמאכט, דערנאך וועט ער איינשלינגען די פראבעס פון דער וועלט, ווי דער ים שלינגט איין די שטראלען פון דער זון, און ער וועט נעהמען ברענען איבער דער ערד.ווי א צווייטע זון. איך, זאג איך דיר, וועל דאס דערלעבען צו זעהן! ווייל דעם מענשען בעשאף איך, איך וועל איהם בעשאפען!

דער אלטער האט זיך אביסעל בערוהיגט און איז אריינגעפא־לען אין א דיכטערשע שטימונג, וואס האט שוין גאר ניט געפאסט פאר א טייוועל. איך האב איהם דאס מוחל געווען. וואס קען מען זיך העלפען? דאס לעבען מאכט פאר א קאליקע אפילו דעם טיי־וועל אויך, דורכברענענדיג מיט זיינע גיפטען זיין שטארק פער־קאוועטע נשמה. און נאך אלעמען איז דאך ביי יעדערן דער קאפ קיילעכדיג, און די געדאנקען מיט א קלין, און ווען דער מענש קוקט אויף זיך אין שפיגעל, זעהט ער פאר די אויגען א פארשוין.

דער טייוועל האט זיך אוועקגעשטעלט צווישען די קברים און ארויסגעלאזען א קול פון אן אויבער־גלח:

— ווער איז דא א גרויסער חכם און אן עהרליכער מאן ?

איין רגע האָט זיך קיין פּיפּס ניט געהערט. דערנאָך, האָט זיך די ערד מיט א מאָל א טרייסעל געטון אונטער מיינע פיס, און די בערגלעך פון דעם בית עולם זיינען ווי בעדעקט געוואָרען מיט שטיקער שמוציגען שנעע. עס האָט אויסגעזעהן, ווי טויזענדער בליצען וואלטען זי אינעווענינג דורכגעריסען, אדער אין איהרע גי־דערים וואלט זיך איבערגעקעהרט אין קאנוואולסיען א ריעזיגע באשעפעניס. אלץ ארום אונז איז בעפּארבט געוואָרען אין געל־קויטיגע קאָלירען. וואו מען האט ניט א וואָרף געטון מיט'ן אויג, האבען זיך, ווי די צווייגעלעך פון טרוקענעם גראָז בעת דער ווינד בלאזט, אנגעהויבען צו שאקלען סקעלעטען ; און עס האָט זיך דערהערט אין דער שטילקייט, ווי די ביינער האָבען זיך געריבען און זיך געקלאפּט איינס אָן דאס אנדערע און אָן די פּליטעס פון די קברים. שטויסענדיג איינער דעם צווייטען, זיינען די סקעלעטען ארויפגעקראכען אויף די שטיינער. אומעטום האָבען זיך געזעהן שארבענס. א געדיכטע נעץ פון ריפּען האָט מיך צוגעפּרעסט פון אלע זייטען. די אנגעשטריינגטע פוס־ביינער האָבען יעדע רגע גע־ציטערט אונטער דער שווערער משא פון די ביינער אין די קלעמ־בעס, מיאוס פאנאנדערגעשפּרייטע. און אלץ ארום אונז האָט גע־קאכט מיט א שומנער האוועניס...

דער קאלטער געלעכטער פון טייוועל האָט בעדעקט די טשי־קאווע אונבעשטימטע קלאנגען.

— זעה נאר, זעה ! זיי זיינען אלע ארויסגעקראכען, אלע ביז איינעם ! — האָט ער געזאגט.

— און אפילו די שטאדט־משוגעים, זיי זיינען אויך דא ! דער ערד איז געוואָרען נודנע, און אט האָט זי ארויסגעבראכען פון די גידערים איהרע די טויטע חכמה פון די מענשען...

דער פייכטער רעש האָט שנעל געוואקסען. ס'האָט אויסגע־זעהן, ווי עפּיס א האנד, וואס איז פערבארגען פון אויג, גראבט זיך מיט זשעדנעקייט אין דער נאסער מיסט, וואס דער סטראזש האט פערקערט אין א ווינקעל פון הויף.

— אט ס׳ארא גוזמא עהרליכע און קלוגע מענשען עס זיינען דאס געווען ביים לעבען! — האט אויסגעשריען דער טייוועל און מיט א ברייטקייט צושפרייט זיינע פליגלען איבער די טויזענדער טשערעפס, וועלכע האבען זיך געשטופט צו איהם פון אלע זייטען.

— ווער פון אייך האט געטון מעהר גוטס פאר דער וועלט?

— האט ער געפרעגט אין דער הויך.

אלץ ארום אונז האט גענומען שאפען, פונקט ווי שווערמלעך, בעת מען בראט זיי אין סמעטענע אויף א גרויסער פאן.

— זייט אזוי גוט און לאזט מיר דורכגעהן פון פארענט! — האט אימיצער א געשריי געטון מיט אנגסט.

— דאס בין איך, בעל הבית, איך בין דא! דאס האב איך באוויזען, אז דער איינצעלנער — איז א נול אין דעם סך הכל פון דער געזעלשאפט.

— איך בין אוועק ווייטער פון איהם! — האט מען געענטפערט ערגיץ פון ווייטען. — איך האב געלערנט די וועלט, אז די גאנצע געזעלשאפט איז דער סך הכל פון נולען, און מחמת דעם מוזען זיך די מאסען בויגען פאר דעם ווילען פון הייפלעך, גרופען.

— און בראש פון די גרופען שטעהט דער איינצעלנער — און דאס בין איך! — האט אימיצער א געשריי געטון מיט נצחון.

— הערסטו! פאר וואס איהר? — האבען זיך דערהערט עטליכע בעאונרוהיגטע שטימען.

— מיין פעטער איז געווען א קיסר!

— אזוי גאר? איז דאס אפשר געווען א פעטער פון אייער קיסר׳ליכער מאיעסטעט, וואס מען האט איהם אראבגעהאקט דעם קאפ פאר דער צייט?

— קיסרים פערלירען תמיד זייערע קעפ פאר דער צייט! — האבען געענטפערט מיט גאוה די ביינער פון אן אורא‏ייניקעל פון די ביינער, וועלכע זיינען געזעסען א מאל אויפ׳ן טראן.

— אהא־א! — האט זיך דערהערט א שעפצען פון צופרידענהייט. — צווישען אונז געפינט זיך א קיסר! ניט אויף יעדערן בית עלמן האט מען די צאצע...

די פייכטע שפּעצערייַ און די רייבערייַ פון די ביינער האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין קנויל און זיינען געווארען אלץ גע־דיכטער, אלץ שווערער.

— הערט נאר, איך בעט איך, איז דאס טאקי אמת, אז די ביינער פון א קיסר האבען א בלאָען קאָליר? — האט געפרעגט אין איילענים א קליינער סקעלעט מיט א קרומען רוקען.

— ערלויבט מיר אייך צו זאגען... — האָט אנגהויבען מיט גרויס גדלות עפּיס א סקעלעט, וועלכער איז געזעסען רייטענדיג אויף א מצבה.

— דער בעסטער פּלאסטער צו היהנער־אויגלעך איז מיינער!

— האָט א געשריי געטון אימיצער הינטער איהם.

—איך בין דאס דער ארכיטעקטאָר...

אבער א נידריג סקעלעטעל מיט ברייטע אקסלען האָט אלעמען אבגעשטופּט מיט די קורצע ביינער פון זיינע הענד און געהאקט אויפ׳ן קול, פערהילכענדיג דאס שפּעצען פון די טויטע שטימען:

— ברידער, קריסטען! צו דען בין איך ניט אייער גייסטי־גער רופא? צו דען האָב איך ניט צוגעלעגט דעם פּלאסטער פון מקבל־באהבה׳דיגען טרייסט צו די היהנער־אויגלעך פון אייערע נשמות, וואס איהר האָט זיך אנגעריבען דורך דעם טרויער פון אייער לעבען?

— ניטאָ אויף דער וועלט קיין קיסרים! — האט אימיצער מודיע געווען מיט א צורייצטער שטימע. — אלץ לעבט ניט מעהר ווי אין דער פאנטאזיע.

— אט יענער ארכיטעקטאר, וועלכער האָט אויסגעקלערט נידריגע טיהרען...

— און איך — פאפיער צום אויסראָטען די פליגען!...

— ...כדי די מענשען, ווען זיי געהען אריין אין הויז, זא־לען זיי ניט ווילענדיג איינבויגען דעם קאפּ פאר׳ן בעל־הבית... — האָט געקלונגען א שטימע, צושטעהענדיג ווי פּעך.

— צו די בכורה געהערט ניט מיר, ברידערלעך? דאס האָב איך דאָך געשטילט דעם דורשט פון די נשמות אייערע, וועלכע הא־

בען געגארט צו פערגעסען דעם טרויער, מיט'ן מילך און האָניג פון מיינע ארויסגעזאגטע גערדאנקען, אז אלע אויף דער ערד איז הבל הבלים!

— אלע, וואס איז דא אויף דער וועלט, איז איינגעשטעלט איין מאל פאר אלע מאָל! — האָט א הוזשע געטון אימיצענ'ס א פערשטיקטע שטימע.

א סקעלעט אויף איין פוס, וועלכער איז געזעסען אויף א גראָען שטיין, האָט אויפגעהויבען אין דער הויך דעם פוס־ביין, איהם אויסגעצויגען און א געשריי געטון גאט ווייס פאר וואס:

— אודאי אזוי!

דער בית עולם איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א מארק, וואו איטליכער האט געריהמט זיין שטיקעל סחורה. אין די פינסטערע וויסטענים פון דער נאכט־שטילקייט האָט זיך ארייננעגאסען דער בעטריבטער טייך פון פערשטיקטע געשרייען, דער שטראם פון שמוציגער בעריהמעריי, פון שטיקעדיגער אייגענליעבע. עס האָט אויסגעזעהן, ווי א וואָלקען פון פליגען וואלט זיך געטראגען איבער א פערפוילטען זומפ, און געזונגען, געקרעכצעט און געהוזשעט, און אנגעהילכט די לופט מיט אלערהאנד געפעהרליכער פאסקוד־סטווע, מיט אלע מיני סם'ען פון די קברים. אלע האָבען זיך גע־שטופט צום טייוועל, אנשטעלענדיג אויף זיין געזיכט די פינסטע־רע לעכער פון די אויגען און די פערביסענע ציין — פונקט ווי ער וואלט געווען א קויפער פון אלטווארג. עס זיינען לעבעדיג געווא־רען איינער נאך דעם אנדערן טויטע גערדאנקען און האָבען זיך געדרעהט אין דער לופטען, ווי געלע פערטריקענטע אסיענדיגע בלעטער.

דער טייוועל האָט געקוקט אויף דער קאָבענים מיט גרינע אוי־גען, און פון זיין בליק האָט זיך געגאסען אויף די שטיקער ביינער א קאלטער שיין, וואס האָט שוואך אבגעפינקעלט ווי פאָספאָר.

דער סקעלעט, וועלכער איז געזעסען אויף דער ערד ביי זיינע פיס, האָט גערעדט, האלטענדיג אויפגעהויבען די ביינער פון די

הענד העבער פון דעם שארבען און וויגענדיג זיי הין און צוריק מיט דער לייכטקייט פון א קאפעלמייסטער׳ס שטעקעלע:

— איטליכע פרוי מוז געהערען איין מאנסביל...

אבער אין זיין שעפּצען האט זיך ארייגעפלאָכטען אנאנדער קלאנג; די ווערטער פון זיין דרשה האָבען זיך מאדנע געארעמט מיט אנדערע ווערטער.

— נאר דער געשטארבענער וויים דעם ריכטיגען אמת!...

און לאנגזאם האָבען זיך געדרעהט נאך ווערטער:

— א פאטער, האָב איך געזאגט, איז געגליכען צו א שפין...

— אונזער לעבען אויף דער ערד איז א תהו ובהו פון טעות׳ן און א שווארצער חשך ווי אין גיהנם!

— איך בין געווען פערהייראט דריי מאָל און אלע דריי מאָל ווי גאט האָט געבאטען, כדת וכמנהג...

— א גאנץ לעבען וועבט ער די שפינוועבס פון זיין געזינד׳ס הצלחה און ווערט גאר ניט מיעד...

— און יעדעס מאָל נאר מיט איין פרוי...

און פלוצלינג האָט זיך בעוויזען פון ערגיץ־וואו א סקעלעט, וועלכער האָט קוויטשענדיג געסקריפּעט מיט זיינע געלע אויסגע־בלאזענע ביינער. ער האָט אויפגעהויבען צום טייוועל׳ס אויגען זיין האלב־פערפוילט פּנים און מודיע געווען:

— איך בין געשטארבען פון סיפילים, יע! אבער פון דעסט־וועגען האָב איך געהאט דרך ארץ פאר דער מאראל! ווען מיין ווייב איז געווארען אן אשת איש — האָב איך מיט די אייגענע הענד איבערגעגעבען איהר נידערטרעכטיגע האנדלונג צום געריכט פון געזעץ און צום געריכט פון דער געזעלשאפט...

אבער מען האָט איהם אבגעשטופּט אן א זייט, פערשאטען מיט ביינער, און אויף דאס ניי, ווי דאס שטיל קאוואטשען פון ווינד אין קוימען, האָבען זיך דערהערט צונויפגעמישטע שטימען:

— איך האָב אויסגעקלערט דעם עלעקטרישען שטוהל! ער הרג׳עט אוועק מענשען אהן יסורים.

— נאכ׳ן טויט, האָב איך געטרייסט די מענשען, ווארט אויף איך א ליכטיגער גן עדן אויף דורי דורות...

— דער פאטער גיט די קינדער לעבען און שפייז... דער מענש ווערט א מענש, ווען ער ווערט א טאטע, אבער ביז יענער צייט איז ער נאר א מיטגליד פון דער פאמיליע...

א שארבען, וואס האָט אויסגעזעהן ווי אן איי, מיט שטיקער פלייש אויפ׳ן געזיכט, האָט גערעדט איבער די קעפּ פון אנדערע:

— איך האָב באוויזען, אז די קונסט דארף זיין אונטערטע־ניג דעם סך הכל פון די מיינונגען און שטאנדפונקטען, געוואוינ־הייטען און בעדירפניסען פון דער גאנצער געזעלשאפט...

א צווייטער סקעלעט, רייטענדיג אויף א מצבה, וואס האָט פארגעשטעלט א צובראָכענעם בוים, האט זיך געאמפּערט מיט איהם:

— די פרייהייט האָט נאר דעמאלט א פנים, ווען זי איז אין דער פארמע פון אנארכיע!

— די קונסט—דאס איז א מחיה׳דיגע רפואה פאר דער נשמה, וועלכע איז געווארען אויסגעמאטערט פון לעבען און פון פראצע־ווען...

— דאס האָב איך געזאגט, אז לעבען איז דער טייטש אר־בייטען! — האָט זיך געהערט א שטימע פון ווייטען.

— א בוך מוז אויסזעהן אזוי שיין ווי יענע קעסטעלעך מיט פילען, וואס מען קריגט אין אן אפטייק...

— אלע מענשען מוזען ארבייטען, א פּאָר זיינען מחויב צו זיין די משגיחים איבער דער ארבייט...

—די פרוכט פון דער ארבייט געניסט נאר דער מענש, וועלכער איז מגדל געווארען דערצו דורך זיינע מעלות און מעשים טובים...

— שיין און מענשען־פריינדליך דארף זיין די קונסט... ווען איך ווער מיעד פון דער ארבייט, זינגט זי מיר ליעדער פון רוהע...

— און איך האָב האָלט, — האָט געגומען רעדען דער טייוועל, — די פרייע קונסט, וועלכע דינט ניט קיין שום גאט, א חוץ די גע־טין פון שיינהייט. דער עיקר ליעבּ איך זי, ווייל זי דערמאנט מיר

אט וואס: אז אן אונשולדיגער בחור'ל, וועלכער טרוימט פון דער אייביגער שיינהייט, און זיין הארץ איז פול מיט'ן דורשט צו געניסען פון איהר, רייסט ארונטער די העל־קאלירטע קליידער פון דעם לעבענ'ס קערפער... און די געליעבטע ערשיינט פאר זיינע אויגען, ווי אן אלטע זונה, מיט א צוקארטשעטער הויט אין גאנצען אין קארבען און אין וואונדען. משוגע'נער צאָרן, ביינקענים נאך שיינהייט און האס צום שטעהענדיגען זומפּ פון לעבען — אט דאס ליעב איך אין דער קונסט... די גוטע פריינד פון א פיינעם דיכטער — דאס זיינען די פרוי און דער טייוועל...

פון דעם גלאָק־טורם האָט זיך ארונטערגעריסען א קרעכץ פון קופער און איז אוועקגעשוואומען איבער דער שטאדט פון די טויטע, פערבארגען פון אויג און זיך וויגענדיג לייכטערהייט אין דער לופט, ווי א גרויסער פויגעל מיט דורכזיכטיגע פליגלען... דער פערשלאָפענער סטראָזש האָט דאס על כל פנים א ציה געטון די שטריק פון גלאָק מיט זיין פוילער און נישט־זיכערער האנד. דער קופערנער קלאנג האָט זיך געשמאלצען אין דער לופט און איז ביסלעכווייס אבגעשטארבען. אבער איידער עס איז אויסגעגאנגען זיין לעצטער ציטער, האָט זיך דערהערט א נייער שארפער געשריי פון דער אויפגעוועקטער גלאָק פון דער נאכט. שטילערהייט האָט זיך געוויגט די שטיקעדיגע לופט און דורכ'ן טרויעריגען הודיען פון דעם קופער האָט זיך דורכגעזאפּט דאס ריהרען זיך פון ביינער, דאס שארכען פון טרוקענע שטימען.

און איך האָב געהערט ווידער די אומעטיגע רעד פון דער נארישקייט, וואס שטעהט צו ווי פּעך; די קלעפּעדיגע ווערטער פון דער טויטער געמיינהייט; דעם עזות פנים'דיגען לשון פון שקר, וואס פּרעגעלט זיך אין נצחון; די צורייצטע תביעות פון אין זיך געגנארטער גרויסקייט. עס האָבען אויפגעלעבט אלע געדאנקען, וואס עס לעבען מיט זיי די מענשען אין די שטעדט; אבער ס'איז ניט געוועזן קיין איין געדאנק פון די, מיט וועלכע די מענשען קענען זיך גרויס האלטען. עס האבען געקלונגען אלע פערראָסטעטע קייטען, וואס עס איז פערשמידט אין זיי די נשמה פון לעבען;

אבער עס האט ניט א פונק געטון קיין איינער פון די בליצען, וואס מיט שטאָלץ בעלייכטען זיי די פינסטערניס אין דעם מענ־שענ'ס נשמה.

— וואו־זשע זיינען די העלדען? — האב איך געפרעגט ביים טייוועל.

— זיי קריכען ניט אויבען־אָן, און די קברים זייערע געדיינקט קיינער ניט. ביים לעבען האט מען זיי געוואָרגען, און אויפ'ן בית עולם זיינען זיי דערשטיקט פון די הויפענס טויטע ביינער! — האָט ער געענטפערט און געוויגט דערביי מיט די פליגלען כדי פאנאנדערצוטרייבען דעם פעטען גערוך פון צופוילטקייט, וואס האט אונז ארומגענומען פון אלע זייטען ווי א פינסטערער וואָל־קען, אין וועלכען עס האבען זיך געגראָבען ווי ווערים די איינטאָ־ניגע גראָע שטימען פון די מתים.

דער שוסטער האט דערציילט, דאס פון אלע מיטגלידער פון זיין צעך קומט איהם דעם ערשטען א דאנק פון דעם קומענדיגען דור — דאס האט ער אויסגעטראכט שטיוועל מיט שמאָלע שפי־צען. דער געלערענטער, וועלכער האט בעשריבען אין זיין בוך איין טויזענד פערשידענע שפינען, האט גע'טענה'ט איינגעשפארטער־הייט, דאס ער איז דער גרעסטער געלערענטער אין דער וועלט. דער ערפינדער פון קינסטליך־געמאכטער מילך האָט געאָכצעט מיט א צורייצטער שטימע און געטריבען פון זיך דעם ערפינדער פון א הארמאט, וואס קאן שנעל שיסען, וועלכער האט ניט אויפגע־הערט צו טענה'ן רעכטס און לינקס וועגען דעם נוץ פאר דער וועלט פון זיין וויכטיגער ארבייט. טויזענדער דינע און פייכטע שטרי־קעלעך האבען פערצווייגען דעם מארך און ווי שלאנגען זיך איינ־געביסען אין איהם. אלע טויטע, פון וואס זיי האבען ניט גערעדט, האָבען זיי גערעדט ווי שטריינגע בעל־דרשערס פון מאָראל, ווי די געפענגנים־וועכטער פון לעבען, וועלכע זיינען פערליעבט אין זייער בעשעפטיגונג.

— גענוג זאל זיין! — האט געזאגט דער טייוועל. — מיר האט דאס דערעסען... מיר האט דערעסען אלצדינג אי אויף די

בית עולם׳ס פון מתים, אי אין די שטעדט, די בית עולם׳ס פאר לעבעדיגע... הערט נאר, איהר שומרים פון אמת! אין די קברים אריין!...

ער האט א געשריי געטון מיט דער אייזערנער שטימע פון אן אויבער־גלח, וואס עס נודעט איהם פון זיין הערשאפט.

אין דער מינוט האט די אש־גראָע און געלע מאסע פון ביינער מיט א מאָל גענומען שאָפען, דרעהן זיך און איז געווארען אויפגע־קאָכט ווי שטויב אונטער די שמיץ פון א שטורם־ווינד. די ערד האט אויפגעעפענט טויזענדער פינסטערע מיילער און פויל שמאָצ־קענדיג מיט די ליפען ווי א זאטער חזיר, האט זי ווידער איינגע־שלונגען די פאר דעם ארויסגעבראָכענע שפייז איהרע, כדי צו קאָ־כען זי ווייטער אין מאָגען... אלץ איז פלוצלונג פערשוואונדען גע־ווארען, די שטיינער האבען זיך א וויג געטון און זיך שטייף אנידערגעשטעלט אויף זייערע ערטער אויף דאס ניי. עס איז נאר געבליבען א פערשטיקטער גערוך, וועלכער האט געווארגען פאר׳ן האלז מיט א שווערער און פייכטער האנד.

דער טייוועל האט זיך געזעצט אויף איינעם פון די קברים, ארויפגעלעגט די עלענבויגענס אויף די קניע און זיך ארומגע־כאפט דעם קאָפּ מיט די לאנגע פינגער פון די שווארצע הענד. זיינע אויגען האבען זיך אבגעשטעלט ווי פערגליווערט אויף דער פינסטערער ווייטקייט, אויף די הויפענס שטיינער און קברים... ביי איהם איבער׳ן קאָפּ האבען געברענט די שטערן; אין דעם הי־מעל, וואס איז געוואָרען העלער, זיינען שטיל געשוואומען די קור־פערנע קלאנגען פון גלאָק און האבען געוועקט די נאכט.

— האסט געזעהן, הא? — האט ער געזאגט צו מיר. — הער נאר, דו מענש. אויף דעם וויגעדיגען, פער׳סם׳טען באָדען פון אָט דעם נארישען שימעל, נישט־געשייטען שקר און קלאָגע־דיגער געמיינהייט, איז אויסגעבויט אן איינגער און פינסטערער בנין פון די לעבענס־געזעץ; א שטייג, וואו די מתים האבען אייך אלעמען פערטריבען ווי שעפסען... די פוילקייט און פייגהייט צו דיינקען — אט דאס ציהט צונויף אייער געפענגנים מיט בויגיגע

רייפען. די אמת'ע בעלי־בתים פון אייער לעבען זיינען תמיד די טויטע. און כאטש עס הערשען איבער דיר לעבעדיגע מענשען, אבער בעגייסטערט ווערען זיי פון די געשטארבענע. די קוואלען פון דער חכמה, וואס האט א דעה אין לעבען, זיינען די קברים. איך זאג — אייער געזונטער פערשטאנד איז א בלום, וואס איז אויפגעהאָדעוועט געווארען אויף די זאפטען פון די טויטע קערפערס. שנעל ווערט צופוילט דער מת אין דער ערד, און מחמת דעם וועט ער דאס אייביג לעבען אין דער נשמה פון דעם לעבעדיגען מענשען. דער דינער און טרוקענער אש פון די טויטע געדאנקען פערקריכט פראנק און פריי אין דעם מארך פון די לעבעדיגע, און אָט דערפאר טאקי זיינען אימערצו אייערע פרעדיגער פון געזונטען פערשטאנד ניט מעהר ווי פרעדיגער פונ'ם טויט פון גייסט!

דער טייוועל האט א הויב געטון דעם קאָפּ זיינעם, און זיינע גרינע אויגען האבען זיך אבגעשטעלט אויף מיין פנים ווי צוויי קאלטע שטערן.

— וואס פרעדיגט מען אויף דער ערד העכער פאר אלץ? וואס וויל מען איינגרונטעווען אויף איהר, אז דאס זאל אייביג שטעהן און זיך ניט שאָקלען? אָט וואס: אז דאס לעבען זאל זיין צוברעקעלט; אז די פערשידענהייט אין דער לאגע איז פאר די מענשען א געזעץ, און די אייניגקייט פון די נשמות איז פאר זיי נויטיג ווי גאָלד. אלע נשמות, הייסט דאס, זאלען זיין פיער־קאנטיגע; עס זאל זיין בעקוועם פאר די עטליכע בעלי־בתים פון לעבען איינצומאָשצען די מענשען, אקוראט ווי ציגעל, און וואס פאר קעסטלעך זייער הארץ געלוסט נאר. אָט די צבוע'יאצקע דרשות, אז דאס ביטער געפיהל פון די פערשקלאפטע זאל שלום מאכען מיט דעם אכזריות'דיגען און ליגנערשען ווילען פון דעם שכל פון די פערשקלאפער, — ווייסטו, פון וואס עס ווערען ארויסגערופען די דרשות? פון דעם באגעהר אוועקצו'הרג'ען דעם גייסט פון פּראָטעסט מיט זיין שאפונגס־קראפט. די דאָזיגע דרשות — דאס איז א נידערטרעכטיגע שטרעבונג אויסצובויען פון די שטיינער פון שקר א גרוב פאר דער פרייהייט פון גייסט...

עס האט שוין גענומען ווערען טאג. און אין הימעל, וואס איז בלאס געווארען ווארטענדיג אויף דער זון, האבען זיך שטי־לערהייט אויסגעלאָשען די שטערן. אבער אלץ העלער און העלער האבען זיך פאנאנדערגעברענט די אויגען פון טייוועל.

— וואס דארף מען פרעדיגען פאר די מענשען, כדי דאס לע־בען זאל זיין שיין און ניט־צוברעקעלט? אז די לאגע פון אלע מענ־שען דארף זיין די זעלביגע, און אלע נשמות — פערשידען. דע־מאלט וועט דאס לעבען זיין א קוסט פון בלומען, וואס זיינען פעראייניגט דורך איין וואָרצעל: אלעמענ׳ס אכטונג צו דער פריי־הייט פון איטליכען באזונדער. דעמאלט וועט דאס לעבען זיין א פייער, וואס ברענט אויפ׳ן באָדען פון איין אלגעמיינעם געפיהל פון פריינדשאפט און איין אלגעמיינער שטרעבונג זיך אויפצוהויבען אלץ העכער... דעמאלט וועלען געדאנקען קעמפפען צווישען זיך, אבער מענשען וועלען פערבלייבען חברים. דאס איז אונמעגליך? דאס דארף זיין אזוי, ווייל אזוינס איז נאך קיין מאָל ניט געווען!

— אָט קומט דער טאָג! — האט דער טייוועל מאריך גע־ווען א קוק געבענדיג אין מזרח־זייט. — אבער וועמען וועט ברייני־גען די זון פרייד, אז די נאכט שלאָפט ביי דעם מענשען אין דעם סאמע הארצען? די מענשען האבען קיין צייט ניט אויפצונעהמען די זון; דאס רוב וויל מעהר ניט ווי ברויט; איין טייל איז בע־שעפטיגט דערמיט, וואס ער זעהט צו געבען ברויט וואס ווע־ניגער; א צווייטער טייל געהט ארום אן עלענדער אין דער האוועניס פון לעבען און זוכט די גאנצע צייט די פרייהייט און קען זי אלץ ניט געפינען אין דעם אונערמידליכען קאמפף פאר׳ן ברויט. און פערצווייפעלטע, אומגליקליכע, פערביטערטע דורך דעם עלענד, הויבען אָט די מענשען אָן צונויפצופאָרען דאס, וואס עס לאָזט זיך ניט פאָרען. און אויף אזא׳ן אופן ווערען דאס די בעסטע מענשען פערזונקען אין דעם זומפ פון גראָבע ליגענס; אין אָנהויב בע־מערקען זיי טאקי ניט אין דער אמת׳ן, דאס זיי האבען פערראטען זיך אליין; נו, און שפעטער פערראטען זיי שוין בעוואוסטזיניג זייער אמונה, זייער זובענים...

ער האט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מעכטיג אויסגע־גלייכט די פליגלען.

— צייט פאר מיר אויך זיך א לאָז צו טון מיט'ן וועג פון מיינע ערוואַרטונגען אנטקעגען די שיינע ליכטיגע מעגליכקייטען...

און בעגלייט מיט'ן אומעטיגען זינגען פון גלאָק — די אב־שטארבענדיגע קופערנע קלאנגען — איז ער אוועקגעפלויגען אין מעריב־זייט...

ווען איך האב דערציילט אט דעם חלום איינעם אן אמעריקאַ־נער, וועלכער האט מעהר פון די איבעריגע אמעריקאנער געהאט דאס פנים פון א מענשען, האט ער זיך א־פריער פערטראכט אויף א ווײַלע, און דערנאָך אויסגעשריען מיט א שמייכעל:

— אהא, איך פערשטעה די מעשה! דער טייוועל איז געווען אן אגענט פון די אויוועגס, וואו מען פערברענט די טויטע קער־פערס! נו, אודאי אזוי! אלץ, וואס ער האט אנגערעדט, באווייזט, ווי ס'איז נויטיג צו פערברענען דעם מענשען'ס קערפער נאכ'ן טויט... אבער וואס זאגט איהר דערצו, ס'אראַ'ן אויסגעצייכענטער אגענט! פאר די אינטערעסען פון זיין פירמא איז ער אפילו א בעלן געווען צו קומען א מענשען צו חלום...

דאס שיינע פראנקרייך.

דאס שיינע פראנקרייך.

אינטערוויו.

...א צייט בין איך ארומגעגאנגען איבער די גאסען פון פאריז, איידער איך האב זי געפונען. ביי וועמען איך האב זיך ניט נאָכגעפרעגט — וואו זי וואוינט — האט מיר קיינער ניט גע־קענט געבען א בעשטימטען ענטפער.

איינער אן אלטער מאן, ווי ס'ווייזט אוים אין א שפאס, אבער מיט א שווערען זיפץ — גאָט ווייס פאר וואס — האט גע־זאָגט צו מיר קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס:

— דאס גוט יאָהר ווייס זי! א מאָל האט זי געוואוינט אין גאנץ איירפּאַ.

— אין דער באנקירען־גאס! — האט אן ארבייטער געזאָגט גראָב.

— געהט רעכטס! — האבען געזאגט אנדערע.

ארום מיר האט געזשט און געליארימט, און ס'האט זיך געפיהלט א ביסעל אונבעקוועם. איבעראל אויף די ברייטע אָפענע פּלעצער — הארמאטען און סאלדאטען, אומעטום אין די גאסען — ארבייטער. נאך דעם שטיינער נאָך, וואס איז איינגעפיהרט געווארען פאר דער לעצטער צייט אין אלע לענדער, האבען די סאלדאטען געשאָסען פון די ביקסען אין דער לייִנג פון די גאסען; די קאוואלעריסטען, שניידענדיג די לופט מיט די בלויזע שווערדען, האבען געטראָטען אויף מענשען; די ארבייטער האבען געוואר־פען אין די סאלדאטען שטיינער. אין דער פערשטיקטער לופט פון דער גראָער שטאדט האט נערוועז געציטערט א בייזע זידלעריי, און ס'האבען זיך פאנאנדערגעטראָגען די שארפע קאָמאנדע־ווער־

טער. וואו ניט וואו איז דער ברוק געווען פערשמירט מיט בלוט; מענשען מיט דורכגעלעכערטע שארבענס, צונויפדריקענדיג זייערע פויסטען פון אונמעכטיגען כעס, זיינען געגאנגען צו זיך אהיים; די, וואס האבען שוין ניט געקענט געהן, זיינען געפאלען אויף די שטיינער, און די פאליציסטען האבען זיי מענשענפריינדליך גע־שלעפט אן א זייט, זיי זאלען ניט אין אלעמען צוטראטען ווערען אונטער די פיס פון די פערד און פון די סאלדאטען. אויף די טראָ־טוארען זיינען געשטאנען צושויער און האבען זיך איבערגעווארפען מיט בעמערקונגען איבער די איינצעלהייטען פון דעם בילד, וואס איז געווארען אזא געוויינליכע זאך אין דעם לעבען פון דער קריסטליכער שטאדט...

צום סוף האט צו מיר אימיצער געזאָגט:

— פראנקרייך? רעכטס, ביי אלעקסאנדער דעם דריטענ'ס בדיק...

דער פאָליציי־צירקעל, וואו זי האט געוואוינט, איז געווען א גאנץ אלטער בנין, וואס האט זיך ניט געווארפען אין די אויגען ניט מיט זיין לוקסוס און ניט מיט זיין שיינקייט. ביי דער טיהר, דורך וועלכער איך בין אריין, זיינען געשטאנען צוויי סאלדאטען אָנגעטון אין הויזען, וואס זיינען אויפגענעהט געווארען פון דער רויטער פאָהן פון פרייהייט. איבער דער טיהר זיינען פערבליבען שטיקלעך פון אן אבגעריסענער אויפשריפט; מען האָט געקענט איבערלייענען ניט מעהר ווי „סוואָ... רא... ב... א...“ דאס האט מיר דערמאָנט פון דער סוואָרע באנקירען־הינט, וועלכע האבען בעדעקט מיט חרפה דאס לאנד פון בעראנזשע און זשאָרזש זאנד. ארום האט זיך געטראָגען דער גערוך פון שימעל, צופוילטקייט און זנות.

מיין הארץ האט געקלאפט ווי מיט האמערס. אזוי ווי אלע רעוואָלוציאָנערען, האב איך אויך אין מיינע יוגענד־יאָהרען גע־ליעבט אָט די פרוי, וועלכע האט אליין געוואוסט ווי צו ליעבען, מיט דער גאנצער נשמה צו ליעבען, און האט געקענט אזוי שיין מאכען רעוואָלוציאָנען...

איינער א מענשעל, אָנגעטון אין שווארצען פון קאָפּ ביז די פיס און מיט א פריינדליכען שמייכעל אויף די ליפּען(מיט די מאַניערען זיינע האט דער מענשעל מיר שטארק ערינערט א מארקיז פון דעם סאָרט, וואס ווערען אויסגעהאלטען פון פרויען און לאָזען זיך גוט בעצאהלען פאר זייערע לאסקעס), האָט מיך דורכגעפיהרט אין א נישט־גרויסע, האלב פינסטערע גרוב, וואו איך האב זיך געקענט קוויקען די אויגען מיט דעם גלאַנץ פון מאָדערנעם סטיל אין היינטיגען פראנקרייך.

די ווענד פון דעם דאָזיגען צימער זיינען געווען אויסגעקלעבט אנשטאט אָביצעס מיט די ווערט־פּאַפּירען פון די רוסישע הלואות, וואס האבען געבלאַנקט מיט אלערהאנדיגע קאָלירען. אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגען שטיקער הויט פון די איינגעבאָרענע אין די פראנצויזישע קאָלאָניען, און אויף די שטיקער איז געווען אויסגעגראווירט מיט א קינסטלער'ס האנד דער היסטאָרישער דאָקומענט „די ערקלערונג פון דעם מענשען'ס רעכט". די מעבעל, געמאכט פון די ביינער פון פאָלק, וואס האט דאס לעבען אוועקגעלעגט אויף די באריקאדען, קעמפּפענדיג פאר פראנקרייך'ס פרייהייט, איז געווען ארומגעשלאָגען מיט א טונקעלען שטאָף, און אויפ'ן שטאָף איז געווען אויסגעשטיקט דער אָבמאך מיט דעם רוסישען צאר אויסצוהעלפען איינם דעם צווייטען. אויף די ווענד זיינען געהאנגען די פאמיליען־שילדען פון די אייראָפּעאישע מלוכות, אויסגעקריצט מיט אן אייזען אין לעבעדיגען מענשליכען פלייש: דער געפּאנצערטער פויסט פון דייטשלאנד, די פּעטליע און די נאהאיקע פון רוסלאנד, די בעטלערשע טאָרבע פון איטאַליען, און דער הערב פון שפּאניען — דער שווארצער מאנטעל פון א קאטוילישען גלח און זיינע צוויי ביינערדיגע הענד, וואס האבען געהאלטען פאר'ן גאָרגעל א שפּאניער און מיט זשעדנער תאוה איהם געריסען. דאָ זיינען אויך געווען די זנאקעס פון פראנקרייך — דער פעטער מאָגען פון א בורזשוא און אין דעם מאָגען דאס צוקייטע נאציאָנאלע היטעל.

אויף דער סטעליע איז געווען אויסגעמאָלט דער ברייט־

אויפגעריסענער מויל פונ׳ם דייטשען קייזער, זיינע פיער און זעכ־ציג ציין און די וואָנסען, די סטראַשידלעס... די פענסטער זיינען געווען פערהאנגען מיט שווערע גארדינען. ס׳איז געווען פינסטער, ווי געוויינליך אין די פאראדנע צימערן פון פרויען איבער שלשים, וועלכע האבען נאך ניט פערלארען די האָפנונג צו פערפיהרען מע־נער. דער שטארקער גערוך פון פאלשער איידעלקייט, צונויפגע־מישט מיט גייסטיגען זנות, האט פערדרעהט דעם קאָפּ און שווער געמאכט דעם אָטעם.

זי איז אריין און האט דורך די ברעמען א קוק געטון אויף מיין פיגור מיט׳ן געניטען אויג פון א פערזאָן, וואס פערשטעהט א טאָלק אין מענער.

— רעדט איהר פראנצויזיש? — האט זי געפרעגט, אב־ענטפערענדיג אויף מיין פערנייגען זיך מיט דער בעוועגונג פון אן אקטריסע, וועלכע האט ניט געשפיעלט די ראָליע פון קעניגינס שוין א צייט מיט יאָהרען.

— ניין, מאדאם, איך רעד נאר די שפראך פון אמת! — האב איך געענטפערט.

— ווער דארף דאס האבען? — האט זי געפרעגט, קוועטשענ־דיג מיט די פּלייצעס. — ווער הערט דאס? אפילו אין שיינע פערזוען איז דער אמת אויך נישט אנגענעהם...

זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער, האט פאנאנדערגערוקט די גארדינען און איז די מינוט אבגעטראָטען.

— נאך אלץ ליארימען זיי דארטין, אין גאס! — האט זי געזאגט מיט אן אונצופרידענער שטימע. — דאס זיינען א ביסעל קינדער! וואס דארפען זיי, וואס? איך פערשטעה ניט! זיי הא־בען א רעפּובליק, און א מיניסטאָרען־קאבינעט — דעם בעסטען אין דער וועלט. זיי האבען געהאט אפילו א מיניסטער א סאָצי־אליסט. וואס איז, דאס איז נאך אלץ ווענינ פאר דעם פאָלק׳ס גליק? — מיט א קאפריזנער אוואיע האט זי אומגעווארפען דעם קאָפּ אויף א־הינטער און צוגעלעגט:

— אודאי א ליגען ?... מחשבות׳ן, איהר זייט געקומען זיך דורכשמועסען...

זי איז צוגעגאנגען נעהענטער, האט זיך אנידערגעזעצט לעבען מיר, און מיר א קוק געבענדיג אין די אויגען מיט א געמאכטער צערטליכקייט, האט זי א פרעג געטון:

— פון וואס וועלען מיר שמועסען ? פון ליעבע ? פון פאָעזיע ? אוי, מיין אלפרעד מיוסע !... און מיין לעקאָנט-דע-ליל !... ראָסטאן !...*) — איהרע אויגען האבען זיך פערקייקעלט אונטער׳ן שטערן, אבער אזוי ווי זיי האבען זיך צוזאמענגעטראָפען מיט די ציין פון דייטשוק אויף דער סטעליע, האט זי זיי תיכף ארונטערגעלאָזען.

זי האט גענומען רעדען אין שיינע פראזען וועגען די דיכטער. איך האב זי ניט איבערגעבראָכען און אויסגעוואַרט די מינוט, ווען עס וועלען איהר ארויף אויף דער צונג די באנקירען. איך האב געקוקט און געקוקט אויף דער פרוי, וואס איהר שיינע געשטאלט האבען נאך גאר דאָ ניט לאנג געטראָגען אין הארצען ביי זיך די ריטער פון דער גאנצער וועלט. איהר פנים האט יעצט אויסגעזעהן אומגעזונד ווי ביי א פרוי, וועלכע האט געהאט אין איהר לעבען אָהן א צאהל ליעבעס-געשיכטען; די פרישע פארבען פון געזיכט זיינען אבגעבלאקירט געוואָרען און פערוויאנעט פון די טויזענדער קוסען. די אויגען, קונציג ארומגעשמירטע, זיינען געלאָפען ווי מייזלעך אין אלע זייטען פון איין זאך אויף דער צווייטער; די ברעמען האבען זיך אלע ווייל ארונטערגעלאָזען ווי פון מידקייט, פערדעקענדיג דאס אָנגעשוואָלענע הייטעל פון אויג. די קארבען אויף די שלייפען און אויפ׳ן האלז האבען דערציילט אויף זייער שטום-לשון פון די אלע שטורעמס, וואס דאס הארץ האט דורכגעלעבט; און די וואָליע מיט דער פעטער מאָרדע — פון דעם דיקען סלאָי שמאלץ, מיט וועלכען דאס זעלבע הארץ איז פערוואקסען געווארען. די באקען זיינען געוועזן בעדעקט מיט זעק.

---

*) בעריהמטע פראנצויזישע דיכטער.

דער קערפּער ברייט ווי א פּאַס, און מען מען האט געקענט לייכט זעהן, אז די פּאָעזיע פון מאָגען איז יעצט דער מאדאם א סך טייערער, איידער די גרויסע פּאָעזיע פון דער נשמה; אז דעם פערגרעבטען קול פון דער אייגענער פּעמפּע הערט זי דייטליכער, איידער דעם קול פון אמת און פרייהייט, וואס האט זיך א מאָל ווי א דונער געטראָגען פון איהר מויל איבער דער גאנצער ערד. פון דער געוועזענער גראַציע און קראפט אין יעדען קעהר און ריהר איז ניט פערבליבען קיין סימן אין אַט דער קאשענירקע אויפ׳ן וועלט־מארק מיט די גוט־בעקאנטע גיינג פון א ווייבעל — א קאַזאק. דער כשוף פון דער אמאָליגער גרויסער העלדין אויפ׳ן שלאכטפעלד, וועלכע קעמפּפט פאר דאס גליק פון די מענשען פון איין זייט, און די עקעלהאפטע חנ׳דעלעך פון דער אלטער מאדאם יעצט, דער העלדין פון ליעבעס־אינטריגען אָהן א צאהל און אהן א ברעג, פון דער צווייטער זייט, — ס׳ארא קאָנטראסט!

זי האט געטראָגען א שווער טונקעל קלייד מיט שפּיצען, און די שפּיצען האבען מיר דערמאָנט אָן דעם פערזשאווערטען פלעק, וואס איך האב בעמערקט אויף דער סטאטוע פון פרייהייט אין ניו־יארק, און אָן די ברעקלעך צוריסענע סימפּאטיען צום גייסט פון אמת.

א מיעדקייט האט זיך געהערט אין איהר שטימע. און געדאכט האט זיך מיר, אז דער איינציגער צוועק פון איהר רעדען איז נאר ארויסצוטרייבען פון די געדאנקען עפּיס וויכטיגעס, עהרליכעס, וואס צייטענווייס שטעכט דאס נאָך מיט דער שארפער נאָדעל פון זכרונות איהר קאלט, ארומגעברענט הארץ, אין וועלכען עס איז שוין יעצט מעהר קיין פּלאץ ניטא פאר נישט־בעצאהלטע געפיהלען.

איך האב געקוקט אויף איהר און געשוויגען. און זעהענדיג פאר די אויגען די קלאָגעדיגע גסיסה פון גייסט האב איך קאם געקענט איינהאלטען אין זיך דעם אומעט־געשריי פון וואהנזיניגען וועהטאג, וואס האט זיך געריסען פון האלז געגען מיין ווילען.

איך האב געטראכט:

— אַט דאס זאל זיין פראנקרייך? יענע העלדין פון דער וועלט, וואס די פאנטאזיע האַט מיר שטענדיג געמאלט אנגעטון אין דעם פלאם פון העלע געדאנקען, אין דעם פייער פון די גרויסע ווערטער — גלייכהייט, ברידערליכקייט, פרייהייט?

— ניט פרייליך מיט אייך צו פערברייננגען! — האט זי געזאָגט צו מיר און א שמייכעל געטון מיט א מינע פון מיעדקייט.

— מאדאם! — האב איך געענטפערט. — קיין איין עהרליכען רוסען איז יעצט ניט פרייליך אין פראנקרייך צו גאסט.

— גאר אזוי? וואס איז די מעשה? — האט זי געפרעגט מיט א פאלשען שמייכעל, אויפהויבענדיג די ברעמען אין פערוואונדערונג. — אין מיין פאריז לעבען אלע א פרייליכען טאג... אלע און אלע מאָל!...

— איך האב דאס אָקאָרשט געזעהן אין די גאסען... פונקט אויף אזא שטייגער, זאָל פעהלען א האָר, לעבט מען א פרייליכען טאָג ביי אונז אין רוסלאנד אויך. דאס בלוטיג שפיעלכעל פון די סאָלדאטען מיט'ן פאָלק — דאס איז דער בעסטער צייט־פערטרייב פון דעם רוסישען צאר, אייער ליעבען פריינד...

— א מרה־שחורה'דיגער מענש זייט איהר! — האט זי בעמערקט מיט א פערקרימטער נאָז. — ווען די פעלקער פארדערן יעדעס ברעקעלע, וואס דער קעניג האט, דארף זיי דער קעניג ניט אבגעבען אפילו דאס, וואס ער וואָלט שוין יע געקענט געבען... די הערשער האבען פון אייביג אָן געהאלטען פון דעם כלל; פאר וואס זאלען זיי יעצט עפּיס פון העלער הויט בעסער ווערען? מען דארף זיך פערהאלטען צום לעבען איינפאכער. איהר זייט נאך ניט קיין אלטער מאן — וואס טויג אייך די מרה־שחורה? ווען א מענש איז נאר פייהיג צו ליעבען, איז דאס לעבען א גן עדן. פערשטעהט זיך, אז ניקאָלאי דער צווייטער, ער... ווי דריקט מען זיך אויס? ער גיט זיך שטארק אונטער צום איינפלוס פון שלעכטע מענשען, אבער, כ'לעבען, דאס איז א וואוילער יונג... אַט זעהט איהר, פרייהייט האט ער אייך דאָך געגעבען?...

— מיר האבען זי גענומען ביי איהם מיט געוואלט און בע־

צאהלט מיט טויזענדער לעבענס... און שוין נאכדעם אפילו, ווי מען האט זי ארויסגעריסען ביי איהם פון די הענד, פארדערט ער, אז מען זאל איהם בעצאהלען פאר איהר מיט נאך מעהר טייכען בלוט. ער וויל מיר זאלען איהם אומקערען די נדבה, וואס ער האט דער־לאנגט אונטער'ן פייער פון סטראשונקעס... און אַט יעצט האט איהר איהם אויסגעהאָלפען מיט געלד, כדי ער זאל זי קענען אוועקנעהמען...

— אוי, ניין! — האט זי געענטפערט. — ער וועט ניט אוועקנעהמען, איהר קענט מיר זיכער גלויבען... ער איז דאך א רי־טער, אן אדעל, — און א וואָרט איז ביי איהם טייער ווי גאָלד. איך וויים דאָס...

— פערשטעהט איהר כאָטש, אז איהר האט געגעבען געלד אויף מערדערייען? — האב איך א פרעג געטון.

זי האט אבגעווארפען דעם קאָפּ אין שאָטען, איך זאָל ניט קענען זעהן איהר געזיכט. דערנאך האט זי רוהיג געזאָגט:

— איך האב קיין אנדער ברירה ניט געהאט, געמוזט געבען. ער, אָט דער ניקאָלאי, איז דער איינציגער, וואס קען מיר העלפען, ווען דעם דאָזיגען מויל וועט זיך פערוועלען מיר אבצובייסען דעם קאָפּ.

מיט א שמייכעל האט זי אויפגעהויבען די האנד צו דער סטעליע, וואו עס האָבען געבלאנקט אלס א צירונג די ציין פון דעם דייטשען.

— אָט די זשעדנע גלאָטקע, דעם אמת געזאָגט, שעדיגט א ביסעל מיין מאָראל. אבער, וואס קען מען זיך העלפען? און נאך אלעמען, זיינען דאָך אין זנות אויך פאראן זאכען, וואס זיינען גאר ניט א חלשות...

— עס עקעלט אייך ניט זיך אָנצושפּארען אָן די האנד, וועל־כע איז ביז'ן אקסעל אויסגעשמירט אין דעם פאָלק'ס בלוט?

— אבער אז עס איז ניטאָ קיין שום אנדער האנד? אדרבא, געפינט מיר א קעניג'ס פאָר הענד, וואס זאָלען ניט זיין בעפלעקט מיט'ן בלוט פון פאָלק. היינט זיינען זיי אזעלכע, און וואס וועט

זיין מאָרגען? איך בין א פּרויענציממער, אָהן א פריינד קען איך זיך ניט בעגעהן. א רעפּובליק און אן אזיאטישער טיראַן, וועלכע געהן זיך פריינדליך אויף דער ערד זייט ביי זייט... פערשטעהט זיך, איז דאס ניט גוט, הגם אָריגינעל, וואס איז, א ליגען? אבער איהר פערשטעהט ניט פּאָליטיק, ווי אלע דיכטער... און רעוואָלוציאָנערען... וואו עס שטעקט פּאָליטיק, איז שוין דאָרטין קיין אָרט ניטאָ פאר שיינקייט... דאָרטין האט איהר נאר, ערשטענס, דעם מאָגען און צווייטענס, דעם שכל, וועלכער ארבייט פאר׳ן מאָגען ווי א קאָטינקע...

— און אייך דאכט זיך ניט, אז מיט׳ן גאָלד, וואס איהר האט געגעבען אָט דעם צאר, האָט איהר דערשטיקט דעם שיינעם כבוד פון פראנקרייך?

זי האט אויף מיר ברייט אויפגעריסען די אויגען, א שמייכעל געטון און אבגעווישט די געפארבטע ליפען מיט׳ן שפּיץ פון דער שארפער צונג.

— איהר זייט ניט מעהר ווי א דיכטער! דאס איז אלטווארג, מיין פריינד! מיר לעבען אין א צייט פון בלוט און אייזען. איהר קענט זיך אפילו געזונדערהייט שרייבען גראמען, אבער זיין א דיכטער אין אלץ אין דער וועלט, — דאס איז, איידעל גערעדט, אונפּראקטיש!

זי האט זיך פאנאנדערגעלאכט, און אין איהר געלעכטער האט זיך געהערט דאס בעוואוסטזיין, אז די וועלט פערשטעהט זי בעסער פאר מיר.

— מיינע שיילאָקס, ווי עס ווייזט מיר אויס, האבען געמאכט א פיין געשעפטעל! זיי האבען אראָבגעריסען פון אייער צאר א פּראָצענט, וואס בעטרעפט א דריטעל פון זיין הויט!

— יע, אמת. אבער כדי צו בעצאהלען אזא פּראָצענט, וועט דער צאר זיין געצוואונגען אראָבצורייסען פון פאָלק די הויט אין גאנצען!

— אודאי... כ׳מיין, ס׳קען מעגליך זיין! אבער ווי־זשע פיהרט מען אנדערש אן עסק? — האט זי א פרעג געטון קוועטשענ־

דיג מיט די פּלייצעס. — די רעגירונגען שאַפען די פּאָליטיק, די פעלקער בעצאָהלען דערפאַר מיט זייער בלוט און פראַצע, — אַלע מאָל איז דאס אַזוי געווען! דערצו נאָך בין איך אַ רעפּובליק און טאָר ניט פערווערען די באַנקירען מיינע צו טון, וואס עס געפעלט זיי. די סאָציאַליסטען זיינען די איינציגע מענשען, וועלכע קענען בשום אופן ניט פערשטעהן, אַז דאס געהט בדרך הטבע. און אַלץ איז אַזוי איינפאַך... צו וואס'ערע צרות דאַרפט איהר דאס אַרויס־טרעטען געגען דעם געזונטען פערשטאַנד און זיך אויסעסען אַ האַלב האַרץ אומזיסט און אומנישט? מיינע שיילאָקס האַבען גע־געבען אַ סך און זיי מוזען געבען נאָך מעהר, כדי זיי זאָלען קענען כאָטש ווי פיעל עס איז אַרויסנעהמען פון דעם חוב... אייגענטליך איז גאַר ניטאָ וואס מקנא צו זיין זייער געפעהרליכער לאַגע... אויב עס זאָל מנצח זיין... ניט דער צאַר...

זי האַט מורא געהאַט אַרויסצורעדען דאס וואָרט, וואס האַט איהר געמאַכט אַ מאָל בעריהמט און געעהרט...

— טאָ שטעהען זיי אין ריזיקע בדיל הדל צו ווערען... און ווען ער זאָל שוין יע מנצח זיין... ניט גיך, דיינק איך, וועלען זיי באַקומען זייערע פּראָצענטען... אַבער יעצט בערעכענט זיך נאָר: זיי זיינען דאָך מיינע קינדער, ניט אמת, וואס? די רייכע לייט — דאס זיינען די שטייפּסטע שטיינער אין דעם בנין פון דער מלוכה... זיין פונדאַמענט זיינען זיי. די דיכטער — דאס איז נאָר אַ צירונג, שייניניקע קלייניניקע פיגורקעלעך צו דער גאַס צו... און אָהן זיי קען מען זיך אויך גוט בעגעהן... שטאַרקער דעם בנין מאַכען זיי דאָך ניט אויף אַ האָר... דאס פאָלק איז ניט מעהר ווי די ערד, אויף וועלכער עס שטעהט דאס הויז; די רעוואָלוציאָנערען — סתם משוגעים... און אויב עס האַלט שוין ביי פערגלייכונגען, וועל איך אייך זאָגען, אַז די אָרמע — דאס איז אַ סטאַדע הינד, וועל־כע היטען דאס אייגענטום און בעוואַכען די רוה פון די שכנים אין הויז...

— און אין איהם וואוינען שיילאָקס? — האָב איך גע־פרעגט.

— שיילאָקס און אַלע אַנדערע מענשען, וועלכע געפינען, אַז די וואוינונג איז פאַר זיי בעקוועם. אבער נאָמיר בעסער רעדען פון פרייליכערע זאכען! ווען פּאָליטיק ברייננט גאר ניט אריין אין קעשענע, איז זי אַן אומעטיגער ענין!

איך האָב זיך אויפגעהויבען און פערניינט, ניט ארויסרעדענ־דיג קיין וואָרט.

— איהר געהט אוועק? — האט זי קאַלט געפרעגט.

— איך האָב דאָ ניט וואס צו טון! — האָב איך געזאָגט און בין אוועק פון דער דאזיגער געמיינער מאדאם, וועלכע פיהרט צונויף דעם צאר מיט די באַנקירען.

איך בין געגאנגען איבער די גאסען פון דעם גרויסען פּאַריז, וואס געדונגענע סאָלדאַטען — די הינד פון דער אַלטער זשעדנער באביצע — האט אין יענעם טאג געהאַלטען אין געפאַנגענשאַפט ביי זייערע ביקסען און הארמאטען. איך האָב געזעהן, ווי די פראנצויזען, די טרייע הינד פון אמת און פרייהייט, האבען ארויס־געקוקט פון הינטער די גאסען־ווינקלען און מיט פערביסענע ציין אַבגעמאָסטען די כחות פון זייער שונא. גרייט זיינען זיי געווען אַבצוואַשען מיט׳ן אייגענעם בלוט דעם שמוציגען שאַנד־פלעק אויף׳ן געזיכט פון דער רעפּובליק... איך האָב געפיהלט, אַז ביי זיי אין הארצען שטעהט אויף, וואַקסט זיך פאַנאַנדער און קרעפּ־טיגט זיך דער גייסט פון דעם אַלטען פראַנקרייך, דער גרויסער מוטער פון וואָלטער און הוגאָ; דער גייסט פון פראַנקרייך, וואס האט פערזעעט די בלומען פון פרייהייט איבעראַל, וואו עס האבען נאר דערגרייכט די געשרייען פון איהרע קינדער — די דיכטער און קעמפּפער!

איך בין געגאנגען איבער די גאסען פון פּאַריז, און מיין הארץ האָט געזונגען שירה צו פראַנקרייך, מיט וועלכער איך האָב נאר וואס געשמועסט אין דער פינסטערער גרוב.

ווער האט דיך ניט געליעבט מיט דער גאַנצער נשמה אין דעם פריהמאָרגען פון לעבען?

אין די יוגענד־יאָהרען, ווען דעם מענשען׳ס נשמה פאַלט

כורעים פאר די געטינס פון שיינהייט און פרייהייט, — נאר דו אליין, דו גרויסעס פראנקרייך, האסט געשיינט דעם הארצען אלס דער ליכטיגער טעמפעל פון די גרויסע געטינס!

פראנקרייך! ווער עס איז געוועזן עהרליך און בראוו, ביי דעם האט דאס זיס וואָרט געקלונגען אין די אויערן, ווי דער נאמען פון א ליידענשאפטליך געליעבטער כלה. ווי פיעל גרויסע טעג אין דיין פערגאנגענהייט! דיינע שלאכטען — דאס זיינען די שענסטע יום־טובים פון די פעלקער, און דיינע יסורים — א גרויסער מוסר פאר זיי.

ווי פיעל שיינהייט, ווי פיעל קראפט עס איז געלעגען אין דיינע זוכעניסען פון יושר! ווי פיעל עהרליך בלוט דו האסט פער־גאָסען אין שלאכטען צוליעב דעם נצחון פון פרייהייט! שוים־זשע איז אָט דאס בלוט אויסגעשעפט געווארען אויף אייביג?

פראנקרייך! דו ביסט געוועזן דער גלאָק־טורעם פון דער וועלט, און פון זיין הויך האבען זיך א מאָל פאנאנדערגעטראָגען דריי קלאנגען פון דער גלאָק פון יושר. פון זיין הויך האבען זיך דער־הערט דריי קלאנגען, וואס האבען אויפגעוועקט די פעלקער פון זייער דורות־לאנגען שלאָף, און אָט די קלאנגען זיינען געווען: פריי־הייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט! דיין זוהן וואָלטער, א מענש מיט'ן געזיכט פון א טייוועל, האט זיין גאנץ לעבען געקעמפפט ווי א ריעז מיט דער טאָג־טעגליכער געמיינהייט. שטארק איז גע־ווען דער סם פון זיין קלוגען געלעכטער! אפילו די גלחים, וועלכע האבען אויפגעפרעסען טויזענדער ביכער און זיך ניט קאליע גע־מאכט דעם מאָגען, אפילו זיי אויך פלעגען פער'סמ'ט ווערען אויף טויט פון וואָלטער'ס איין זייטעל. אפילו די קיסרים, די פערטיי־דיגער פון שקר, האט ער געצוואונגען צו האבען דרך ארץ פאר'ן אמת. גרויס איז געווען די קראפט און די געוואגטקייט פון זיינע קלעפּ איבער'ן געזיכט פון שקר. פראנקרייך! עס דארף דיר פער־דריסען, וואס ער איז שוין מעהר אויף דער וועלט ניטאָ. ער וואָלט דיר יעצט דאס פנים אויסגעפאטשט. האב קיין פאראיבעל ניט!

דער פּאטש פון אזא גרויסען זוהן ווי ער, איז א כבוד פאר אזא פער־קויפטער מוטער ווי דו ביסט...

דיין זוהן הוגאָ — דאָס איז איינער פון די שענסטע דימענ־טען אין דעם קרוין פון דיין נאציאָנאלען כבוד. פאָלקס־רעדנער און דיכטער, האט ער געדונערט איבער דער וועלט ווי א שטורם־ווינד און געוועקט צום לעבען אלל׳דאס שיינע און אלל׳דאָס איידע־לע אין דעם מענשענ׳ס נשמה. אומעטום האט ער העלדען בעשאַ־פען; און בעשאפען האט ער מיט זיינע ביכער ניט וועניגער העל־דען, ווי דו, פראנקרייך, אליין אין דעם משך פון דער גאנצער צייט, וואס דו ביסט געגאנגען פאר די פעלקער פאראויס מיט דער פאָהן פון פרייהייט אין האנד, מיט א פריילינען שמייכעל אויפ׳ן שיינעם געזיכט, און אין די עהרליכע אויגען — די האָפנונג אויף נצחון פון גוטס און פון אמת. ער האט געלערענט אלע מענשען האָלט צו האבען לעבען, שיינקייט, אמת און דיך, פראנקרייך. ווי וואויל איז צו דיר, וואס ער איז יעצט טויט. ווען ער זאל לעבען, וואָלט ער ניט מוחל געווען א שענדליכע געמיינהייט בעגאנגען אפילו פון פראנקרייך גופא, וואס ער האט געליעבט מיט א יוגענד־ליכער קראפט, ווען זיינע האָר זיינען שוין ווייס־גראָ געווארען...

פלאָבער — דער כהן גדול פון דער שיינהייט, דער אלט־גריעכער פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט, דער וואס האט אויסגע־לערנט די שרייבער פון אלע לענדער צו האבען דרך ארץ פאר דער מאכט פון דער פעדער, צו פערשטעהן איהר שיינהייט; ער, דער מכשף פון וואָרט, אונפארטייאיש ווי די זון, וועלכער האט בעגאָ־סען גאנץ עגאל מיט א העלען שיין סיי די בלאָטע פון גאס און סיי די טייערסטע שפיצען, — אפילו פלאָבער, ביי וועמען דער אמת איז געווען אין דער שיינהייט און די שיינהייט אין דעם אמת, וואָלט דיר אויך ניט מוחל געווען דיין זשעדנעקייט, וואָלט זיך אויך אבגעקערט פון דיר מיט פעראכטונג!

און אלע בעסטע קינדער דיינע — זיי זיינען ניט מיט דיר. פאר חרפה צוליעב דיר, דו פאָלובויניצע פון באנקירען, האבען זיי אראָבגעלאָזען צו דער ערד זייערע עהרליכע אויגען, און ווילען

ניט אנקוקען דיין פעט געזיכט. דו ביסט געווארען א קאשעגירקע, און עם עקעלט צו שטעהן לעבען דיר. די מענשען, וועלכע האבען זיך ביי דיר געלערנט צו שטארבען פאר עהרע און פרייהייט, וועלען דיך יעצט ניט פערשטעהן און מיט א וועהטאג אין הארצען זיך אבקערען פון דיר.

פראנקרייך! די זשעדרנעקייט אויף גאָלד האט פערשוועכט דיין כבוד; דער בונד מיט די באנקירען האט פערפיהרט און פערדאָרבען דיין עהרליכע נשמה און פערגאָסען איהר פייער מיט שמוץ און געמיינהייט.

און אָט דו, מוטער פון פרייהייט, דו האסט אָנגעזאפט מיט כח די ווילדע חיות, אז זיי זאלען נאך א מאָל א פרוף טון און צוטרעטען מענשען.

דו גרויסעם פראנקרייך, וואס דו ביסט געווען א מאָל די קולטור־פיהרערין פון דער וועלט, פערשטעהסטו כאָטש גאר די געמיינהייט פון דיין האנדלונג?

מיט דיין פערקויפטער האנד האסטו אויף א ווייל׳ע פערשטעלט א גאנצען לאנד דעם וועג צו פרייהייט און קולטור. און אויב די ווייל׳ע וועט זיין אפילו נאר איין טאג, וועט דיין פערברעכען דערפון קלענער ניט ווערען. אבער ניט אויף איין טאג האסטו אבגעשטעלט די בעוועגונג צו פרייהייט. מיט דער הילף פון דיין גאָלד וועט זיך ווידער פערגיסען דאס בלוט פון דעם רוסישען פאָלק.

און זאל דאס בלוט מיט דער פארב פון אייביגער שאנד בעדעקען די אויסגעווייקטע באקען פון דיין ליגנערישען פנים.

הייסע געליעבטע מיינע!

נעהם צו פון מיר אויך א שפיי אין דיינע אויגען מיט בלוט און גאל!

ניו־יאָרק, מאי 1906.

א קיסר פון דער רעפּובליק.

אַ קיסר פון דער רעפּובליק.

אינטערוויו.

...די שטאָהלענע, קעראָסינענע און אלע אנדערע קיסרים פון די פעראייניגטע שטאַטען האבען מיר תמיד גערייצט די ניי־גיריגקייט. אז מענשען, וועלכע האבען אזא מטמון מיט געלד, זאָלען זיין געוויינליכע בשר ודם'ס, דאס האט זיך מיר בשום אופן ניט געלעגט אויפ'ן שכל.

איך האב זיך פאַרגעשטעלט, אז איטליכער פון זיי דארף האבען וועניגסטענס דריי מאָגענס און אָנדערהאלבען הונדערט ציין אין מויל. ביי מיר איז קיין ספק ניט געווען, דאס א מיליאָנער רוהט קיין רגע ניט פון זעקס אזייגער אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאכט, דורכ'ן רונדען יאָהר, און האלט אין איין אכלה'ן. ער פּאקט אין זיך אריין די טייערסטע מאכלים: גענז, אינדיקעס, חזירים'לעך, קליינע רעטעכלעך מיט פּוטער, טייגאכצען, טאָרט, און נאך אזוינע זאכען, וואס צוגעהן אין מויל. ביז פאר נאכט ווערט ער נעבאך אזוי פערמאטערט פון זיין שווערער ארבייט מיט די יאמקעס, דאס ער הייסט שוין די נעגערס צוקייען די אכילה, און ער אליין גיט זיך מעהר ניט די מיה די אכילה אראָבצושלינגען. צום סוף פערלירט ער אין גאנצען די ענערגיע, און א בעגאָסענעם מיט שוויים, א פערסאָפּעטען, טראָגען איהם אוועק די נעגערס אין בעט שלאָפען. און ווי עס ווערט טאָג, פון זעקס אזייגער אָן, שפּאנט ער זיך ווידער איין אין זיין ביטערען יאָך פון א מאר־טירער.

פון דעסטוועגען, אפילו ביי אזא מין געוואלדיגער אנשטריינ־

גונג פון די כחות גיט זיך איהם אויך ניט איין אויפצועסן, מען זאל זאגען, איין העלפט פון די פראָצענטען, וואס זיין קאפיטאל טראגט איהם אריין.

ניטאָ וואס צו רעדען, אזא לעבען איז שווער. אבער צו קען מען זיך העלפען? וואס־זשע פאר א טעם קען האבען זיין א מי־ליאָנער, ווען מען זאל ניט קענען אויפעסען מעהרער פון א פשוט'ן מענשען?

מיר האט זיך תמיד פאָרגעשטעלט, אז די אונטערוועש איז ביי איהם ניט אנדערש ווי אויסגעשטיקט פון גאָלד און זילבער; די קנאפלעך פון די שיך — צוגעקלאפט מיט גילדענע נעגעלעך, און אויפ'ן קאָפּ אנשטאט א הוט געפינט זיך א צודעק פון דימענ־טען. זיין ראָק מוז זיין גענעהט פון דעם טייערסטען סאָרט סאמעט, ניט ווענינער פון פופציג פוס די לייננ און מיט אן ערך דריי הונ־דערט שטיק גילדענע קנעפלעך. אז עס קומט א יום־טוב, טוט ער אָן אויף זיך אכט רעק אויף א מאָל און זעקס פאָר הויזען. פער־שטעהט זיך, איז דאס זעהר ניט בעקוועם און האלט אייך ווי אין צוואנגען... אבער אז מען איז אזא'ן עשיר, קען מען דאך ניט געהן אָנגעטון ווי די גאנצע וועלט געהט.

דעם מיליאָנער'ס קעשענע האט זיך מיר געמאָלט אין די גע־דאנקען אלס א גרוב, וואו מען קען לייכט פערבעהאלטען א גאנ־צען קלויסטער, דעם בנין פון סענאט, בקיצור אלץ, וואס איז נאר נויטיג... די גרויס פון דעם מאגען ביי אזא „דזשענטלמאן" האב איך זיך פארגעשטעלט ניט קלענער פון דעם אונטערדעק פון א היבשען ים־דאמפפער. אבער אין דער זעלבער צייט איז מיר פשוט שווער געווען צו בעגרייפען, פון וואס פאר א לייננ עס דארף זיין א קאלאָש פון דעם דאָזיגען באשעפענים. נאר אין איין זאך בין איך געווען כמעט ווי זיכער: אז די קאָלדרע, מיט וועלכער ער דעקט זיך צו, איז ניט קירצער פון א קוואדראט־מייל. און אויב ער שמעקט טאבאק, טאָ ווינציגער פון א פונט אויף איין שמעק געהט ניט. געלד פאָרדערט ביי אייך, איהר זאלט דאס אויסבריינגען...

די פינגער פון זיינע הענד האבען אין זיך א זעלטענעם חוש, א מין צויבער־מאכט. זיי קענען זיך אויסציהען נאכ'ן וואונש נאך, אויף די ווייטסטע שטרעקע. אויב ער דערפיהלט, זיצענדיג אין ניו־יארק, דאס ערגיץ, עט־עט אין סיביר, איז אויסגעוואקסען א דאלאר, — שטרעקט ער אוים די האנד איבער בערינג'ס ים־אויסגוס און רייסט אראב דאס געוויקס און טוט זיך אפילו דערביי ניט א ריהר פון ארט.

א חידוש א ביסעל: ביי אלל'דעם האב איך זיך ניט געקאנט אבמאלען ווי עס זעהט אוים דער קאפ פון אט דער זעלטענער חיה. נאך מעהר, מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז א קאפ דארף זיין גאר אן איבעריגע זאך, ווען עס איז פעראן אזא גוזמא פלייש, אזוי פיעל ביינער, און אין זיי לעבט אזא מעכטיגער באגעהר פון אלץ ארויסצופרעסען גאלד. איבערהויפט איז מיין בעגריף פון א מיליאנער ניט געווען בעשטימט, פערענדיגט. אין צוויי־דריי ווער־טער, איז מיין בילד פון א מיליאנער געווען אזא: א פאר לאנגע בויגיגע הענד, וועלכע האבען שטייף ארומגעכאפט די גאנצע ערד, האבען זי צוגעטראגען צו דעם גרויסען טונקעלען פרעסער, און אט דער פרעסער זויגט, גריזשעט און קייט אונזער פלאנעט, ווי א הייסע אבגעבאקטע קארטאפליע, און אויף דער אכילה רינט אראב די זשעדנע סלינע...

איהר קענט גאר ניט משער זיין מיין איבערראשונג, ווען איך האב זיך געטראפען מיט א מיליאנער פנים לפנים און האב דער־זעהן בחוש, אז דאס איז דער פשוט'סטער בשר ודם.

אין א טיעפען פאטער־שטוהל איז געזעסען פאר מיינע אויגען א לאנגער אויסגעטריקענטער זקן און האט געהאלטען רוהיג צו־נויפגעלעגט אויפ'ן בויך די ברוינע איינגעקארטשעטע הענד פון א געוויינליכער לייגג ווי ביי אלע מענשען. די הויט פון זיין געזיכט איז געווען גלאט אבגעגאלט, דאס קיין הערעלע האט זיך ניט געזעהן. די אונטערשטע לופ האט זיך פון מיעדקייט ארונ־טערגעלאזען אונטען און הינטער איהר האט מען געקענט באמער־קען גוט געמאכטע קינבאקען, אנגעפיקעוועט מיט גאלדענע ציין.

די אויבערשטע לופ, א דינע, אן אבגעגאָלטע, אָהן א טראָפּען בלוט, האט זיך פעסט צוגעקלעבט צו דער מאשינקעלע צום קייען, און ווען דער זקן האט גערעדט, פלעגט זיך די לופּ כמעט ניט א ריהר טון. זיינע אבגעבלאַקירטע אויגען זיינען געווען אָהן ברעמען; דער טויט־ווייסער שארבען — הייל ווי א וויספּע. עס האט עפּיס אויסגעזעהן ווי דעם דאָזיגען געזיכט וואָלט געפעהלט הויט. בכלל האט מיר דאס רויטע, אונבעוועגליכע און גלאטע געזיכט דער־מאָנט אן דאס פּנים'על פון א ניי־געבאָרענעם עופ'עלע. שווער איז געווען צו בעשטימען, אויב די מאָדנע באשעפענים הויבט ערשט נאר אָן צו לעבען אויף דער וועלט, אדער זי האט זיך שוין דער־שלעפּט צום קבר...

אָנגעטון איז ער געווען אויך ווי א פּראָסטער בשר ודם. א חוץ א רינג, א זייגער און די ציין אין מויל, האט ער מעהר קיין גאָלד אויף זיך ניט געהאט. מיט אלץ מיט אנאנדער האט דאס געקענט וועגען א האלב פונט, אויב ניט וויניגער. אין פלוג גענומען, האט דער דאָזיגער מענש אויסגעזעהן ווי אן אלטער בעדינטער פון אן אריסטאָקראטישען הויז מעבר לים...

די מעבעל פון דעם צימער, אין וועלכען ער האט מיך אויפ־גענומען, האט ניט געגלאנצט ניט מיט לוקסוס, ניט מיט איבערי־גער שיינקייט. די מעבעל איז געווען א גרונטאָוונע, דאס איז דער איינציגער שבח, וואס מען קען זאגען אויף איהר.

אין דעם דאָזיגען הויז קומען א מאָל וואהרשיינליך אריין עלפאנטען, — אָט וואס פאר א געדאנק עס האט ארויסגערופען ביי מיר די מעבעל.

— דאס זייט איהר... דער מיליאָנער? — האב איך א פרעג געטון, ניט גלויבענדיג מיינע אויגען.

— אָה, יע! — האט ער געענטפערט מיט איבערצייגונג, און געגעבען א שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

איך האב געמאכט דעם אנשטעל, דאס איך גלויב איהם, און האב בעשלאָסען ביי זיך אָהן לאנגע שהיות נעהמען דעם חברה־מאן אויפ'ן פערהער און דערגעהן דעם ריכטיגען אמת.

— ווי פיעל פלייש קענט איהר אויפעסען ביים איבערבייי־סען? — האב איך איהם אוועקגעשטעלט די ערשטע פראגע.

— איך עס גאר קיין פלייש ניט! — האט ער מודיע גע־ווען. — א ברעקעל אפעלסין, אן איי, א קליין קוביק טעע, — דאס איז אלץ...

זיינע אונשולדיגע אויגען ווי ביי אן עופ׳עלע האבען געשי־מערט מיט א טונקעלען שיין, ווי צוויי גרויסע טראָפּענס פון בלאָ־טיגען וואסער, און איך האב ניט געזעהן אין זיי קיין פונק ליגען.

— גוט! — האב איך געזאָגט א נשתומם׳דיגער. — אבער זייט מיט מיר אָפען, זאָגט מיר דעם ריכטיגען אמת: ווי פיעל מאָל א טאָג עסט איהר?

— צוויי מאָל! — האט ער געענטפערט מיט א רוהיגער שטימע. — איבערבייסען און אָנבייסען — דאס איז פאר מיר גאנץ גענוג. צום אָנבייסען א טעלער זופ, ווייס־פלייש און קאָמפּאָט. פרוכט. א קוביק קאווע. א ציגאר...

מיין פערוואונדערונג איז געוואקסען מיט דער שנעלקייט פון א קירבעס, בעת ער האט געקוקט אויף מיר מיט די אויגען פון א למדן־וו׳ניק. איך האב אבגעצויגען דעם אָטעם און געזאָגט:

— אבער גאָט איז מיט אייך! אויב אלץ, וואס איהר זאגט, איז אן אמת, טאָ וואס־זשע, זייט מוחל, טוט איהר מיט אייער געלד?

ער האט א האָרעלע אויפגעהויבען די אקסלען, די אויגען זיי־נע האבען זיך גענומען ריהרען אין די אויגען־לעכער, און ער האט געענטפערט:

— איך מאך מיט מיין געלד נאך מעהר געלד.

— צו וואס?

— כדי צו מאכען נאך מעהר געלד...

— צו וואס? — האב איך איבערגע׳חזר׳ט.

ער האט זיך איינגעבויגען צו מיר, זיך אנשפארענדיג בשעת מעשה מיט די עלענבויגענס אָן די הענטלעך פון פאטער־שטוהל, און מיט א לייכטער נייגיריגקייט האט ער א פרעג געטון:

— איהר זייט א משוגע'נער?

— און איהר? — האב איך געענטפערט מיט א פראגע אויף זיין פראגע.

דער אלטיטשקער האט פערבויגען דעם קאָפּ אָן א זייט און ארויסגעזאָגט דורך די גילדענע ציין:

— ס'ארא קאטאָוועסניק!... איך זעה פיעלייכט צום ערש־טען מאָל אין מיין לעבען אזא סאָרט מענש...

נאך די רעד האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, פאנאנדערגע־געצויגען דאס מויל אזש ביז די אויערן און מיך גענומען ארום־קוקען שווייגעדיגערהייט. נאך דעם רוהיגען אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען קאָנטיג, אז ער האלט מיך פאר א גאנץ קלאָרען מענ־שען. ביי איהם אין שניפּס האב איך דערוויילע בעמערקט א שפּילקע מיט א קליינעם דימענטעל. ווען דאס שטיינדעל וואָלט גע־ווען גרויס לכל הפּחות ווי א קאָריק, וואָלט איך נאך געקענט קלוג ווערען אין דער זאך.

— וואס־זשע איז אייער געשעפט? — האב איך א פרעג געטון.

—איך מאך געלד! — האט ער געזאָגט קורץ, אויפהויבענ־דיג די אקסלען.

—איהר זייט א פאלשער געלדמאכער? — האב איך אויס־געשריען מיט א שמחה. מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז אָט־אָט בין איך שוין מגלה דעם סוד. אבער מיט א מאָל האט ער גע־גומען נישט הויך גרעבצען. דער גאנצער גוף זיינער האט זיך גע־טרייסעלט, אקוראט ווי א פערבאָרגענע האנד וואָלט איהם געקי־צעלט אונטער דער פּאכווע. ער האט אלע ווייל געפינטעלט מיט די אויגען.

— מיט אייך איז פרייליך! — האט ער געזאָגט בערוהיגט און בעגאָסען מיין געזיכט מיט צופרידענע בליקען. — פרעגט נאך עפּיס! — האט ער מיר פאָרגעשלאָגען און, איך ווייס שוין ניט פאר וואס, אָנגעבלאָזען די באקען.

איך האב געקלערט א ווײלע און מיט שטײפקײט איהם א פרעג געטון א קשיה:

— ווי אזוי מאכט איהר געלד?

— אהא! איך פערשטעה! — האט ער געזאָגט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. — דאס מאכט זיך זעהר אײנפאך. איך, פערשטעהט איהר מיך, האב אײזענבאהנען. די פארמערס ארבײטען אויס סחורה. די סחורה פיהר איך אריבער אויף די מערק. נו, איז רע־כענסטו אויס, ווי פיעל געלד דו דארפסט איבערלאָזען דעם פאר־מער, כדי ער זאל ניט אײננעהמען פון הונגער א מיתה און קע־נען ווײטער ארבײטען, און דאס איבעריגע נעהמסטו זיך, אלס געצאהלט פאר'ן פיהרען. זעהר אײנפאך.

— די פארמערס זײנען דערמיט צופרידען?

— ניט אלע, דײנק איך! — האט ער געזאָגט מיט א קינ־דישער טמ'עוואטסטווע. — אבער מען זאגט, אז די גאנצע וועלט קען קײן מאָל ניט זײן צופרידען און מיט קײן זאך ניט זײן צו־פרידען. אימער־צו געפינען זיך פערדרעהטע קעפּ, וועלכע בורטשען...

— די רעגירונג שטערט אײך ניט? — האָב איך געפרעגט מיט עניוות.

— די רעגירונג? — האט ער איבערגעפרעגט און זיך פער־טראכט, רײבענדיג מיט די פינגער דעם שטערן. דערנאך האט ער זיך א פּנים דערמאָנט וועגען עפּיס און א שאָקעל געגעבען מיט'ן קאָפּ. — אהא... ס'הײסט יענע... אין וואשינגטאָן? נײן, זײ שטערען ניט. דאס זײנען זעהר וואוילע יונגען... צווישען זײ זײנען דאָ א פּאָר, וואס זײנען מיטגליעדער פון מײן קלוב. אבער דו זעהסט זײ זעלטען... דעריבער פערגעסטו זיך אן זײ צײטענ־ווײס גאר אין אלעמען. נײן, זײ שטערען ניט, — האט ער אי־בערגעג'חזר'ט און די מינוט א פרעג געטון מיט נײגיריגקײט:

— עס זײנען פעראן א פּנים רעגירונגען, וואס שטערען אי־מיצען מאכען געלד?

איך האב זיך דערפיהלט פערשעמט פון מיין טמ׳עוואט־
..ווע, דער..ערענדיג אזעלכע קלוגע רעד.

— ניין, — האב איך געזאָגט שטילערהייט, — ניט דאס האב איך געמיינט... געמיינט האב איך, דאס א מאָל וואלט אפשר געווען א יושר, אז די רעגירונג זאל ניט דערלאָזען אן אָפענע רציחה...

נ־נו! — האט ער א זאָג געטון. — דאס הייסט שוין אי־דעאליזמוס. ביי אונז געהט דאס ניט. די רעגירונג האט קיין רעכט ניט זיך ארייננצומישען אין פּריוואט־געשעפטען...

מיין עניוות איז וואס א רגע אלץ גרעסער געווארען: די רו־היגע חכמה פון דעם עופ׳עלע האט מיך פּשוט בעטויבט!

— אבער שוים־זשע איז דאס א פּריוואט־געשעפט, ווען איין מענש שטעלט בדיל הדל ווער ווייסט ווי פיעל אנדערע? — האב איך העפליך געוועלט ביי איהם דערגעהן.

— בדיל הדל גאר? — האט ער איבערגעפרעגט און ברייט אויפגעריסען די אויגען. — בדיל הדל ווערט מען, ווען עס זייַ־נען טייער ארבייטער־הענד, און ווען עס ברעכט אויס א סטרייק. אבער מיר האבען עמיגראנטען. זיי שלאָגען שטענדיג ארונטער די שכירות, און מען דארף זיך ביי זיי לאנג ניט בעטען, זיי זאלען פערנעהמען די פּלעצער פון די סטרייקערס. ווען אין לאנד וועט זיך אָנקלייבען גענוג עמיגראנטען, דאס זיי זאָלען ארבייטען פאר קליינע שכירות און סחורה קויפען א סך, וועט דעמאלט אלץ זיין גוט.

ער איז א ביסעל לעבעדיגער געווארען און האט שוין ניט אזוי שטארק אויסגעזעהן ווי א צומישונג אין איין געשטאלט פון א זקן און פון אן עופ׳עלע. זיינע דינע טונקעלע פינגער האבען זיך גענומען ריהרען, און די טרוקענע שטימע האט יעצט מיט מעהר שנעלקייט געטראסקעט אין די אויערן.

— די רעגירונג? דאס איז, אויב איהר ווילט וויסען, אן אינטערעסאנטע פראגע, יע. א גוטע רעגירונג איז נויטיג ווי גאָלד. זי פערענטפערט זעהר וויכטיגע קשיות. צום ביישפּיעל: אין

לאנד, דארף זי זעהן, אז עס זאָלען זיין פונקט אזוי פיעל מענשען, ווי פיעל פאר מיר איז נויטיג איך זאל פערקויפען אלץ, וואס איך האב צו פערקויפען... ארבייטער, דארף זי זעהן, זאל זיין אזוי פיעל, דאס איך זאל זיך ניט דארפען בעטען ביי זיי. אבער — ניט איין איבעריגען! דעמאלט וועלען זיך ניט פלאָדיען קיין סאציאליסטען. און ניט זיין קיין שום סטרייקס. די רעגירונג טאָר ניט נעהמען קיין הויכע שטייערן. אלצדינג, וואס דאס פאָלק קען געבען, וועל איך נעהמען אליין. אָט דאס הייסט ביי מיר א גוטע רעגירונג.

— ער רעדט ווי א נאר. דער בעסטער סימן, אז ער איז צו גרויס ביי זיך אין די אויגען, — האב איך א קלער געטון. — צו איז ער טאקי ניט אויף א'ן אמת'ען א קיסר? א קשיה אויף א מעשה...

— פאר מיר איז נויטיג, — האט ער מאריך געווען מיט א זיכערער און שטייפער שטימע, — אז אין לאנד זאל זיין שטיל און רוהיג. פאר א קליין געצאהלט דינגט אן די רעגירונג אלערהאנד פילאָזאָפען, און זיי לערנען דאס פאָלק אלע זונטאג, אכט שעה אויפ'ן זייגער, אז מען מוז האבען דרך ארץ פאר'ן געזעץ. איז ווענינ צום עסק די פילאָזאָפען, — האט איהר סאלדאטען. ניט די מיטלען זיינען דאָ וויכטיג, נאר די רעזולטאטען. דער קויפער אזוי גוט ווי דער ארבייטער זיינען מחויב צו האבען רעספעקט פאר'ן געזעץ. אָט דאס איז אלץ! — האט ער געענדיגט שפיעלענדיג מיט די פינגער.

— ניין, קיין נאר איז ער ניט; א ספק, אויב ער איז א קיסר! — האב איך ביי זיך א קלער געטון און געפרעגט: — איהר זייט צופרידען מיט דער היינטיגער רעגירונג?

עס האט איהם גענומען א ביסעל צייט איידער ער האט געענטפערט.

— זי טוט ווינציגער ווי פיעל זי קען טון. איך זאג מיין זאך: די עמיגראנטען דארף מען דערוויילע ארייגלאָזען אין לאנד. אבער מיר האבען פאָליטישע פרייהייט, מיט וועלכער זיי באנוצען זיך.

אָט פאר דער פרייהייט צאהלט, ברידער, מזומן. זאל איטליכער פון זיי ברייגגען מיט זיך, — נו, א שטייגער, 500 דאלאר. א מענש, וועלכער פערמאָגט 500 דאלאר, איז צעהן מאָל בעסער פון דעם, וואס פערמאָגט נאר 50... מענשען פערדאָרבענע, היימלאָזע, בעטלער, קראנקע און אזוינע, וואס פוילען זיך ארבייטען, זיינען אין ערגיץ ניט קיין אָנגעלעגטע געסט, — צו וואסערע קלאָגען דארף מען זיי?...

— אבער דאס וועט דאך פערקלענערן דעם שטראָם פון עמי־גראנטען... — האב איך געזאָגט.

דער אלטער האט צוגעשטימט מיט א שאָקעל.

— מיט דער צייט וועל איך פאָרשלאָגען, אז מען זאל זיי מעהר גאָר ניט ארייגלאָזען אין לאנד. נו, און דערווייל, זאָל איט־ליכער ברייגגען מיט זיך א ביסעל גאָלד... דאס איז ניצליך פאר דער מלוכה. דערנאך, איז נויטיג צו פערלייגגערן דעם טערמין פאר'ן „גרינעם" צו באקומען בירגערליכע רעכט. די, וואס ווילען ארבייטען פאר די אמעריקאנער, זאלען זיי ארבייטען; אבער שייגקען זיי די רעכט פון אמעריקאנער בירגער — דאס דארף מען ניט. מען האט שוין אָנגעמאכט גענוג אמעריקאנער. איטליכער פון זיי קען שוין אליין זעהן, אז די בעפעלקערונג פון לאנד זאל זיך מעהרען און פרוכפּערן. דאס אלץ איז דער רעגירונג'ס געשעפט. מען דארף זי, זאג איך אייך, איבעראנדערסען. די מיטגלי־דער פון דער רעגירונג זיינען אלע מחויב צו זיין אקציאָנערען אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דעמאלט וועלען זיי שנעלער און לייכטער בעגרייפען די אינטערעסען פון לאנד. איצטער בין איך געצוואונגען צו געבען לאפּקע די סענאטאָרען, ווען איך וויל זיי איבערצייגען, ווי נויטיג עס זיינען פאר מיר... פערשידענע קלייניגקייטען. דעמאָלט וועט דאס זיין איבעריג...

ער האט אָבגעזיפצט, א טרייסעל געטון מיט'ן פוס און צו־געלעגט:

— דאס לעבען זעהסטו ווי געהעריג איז נאר דעמאלט, ווען דו שטעהסט אויף א בארג פון גאָלד, אויפ'ן סאמע שפּיץ.

יעצט, ווען זיין שטאנדפונקט אין פּאָליטישע פראגען איז פאר מיר געווארען שוין גענוג קלאָר, האב איך ביי איהם גע־פרעגט:

— און וואס איז אייער מיינונג וועגען רעליגיאָן?

— אָה! — האט ער אויסגעשריען, זיך געבענדיג א קלאפּ איבער איין קניע און ענערגיש רוקענדיג די ברעמען. — מיין מיי־נונג איז זעהר א גוטע! רעליגיאָן — דאס איז פאר'ן פאָלק נוי־טיג ווי לופט. איך גלויב דערינען מיט'ן גאנצען הארצען. און אפילו איך גופא האלט א מאָל א זונטאג א דרשה אין קלויסטער... נו יע, ווי דען!

— און וואס כדומה זאגט איהר אין אייער דרשה?

— אלצדינג, וואס עס קען נאר זאָגען אין קלויסטער אַן אמת'ער קריסט, אלצדינג! — האט ער געזאגט מיט איבערציי־גונג. — איך דרש'ען, ווי איהר קענט לייכט פערשטעהן, אין אַן אָרימען קווארטאל. אָרימע לייט נויטיגען זיך תמיד אין א גוט וואָרט, אין א פּאַטערליכען מוסר... איך זאג צו זיי...

זיין געזיכט האט אויף א מינוט אָנגענומען א קינדישען אויסדרוק, אבער באלד האט ער שטייף צונויפגעפרעסט די לי־פּען און א הויב געטון די אויגען צום סופיט, וואו עס איז געווען אויסגעמאָלט אזא בילד: מלאכים'לעך פון ליעבע, שטארק פערשעמט, האבען בעדעקט פון אלע זייטען דעם קערפּער פון א דיי־קער נאקעטער פרוי, וואס די העלע פארב פון איהר הויט האט אייך דערמאָנט אָן א יאָרקשייר'שען חזיר. אין זיינע וואסערדיגע אויגען האבען זיך אבגעבלאנקט די העלע קאָלירען פון סופיט, און זיי האבען גענומען בלישצען מיט אלערהאנד פונקען. ער האט אָנגעהויבען די דרשה אין א שטילען טאָן:

— ברידער און שוועסטער, וואס דער טאטע זיסער יעזוס קריסטוס פעראייניגט אייך! איהר זאָלט ביישטעהן די נסיונות פון דעם געשייטען טייוועל פון קנאה, און פערטרייבען פון זיך אלל'דאס עולם־הזה'דיגע. דאס לעבען אויף דער וועלט איז קורץ: דער מענש איז א גוטער ארבייטער נאר ביז פיערציג יאָהר; נאך

פיערציג נעהמט מען איהם שוין מעהר ניט צו אין קיין איין פאבריק. דאס לעבען האלט זיך אויף א האָר. אָט שטעהט איהר ביי דער ארבייט; ניט אויסגערעכענט א ריהר געטון מיט דער האנד, — און די מאשין צורייבט און צוברעקעלט אייך די ביי־נער. אדער א זונענשטריך אין א הייסען טאג — און פארטיג, שוין נאך אייך! וואו איהר טוט זיך א קער, ווארטען אויף אייך אומעטום קראנקהייטען; ארום און ארום לויערן אויף אייך אומ־גליקען! אן ארימאן איז געגליכען צו א בלינדען, וועלכער גע־פינט זיך אויפ׳ן דאך פון א הויכען הויז: וואו ער זאָל ניט געהן, וועט ער ארונטערפאלען און צופלעטען דעם קאָפּ, ווי עס האט גע־זאָגט דער אפּאָסטעל יעקב, דער ברודער פון אפּאָסטעל יהודה. ברידער! איהר דארפט ניט האלטען פון עולם הזה. דער טייוועל האט דאס בעשאפען, דער ניט־גוטער, וואס פערפיהרט נשמות אין שאול תחתיה. אייער מלוכה, איהר ליעבע קינדער פון אונזער פאטער אין הימעל יעזוס קריסטוס, איז ניט אויף דער וועלט; ווי די מלוכה פון אייער פאטער, געפינט זי זיך ניט אויף דער ערד, נאר אויפ׳ן הימעל. און אויב איהר וועט אב׳פטר׳ען אייערע יאָהרען שטיל, געדולדיג, מקבל־באהבה׳דיג, ניט איבעררעדענ־דיג א בייז וואָרט, וועט ער אייך אויפנעהמען אין זיין שיינעם גן עדן און בעצאהלען אייך דעם שכר פאר אייער פראצע אויף דער ערד. און דער שכר וועט זיין גליקזעליגקייט אויף דורי דורות. דאס לעבען אויף דער ערד איז נאר א פּרוזדור פאר אייערע נשמות, וואו זיי רייניגען זיך אב פון די זינד. און וואס מעהר צרות איהר האט דאָ ביים לעבען, וועט איהר קריגען אלץ א גרעסערען חלק עולם הבא, ווי ס׳האט געזאָגט מיט זיין אייגענעם מויל דער אפּאָסטעל יהודה.

ער האט אויסגעשטרעקט די האנד צום סופיט, זיך פער־טראכט אויף א ווייל און מאריך געווען מיט א קאלטער און שטייפער שטימע:

—יע, טייערע ברידער און שוועסטער! אונזער לעבען איז וויסט ווי א מדבר און ניט ווערטה קיין פערשימעלטע פרוטה, ווען

מיר זיינען זיך ניט מקריב פאר'ן צווייטען, אויפ'ן מזבח פון ליע־
בע. עס דארף אונז דערביי גאר ניט ארען, ווער דער צווייטער איז
און וואס ער איז. לאָזט ניט די טייוואָלים פון קנאה בעהערשען
אייער הארץ! וואס האט איהר, אימשטיינס געזאָגט, מקנא צו
זיין? די גליקען אויף דער וועלט — דאס זיינען שאָטענס; דאס
זיינען דעם טייוועל'ס שפּיעלצייג. אלע וועלען מיר שטארבען:
רייך און ארים, קיסרים און קאָהלען־גרעבער, באנקירען און גאַ־
סען־קעהרער. אין די קיהלע גערטנער פון גן עדן וועלען אפשר די
קאָהלען־גרעבער ווערען קיסרים, און דער קיסר וועט מיט א בע־
זים אראָבקעהרען פון די סטיעשקעס די אבגעפאלענע בלעטער און
די פאפּירלעך פון די קאָנפעטען, מיט וועלכע איהר וועט זיך נעה־
רען דאָרטין יעדען ליעבען טאָג. ברידער! וואס'ערע באגעהרען
קען מען האבען דאָ אויף דער ערד, אָט אין דעם פינסטערען וואלד
פון עברות, וואו די נשמה בלאָנזעט ארום ווי א פערלאָרען קינד?
געהט אין גן עדן אריין מיט'ן וועג פון ליעבע און ווייכקייט. ניט
אויסרעדענדיג א וואָרט טראגט אריבער אלץ, וואס עס פאלט אייך
אויפ'ן גורל אריבערצוטראגען. ליעבט אלעמען, אפילו די, וואס
ווארפען אייך ארונטער...

ער האט ווידער צוגעמאכט די אויגען און זיך הויבענדיג
אין דעם פאטער־שטוהל האט ער מאריך געווען:

— ווייכט פון די מענשען, וועלכע וועקען ביי אייך אויף אין
הארצען די קנאה דערמיט, וואס זיי באווייזען אייך, ווי איינער
איז ארים און ווי דער צווייטער איז רייך. די דאָזיגע מענשען —
דאס זיינען די שלוחים פון טייוועל. גאָט האט פערבאָטען מקנא
צו זיין דעם צווייטען. די רייכע זיינען דאך אויך ארימע לייט;
עס פעהלט זיי דאס, וואס מען ליעבט זיי ניט. זאָל זיך אין אייך
אָנצינדען ליעבע צום רייכען, ווייל דער רייכער איז גאָט'ס אן
אויסערוועהלטער! — האט א מאָל אויסגעשריען יהודה, דער ברו־
דער פון גאָט, דער כהן גדול פון בית המקדש. פערשטאָפּט די
אויערן צו די דרשות וועגען גלייכהייט און אנדערע אויסקלערען
פון דעם טייוועל. וואס באדייט גלייכהייט אָט אָ דאָ אויף דער

ערד? שטרעבען דארפט איהר צו זיין גלייך איינער צום צווייטען פאר גאָט'ס געזיכט, גלייך אין דער ריינקייט פון דער נשמה. טראָגט אריבער געדולדיג דעם שווערען יאָך אייערן, און די אונ־טערטעניגקייט וועט אייך לייכטער מאכען די דאָזיגע משא. מיט אייך איז גאָט, קינדער מיינע, און מעהר דארפט איהר גאר ניט!

דער אלטער איז אנטשוויגען געווארען. האלטענדיג ברייט אָפען דאס מויל, פון וואנען עס האבען ארויסגעגלאנצט די גאָל־דענע ציין, האט ער אויף מיר א קוק געטון מיט נצחון.

— איהר בענוצט זיך מיט דער רעליגיאָן אויסגעצייכענט!

— האב איך בעמערקט.

— אודאי יע. איך וויים, וואס זי איז ווערטה פאר מיר, — האט ער געזאגט. — איך זאג אייך נאָך א מאָל: רעליגיאָן איז פאר די אָרימע נויטיג ווי גאָלד. מיר געפעלט זי. אוי, דו מענש! ווילסטו נאר ראטעווען דיין נשמה, זאלסטו גאר נישט וועלען און גאר נישט אָנריהרען דא אויף דער ערד. דו וועסט זיך מחיה זיין מיט עולם הבא. וואס עס איז אָנגעגרייט אויפ'ן הימעל איז אלץ פאר דיר. ווען מענשען גלויבען אין דעם, איז לייכט צו פיה־רען מיט זיי א געשעפט. יע. רעליגיאָן איז געגליכען צו אויל. וואס שטארקער מיר וועלען שמירען מיט איהר די מאשין פון לע־בען, וועלען זיך די גווינטען אלץ ווייניגער רייבען איינס אָן דאס אנדערע, וועט אלץ לייכטער זיין דעם טרייבער'ס ארבייט...

— יע, ער איז א קיסר! — האב איך בעשלאָסען ביי זיך און מיט דרך ארץ א פרעג געטון ביי דעם מאן, וועלכער האט גע־פיהרט זיין יחוס פון חזירים־פיטערער:

— און איהר וואס? האלט איהר זיך פאר א פרומען קרים־טען?

— פערשטעהט זיך, ווי־זשע? — האט ער אויסגעשריען מיט א שטימע, וואו עס האט זיך געהערט די טיעפסטע איבערציי־גונג. — אבער, — דאָ האט ער אויפגעהויבען די האנד אין דער הויך און געזאָגט מיט שטייפקייט, — אין דער זעלביגער צייט,

פערגעסט ניט, בין איך אויך אן אמעריקאנער, און אלס אמערי־קאנער האלט איך פון דער מאָראל שטאָהל און אייזען...

אויף זיין פנים האט זיך באוויזען א דראמאטישער אויס־דרוק: ער האט פאנאנדערגעלאָזען די ליפען און צוגערוקט די אויערן צו דער נאָז.

— וואס מיינט איהר דערמיט צו זאָגען?... — האב איך געפרעגט ביי איהם מיט א טאָן נידריגער.

— זאל דאס פערבלייבען צווישען אונז! — האט ער מיך געוואָרענט שטילערהייט. — פאר'ן אמעריקאנער איז נישט מעג־ליך צו גלויבען אין יעזוס'ען!

— נישט מעגליך? — האב איך ארויסגעשעפּצעט נאך א קורצען שטילשווייגען.

— אודאי נישט מעגליך! — האט ער צוגע'חתמה'ט אויך שעפּצענדיג.

— פאר וואס? — האב איך א פרעג געטון נאכדעם, ווי איך האב א ווײלע געשוויגען.

— ער איז א ממזר! — דער אלטער האט צו מיר א וואונק געגעבען מיט איין אויג און זיך ארומגעקוקט.—איהר פערשטעהט? א ממזר אין אמעריקא קען ניט זיין איך רעד שוין ניט א גאָט, אפילו ניט א רעגירונגס־בעאמטער. מען לאָזט איהם ניט וואו ניט אריין צווישען אנשטענדיגע מענשען. קיין איין מיידעל וועט מיט איהם קיין מאָל ניט חתונה האבען. וואס מיינט איהר, אין דעם פּרט זיינען מיר זעהר שטריינג! און ווען מיר זאלען גלויבען אין יעזוס'ען, דארפען מיר דאָך אויך ביי זיך פועל'ען, אז אלע ממזרים זיינען פיינע מענשען.... אפילו דעמאָלט, ווען זייער טאטע איז א נעגער און די מאמע א ווייסע. איהר שטעלט זיך נאר פאָר, ווי שרעקליך דאס וואלט געוועזן! הא?

על כל פנים וואלט דאס געוועזן זעהר שרעקליך, ווייל דעם אלטען'ס אויגען זיינען געווארען גרין און קיילעכדיג ווי ביי א סאָווע. ער האט זיך אנגעטון א כח, ארויפגעצויגען די אויבערשטע לופּ ארויף־צו־צו און זי צוגעקלעבט צו די ציין, כדי זי זאל זיך

ניט קענען אברייסען. ביי איהם איז מסתמא אויסגעקומען, אז די מיאוס׳ע אוואיע מאכט זיין געזיכט שטייף און שטריינג.

— און ווי בלייבט מיט דעם נעגער? איהם קענט איהר בשום אופן ניט אנערקענען פאר א מענשען? — האב איך זיך נאכגעפרעגט ביי דעם אלטיטשקען. איך האב דערפיהלט, ווי די מאראל פון דעם דעמאָקראטישען לאנד נעהמט ביי מיר אב דעם לשון מיט אלץ מיט אנאנדער.

— אוי, ס׳ארא קינד דאס איז! — האט ער אויסגעשריען מיט רחמנות... — איהר מענש איינער, זיי זיינען דאך שווארצע! און עס שטינקט פון זיי. מיר לינטשען דעם נעגער, ווי באלד מיר דערוויסען זיך, אז ער האט געלעבט מיט א ווייסער פרוי; תיכף ומיד א שטריק אויפ׳ן האלז און א ציה ארויף אויף א בוים... אָהן לאנגע טענות ומענות! מיר זיינען זעהר שטריינג, וואו מען ריהרט אן די מאָראל...

איך האב יעצט געקוקט אויף איהם מיט׳ן זעלבען געפיהל פון אכטונג, מיט וועלכען מען קוקט ניט ווילענדיג אויף א נבלה. אבער איך האב זיך גענומען פאר א געשעפט און מוז דאס אויס־פיהרען. און איך האב גענומען האסטיג ווארפען איין פראגע נאך דער אנדערער, אום עס זאל זיך נאר ניט ציהען אזוי לאנג די פייניגונג פון דעם אמת, פון דער פרייהייט, פון דעם שכל, און פון אלל׳דאס ליכטיגע, אין וואס איך גלויב.

— וואס איז אייער שטעלונג צו סאָציאליסטען?

— אָט זיי זיינען דאס דעם טייוועל׳ס ריכטיגע קנעכט! — האט ער זיך שנעל אבגערופען און זיך א קלאפּ געטון מיט דער דאליאָן איבער׳ן קניע. — די סאָציאליסטען זיינען דער זאמד אין דער מאשין פון לעבען; דער זאמד, וואס פערקריכט אומעטום און צושטערט די רעגעלמעסיגע ארבייט פון דער מאשין. ביי א גוטער רעגירונג טאָר זיך ניט געפינען אין לאנד קיין איין סאָ־ציאליסט. און אין אמעריקא ווערען סאָציאליסטען געבארען. הייסט דאס, אז די מענשען אין וואשינגטאן פערשטעהן ניט אזוי קלאָר ווי עס געהער צו זיין, וואס זיי האבען צו טון. זיי דארפען אוועק־

נעהמען פון די סאָציאַליסטען די בירגערליכע רעכט. דאס איז שוין א שטיקעל ישועה. איך האב מיין טענה: די רעגירונג דארף שטעהן נעהנטער צום לעבען. און כדי דעם צוועק צו דערגרייכען דאר־פען אלע מיטגלידער פון דער רעגירונג גענומען ווערען פון דעם מיליאָנערען־קרייז. אזוי איז דאס!

—איהר זייט זעהר א גאנצער מענש! — האב איך גע־זאָגט.

— אודאי! — האט ער מסכים געווען שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. פון זיין פנים איז יעצט אראָב אין אלעמען דער קינדישער אויסדרוק, און אין די באקען האבען זיך אויסגעשניטען טיעפע קארבען.

מיר האט זיך געוואלט פרעגען ביי איהם וואס ער דיינקט וועגען קונסט.

—ווי שטעהט איהר בנוגע... — האב איך אנגעפאנגען; אבער ער האט א הויב געטון דעם פינגער און אליין גענומען רעדען:

— ביי דעם סאָציאַליסט אין קאָפּ ליגט אטעאיזמוס, און אין מאָגען — אנארכיזמוס. די נשמה זיינע האט דער טייוועל בעפליגעלט מיט משוגעת און בייזקייט... פאר'ן קאמפף מיט די סאָציאַליסטען איז נויטיג צו האבען וואס מעהר רעליגיאָן און וואס מעהר סאָלדאטען. רעליגיאָן — געגען דעם אטעאיזמוס, און סאָלדאטען — פאר דעם אנארכיזמוס. קודם כל שיט ארויף דעם סאָציאַליסט אויפ'ן קאָפּ דאס בליי פון הייליגע דרשות. אויב דאס וועט איהם ניט בריינגען א רפואה שלמה, זאָלען דעמאָלט די סאָל־דאטען זיך נעהמען צו איהם און איהם אָנפּאקען דעם מאָגען מיט בליי!...

ער האט מיט איבערצייגונג צוגעשאָקעלט דעם קאָפּ און גע־זאָגט מיט א שטייפער שטימע:

— גרויס איז דעם טייוועל'ס מאכט!

— אודאי יע! האב איך געגעבען גערן מיין הסכמה.

צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען האב איך געזעהן פאר די

אויגען אזוי שארף און אזוי בולט דעם מעכטיגען איינפלוס פון געלען טייוועל, דעם טייוועל פון גאלד. די טרוקענע ביינער פונ׳ם זקן, דורכגעלעכערטע מיט רומאטים פון אויבען ביז אונטען; זיין שוואכער, אויסגעמאַרעטער גוף אין א זאק פון אן אלטער הויט; אט דאס קליין הייפעלע פון פערשימעלטען אלטווארג — איז גע־ווען אצונד בעגייסטערט מיט דעם קאלטען און אכזריות׳דיגען ווי־לען פון דעם געלען טייוועל — דעם פאטער פון שקר און גייסטיגען זנות. דעם זקן׳ס אויגען האָבען געבלישצעט ווי צוויי נייאינקע מטבעות, און אליין אויך איז ער געווארען עפּיס קרעפטיגער און טרוקענער. יעצט האָט ער נאך מעהר אויסגעזעהן ווי א באדינטער, אבער איך האָב שוין ניט געוואוסט בעשטימט ביי וואס פאר א שררה.

— וואס איז אייער מיינונג וועגען קונסט? — האָב איך גע־פרעגט.

ער האָט אויף מיר א קוק געטון, דורכגעפיהרט מיט דער האנד איבער׳ן געזיכט און אבגעווישט פון איהם דעם אויסדרוק פון קאלט־גזלנ׳ישער רשעות. די פריערדיגע קינדישקייט האט זיך בעוויזען אויף דאס ניי אויף דעם דאזיגען פנים.

— וואס האט איהר געזאגט? — האט ער א פרעג געטון.

— וואס איז אייער מיינונג וועגען קונסט?

— אזוי! — האָט ער זיך רוהיג אבגערופען. — איך האָב וועגען איהר קיין שום מיינונג ניט. איך קויף זי איינפאך...

— דאס וויים איך. אבער עס קען זיין, אז איהר האָט זיך אייער אייגענעם קוק אויף דער קונסט? אז איהר שטעלט צו איהר אייערע אייגענע פאדערונגען?

— פטור! אודאי שטעל איך פאָדערונגען... די קונסט די דאזיגע, זי דארף זיין א שפּאס־מאכערין, — אט וואס איך פאָדער. פאר מיר איז נויטיג, אז איך זאל לאכען. אין מיין גע־שעפט איז ווייניג פערהאן פון וואס איך זאל קענען לאכען. ס׳איז א מאל נויטיג צו בעשפריצען דעם מארך מיט עפּיס, וואס שטילט

איין... אדער פערקערט רעגט אויף די ענערגיע פון קערפער. ווען די קונסט ווערט געמאכט אויף דעם סופיט אדער אויף די ווענד, דארף זיין איהר צוועק אויפצואוועקען דעם אפעטיט... די רעקלא־מען מוז מען שרייבען מיט די בעסטע העלע פארבען. מען דארף זעהן, אז די רעקלאמע זאל אונז כאפען פאר דער נאָז נאך פון ווייטען, פאר א מייל ווייט, און זי זאל אונז אהן שהיות ברייננען אהינצו, וואו זי רופט. דעמאלט וועט זי זיך בעצאהלען. סטאטוען אדער וואזען פון בראנזע זיינען אלע מאָל בעסער ווי פון מארמער אדער פאָרצעליי. די דינסטען וועלען בראנזע ניט אזוי אָפט ברעכען ווי פאָרצעליי. א גוטע אונטערהאלטונג איז, ווען מען זעהט, ווי העג־נער שלאגען זיך, אדער ווען מען יאגט זיך מיט א הושקערייי נאך מייז. מיר איז דאס אויסגעקומען צו זעהן אין לאנדאן... זעהר גוט! באָקס איז אויך גוט, אבער מען דארף ניט צולאזען, אז איינער פון די שלעגער זאל דער׳הרג׳ענען דעם אנדערן... די מוזיק דארף זיין פאטריאטיש. א מארש איז אלע מאל א וואוילע זאך, אבער דער בעסטער מארש איז דער אמעריקאנישער. אמעריקא איז די בעס־טע מדינה אויף דער וועלט, און אט דערפאר טאקי איז די אמערי־קאנישע מוזיק בעסער פון דער איבעריגער מוזיק אויף דער וועלט. א גוטע מוזיק געפינט מען נאר דארטען, וואו עס זיינען דאָ גוטע מענשען. די אמעריקאנער זיינען די בעסטע מענשען אויף דער וועלט. זיי האָבען געלד מעהר פאר אלעמען. קיינער האָט ניט אזא גוזמא געלד ווי מיר האָבען. דערפאר וועט זיך צו אונז אין גי־כען אריבערקלייבען די גאנצע וועלט...

איך האָב זיך צוגעהערט צום באלאמוטשען פון דעם קראנקען עופ׳עלע, וואס איז געווען מאָדנע צופרידען מיט זיך אליין. און איך האב געדאנקט דעם ליעבען גאָט, וואס ער האט בעשאפען ווילדע מענשען אין אויסטראליען. יענע, זאגט מען, זיינען אויך מענשען־פרעסער, אבער ביי זיי איז כאטש ענטוויקעלט פון דעסט־וועגען דאס געפיהל פון שיינהייט.

— געהט איהר אין טעאטער? — האָב איך א פרעג געטון דעם אלטען שקלאף פון געלען טייוועל. איך האָב געוואלט פשוט

איבערגעזעצט זיין בעריהמען זיך מיט א לאנד, וואס ער האָט בע־שמוצט מיט זיין לעבען.

— אין טעאטער? יע, ווי דען? איך וויים, דאס איז אויך קונסט! — האָט ער געזאגט מיט א זיכערען טאָן.

— וואס, זאגט־זשע, געפעלט אייך אין טעאטער?

— מיר געפעלט, וואס עס קומען אהין א סך פרויען גע־בלויזט, און איך זיץ העכער פון זיי און קוק ארונטער אויף די פרויען פון אויבען! — האָט ער געענטפערט נאכדעם, ווי ער האָט א ווײַלע געטראכט.

— וואס האָט איהר האָלט אין א טעאטער מעהר פאר אלץ?

— האָב איך געפרעגט, שוין האלב א פערצווייפעלטער.

— אָה! — האָט ער אויסגעשריען און פאנאנדערגעצויגען דאס מויל ביז די אויערן. — מעהר פאר אלץ האָב איך, פער־שטעהט זיך, האָלט אקטריסעס, דאס וואס אלע מענשען האָבען האָלט... ווען די אקטריסע איז שיין און יונג, איז זי שוין גוט פאר איהר קונסט. אבער עס איז שווער צו טרעפען פון ערשטען קוק, וועלכע אקטריסע איז טאקי יונג. זיי קענען אלע זיך פערשטעלען אזוי גוט. איך פערשטעה, אז דאס איז זייער שטיקעל ברויט. א מאָל טראכטסטו ביי זיך: אהא! אט די איז א יונג מיידעלע! און ז׳ערנאך לאזט זיך אויס, אז זי איז אלט פופציג יאהר און האָט שוין געהאט ניט וועניגער פון צוויי הונדערט פּאָלובויניקעס. דאס איז שוין גאר א חלשות... די אקטריסעס פון צירק זיינען בעסער פון די אקטריסעס פון טעאטער. די זיינען א סך אינגער, ווען איהר זאלט זיי ניט נעהמען, און אגב מעהר פלינק, מעהר זוואונע...

ווי ס׳ווייזט אויס, איז ער געווען א בקי אין די אלע זאכען. אפילו איך, אן אלטער בעל־עברה׳ניק, וואס גאר מיין לעבען האָב איך זיך געבאדען אין זנות, איך האָב אויך געדארפט ביי איהם פעטשערעס הייצען.

— נו, און ווי געפעלען אייך ליעדלעך? — האָב איך ביי איהם א פרעג געטון.

— ליעדלעך? — האָט ער איבערגעפרעגט, אראבלאזענדיג

די אויגען צו די שיך און צונויפקנייטשענדיג דעם שטערן. ער האט זיך פערטראכט אויף א רגע, דערנאך א הויב געטון דעם קאפ און מיט איין מאָל מיר בעוויזען אלע זיינע ציין. — ליעדלעך? נו, יע. ליעדלעך געפעלען מיר זעהר. עס וואלט זיין גאנץ פריילך צו לעבען אויף דער וועלט, ווען אלע זאלען אבמאכען צווישען זיך און נעהמען דרוקען רעקלאמען אין גראמען.

— וועמען פון די דיכטער ליעבט איהר מעהר פאר אלעמען?

— האָב איך שנעל געשטעלט אנאנדער פראגע.

דער זקן האָט אויף מיר א קוק געטון. ער האָט א פנים ניט פערשטאנען, וואס איך פרעג ביי איהם, און האָט לאנגזאם ארויס־גערעדט:

— וואס האָט איהר געזאגט?

איך האָב איבערגע׳חזר׳ט מיין פראגע.

— מממ... איהר זייט א קאטאָוועסניק, אויף מיין וואָרט! — האָט ער געזאגט און געשאקעלט דערביי מיט׳ן קאפ אין ספקות.

— פאר וואס, זאגט־זשע מיר, זאָל איך ליעבען א דיכטער? און נאך וואס דארף מען איהם ליעב האָבען?

— האָט קיין פאראיבעל ניט! — האָב איך ארויסגערעדט, אבווישענדיג דעם שוויים פון שטערן. — איך האָב אייגענטליך געוואלט ביי אייך פרעגען, וואס׳ער בוך איז ביי אייך מעהר בע־ליעבט. פערשטעהט זיך, טייל איך אב פון דעם כלל דאס טשעק־בוך...

— אָה, דאס איז אנאנדער זאך! — האט ער מסכים געווען.

— איך האָב האָלט צוויי ביכער: ביבעל און קאָנטאָ־בוך. פון ביי־דע ביכער קענט איהר שעפּען בעגייסטערונג מיט פולע הויפענס. ווען איך נעהם זיי נאר אין דער האנד אריין, פיהל איך שוין, אז אין זיי ליגט א כח, וואס גיט מיר אלץ, וואס איך דארף.

— ער מאכט חוזק פון מיר, — האָב איך א קלער געטון און איהם ארייגעקוקט מיט אויפמערקזאמקייט אין געזיכט.

ניין! נאך די אויגען נאך פון דעם דאזיגען עופ׳עלע האָט מען ניט געקענט האָבען דעם קלענסטען צווייפעל, אז דאס וואס

ער זאגט, מיינט ער טאקי. געזעסען איז ער אין דעם פאטערשטוהל, ווי עס זיצט אין איהר שאָל אן אויסגעדארטע יאָדרע פון א נוס, און ס'איז געווען קאנטיג, אז ער אליין גלויבט גאנץ ערנסט אין די אייגענע רעד.

— יע! — האָט ער מאריך געווען, בעקוקענדיג זיינע נעגעל. — דאס זיינען וואוילע ביכער! איין בוך האָבען פערפאסט די נביאים, דאס צווייטע האָב איך בעשאפען. אין מיין בוך איז וועניג ווערטער. חשבונות זיינען דארטין. זיי דערציילען אייך, וואס עס קען אויפטון א מענש, ווען ער וויל ארבייטען עהרליך און פלייסיג. ס'וואלט געווען א יושר, אז נאך מיין טויט זאל די רעגירונג נעהמען און אבדרוקען מיין בוך. זאלען מענשען זעהען, מיט וואס פאר א וועג מען דארף געהן אום זיך אויפצוהויבען אט אויף דער הויכקייט.

און ער האָט א פיהר געטון מיט דער האנד ארום זיך, ווי א בעל־נצחון.

איך האָב דערפיהלט, אז ס'איז שוין צייט צו ענדיגען דעם געשפרעך. ניט יעדער קאפ קען רוהיג דרעמלען, ווי ניט איהם מיינט מען, ווען מען טרעט איבער איהם מיט די פיס.

— אפשר ווערט איהר וואס עס איז זאגען מכח די וויסענשאפט? — האָב איך געפרעגט אין דער שטיל.

— די וויסענשאפט? — ער האָט אויפגעהויבען דעם פינגער, די אויגען, און א קוק געגעבען אויף דעם סופיט. דערנאך האָט ער ארויסגענומען דעם זייגער, זיך איינגעקוקט, צוגעמאכט, ארויפגעדרעהט דאס קייטעל אויפ'ן פינגער און א וויעג געטון דעם זייגער. נאך די אלע זאכען האָט ער אבגעזיפצט און גענומען רעדען:

— די וויסענשאפט... יע, איך וויים! דאס זיינען ביכער אזוינע. אויב מען שרייבט אין זיי גוטס פון אמעריקא, זיינען די ביכער ניצליך. אבער אין ביכער איבערהויפט געפינט מען זעלטען דעם אמת. די דאזיגע... דיכטער, וועלכע מאכען ביכער, דיינק איך, פערדינען קנאפ. אין א לאנד, וואו איטליכער איז פערטון אין

געשעפט, איז ניטא ווער עס זאל לייענען ביכער... יע, די דיכטער זיינען בייזע מענשען; זיי זיינען בייז, וואס מען קויפט ניט ביי זיי די ביכער. די רעגירונג דארף גוט בעצאהלען די פערפאסער פון ביכער. ס'איז א כלל, אז ווען א מענש איז זאט, איז ער גוט און פרעהליך. אויב מען דארף איבערהויפט האבען ביכער וועגען אמעריקא, טא זאל מען אנדינגען גוטע דיכטער, און דעמאלט וועלען שוין געמאכט ווערען אלע ביכער, וואס זיינען נאר נויטיג פאר אמעריקא... דאס איז אלץ.

— איהר שפארט אריין די וויסענשאפט אין א שמאלען ראמען! — האב איך בעמערקט.

ער האט ארונטערגעלאזט די ברעמען און זיך פערטראכט. דערנאך האט ער ווידער געעפענט די אויגען און מאריך געווען מיט זיכערקייט:

— נו, אודאי. די לעהרער, די פילאזאפען... דאס איז אויך וויסענשאפט. פראפעסארען, אקושארקעס, דאנטיסטען, — איך וויים, ווי דען? אדוואקאטען, דאקטוירים, אינזשינירען. „אל רייט“. דאס איז א נויטיגע זאך. גוטע וויסענשאפטען... שלעכטס על כל פנים לערנען זיי ניט... אבער מיין טאכטער'ס לעהרער האט מיר איין מאל געזאגט, אז עס זיינען פארהאן סאציאלע וויסענשאפטען... אט דאס פערשטעה איך ניט. איך דיינק, אז דאס איז שעדליך, א גוטע וויסענשאפט קען ניט געמאכט ווערען פון א סאציאליסט. די סאציאליסטען טארען בשום אופן ניט מאכען די וויסענשאפט. א וויסענשאפט, וואס איז פאר אונז ניצליך אדער אמוזירט אונז, קען מאכען עדיסאן, יע. פאנאגראף, סינעמאטאגראף — דאס איז ניצליך. און ווען עס זיינען דא א סך ביכער מיט וויסענשאפטען — איז דאס איבעריג. מענשען דארפען ניט לייענען אזוינע ביכער, וואס קענען אויפוועקען אין קאפ... אלערהאנד ספחות. אלץ געהט אויף דער ערד ווי געהעריג איז... און ס'איז א נארישקייט, ווען מען שטעקט זיך מיט ביכער אין געשעפט...

איך האב זיך אויפגעהויבען.

— אָה! איהר געהט אוועק?

— יע! — האָב איך געזאגט. — אפשר יעצט, ווען איך געה אוועק, וועט איהר זיין אזוי גוט און ענדליך מיר ערקלערען: וואס איז דער שכל צו זיין א מיליאנער?

אנשטאט צו ענטפערען האָט ער גענומען גרעבצען און זיך צאפּלען מיט די פּיס. ווער ווייס, צו דאס איז ניט געווען זיין שטייגער פון לאַכען.

— דאס איז א געוואוינהייט! — האָט ער אויסגעשריען, אבציהענדיג דעם אטעם.

— וואס איז א געוואוינהייט? — האָב איך געפרעגט.

— צו זיין א מיליאנער... דאס איז א געוואוינהייט!

איך האָב זיך אויף א מינוט פערטראַכט און איהם אוועקגעשטעלט מיין לעצטע פראגע:

— איהר דיינקט, הייסט דאס, אז א לאָבוס, אן אָפּיום־דרייבערער און א מיליאנער געהערען צו דעם זעלביגען סאָרט בריאות?

דאס האָט איהם וואהרשיינליך בעליידיגט. ער האָט געמאכט רונדע אויגען, זיי אבגעפארבט מיט גאל אין א גרינעם קאָליר און געענטפערט מיט א טרוקענער שטימע:

— איך דיינק, אז איהר האָט געקראגען א שלעכטע ערציהונג.

— צום ווידערזעהן! — האָב איך געזאגט.

ער האָט מיך העפליך בעגלייט ביז דער טיהר און איז געבליבען שטעהן אויף די אויבערשטע טרעפּ, בעקוקענדיג מיט אויפמערקזאמקייט די שפּיצען פון זיינע שיך. פאר'ן הויז האָט זיך געצויגען א קליינע לאָנקע, בעדעקט מיט א געדיכטען, גלייך ארומגעשארענעם גראָז. איך האָב געשפּרייזט איבער דער לאָנקע און זיך געקוויקט בשעת מעשה מיט דעם געדאנק, דאס איך וועל שוין דעם מענשען מעהר ניט אנזעהן.

— הערט נאר! — האָב איך דערהערט הינטער זיך.

איך האָב זיך אומגעקערט. ער איז געשטאנען ביים ארייגאנג און האָט געקוקט אויף מיר...

— הערט נאר. ביי אייך אין איראפא זיינען עפּים דא אי־בעריגע קיסרים? — האָט ער געפרעגט ביי מיר, אויסציהענדיג די ווערטער.

— איך רעכען, אז זיי זיינען אלע איבעריגע! — האָב איך גע־ענטפערט.

ער האָט א שפּיי געטון רעכטס און געזאגט:

— איך האָב בדעה אריבערצוברייגגען פאר זיך א פּאָר גוטע קיסרים. וואס וועט איהר זאגען אויף דעם?

— אויף וואס דארפט איהר דאס?

— פאר וואס ניט? מען קען האָבען א ביסעל שפּאס. איך וואלט זיי געהייסען קלאפּען די זייטען איינער דעם צווייטען אט א דאָ ביי מיר...

ער האָט בעוויזען אויף זיין לאָנקע און מוסיף געווען מיט א פראגע־טאָן:

— פון איינס ביז האלב צוויי, יעדען טאג. ווי מיינט איהר? א פּלאַן, הא? נאכ'ן איבערבייסען איז אנגענעהם אבצוגעבען א האלב שעה דער קונסט... גוט, כ'לעבען.

ער האָט גערעדט ערנסט, און מען האָט געקענט פערשטעהן, אז ער וועט אָנווענדען אלע מיטלען כדי אויסצופיהרען זיין פער־לאנג.

— וואס דארפט איהר האָבען פאר דעם צוועק גראד קיסרים?

— האָב איך געוואלט וויסען.

— ווייל דא האָט דאס נאך קיינער ניט! — האָט ער קורץ ערקלערט.

— אבער קיסרים שלאָגען זיך דאך נאר מיט פרעמדע הענד!

— האָב איך געזאגט און בין אוועק.

— הערט נאר! — האָט ער מיך א רוף געטון נאך א מאָל.

איך האָב זיך ווידער אבגעשטעלט. ער איז נאך אלץ געשטא־נען אויף זיין אלטען פּלאץ, די הענד פערלעגט אין די קעשענעס. אויף זיין פּנים איז געווען א מין טרוימערישער אויסדרוק.

— וואס וועט איהר זאגען? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט א קיי געטון מיט זיינע ליפּען און לאנגזאם ארויס־געריעדט:

— ווי פיעל, מיינט איהר, וואלט דאס מיר געקאסט: צוויי קיסרים צו קלאפּען זיך די זייטען א האלב שעה א טאג, אלע ליעבע טאג, אויף א צייט פון דריי חדשים? הא?

דער פריסטער פון מאָראַל.

דער פריסטער פון מאָראל.

א י נ ט ע ר װ י ו.

...ער איז געקומען צו מיר שפּעט אין אווענד, האָט ארומ־געקוקט פערדעכטיג מיין צימער און שטילערהייט א פרעג געטון:

— קענט איהר מיר שײנקען א האלב שעה צייט אויף א שמועס אונטער פיער אויגען?

אין דעם קלאנג פון זיין שטימע און אין דער גאנצער פיגור זיינער, פערטריקענט און איינגעבויגען, איז געלעגען עפּיס אונרו־היגעס, עפּיס געהיימעס. ער האָט זיך אנידערגעזעצט אויפ׳ן שטוהל אזוי פארזיכטיג, ווי ער וואלט מורא האָבען, אז די מעבעל וועט ניט אויסהאלטען די שווערקייט פון זיינע לאנגע און שארפע ביינער.

— קענט איהר ארונטערלאזען די פארהאנגעס אויפ׳ן פענס־טער? — האָט ער געפרעגט אין דער שטיל.

— אָך... פאר וואס ניט? — האָב איך געזאגט, און די מי־נוט נאכגעגעבען זיין פערלאנג. ער האָט מיך בעדאנקט מיט א שא־קעל מיט׳ן קאפּ, דערנאך האָט ער א וואונק געטון צו דער זייט פון פענסטער און בעמערקט נאך שטילער:

— תמיד שפּירט מען נאך.

— ווער?

— די צייטונגס־שרייבער, פערשטעהט זיך.

איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין איהם. אנגעטון זעהר לייטיש, מען קען זאגען, מיט א פּוץ, האָט ער פון דעסטוועגען גע־

מאכט דעם איינדרוק פון אן ארימאן. זיין פליכעוואטער שפיציגער שארבען האט געבלאנקט מיט געפיהל פון עניוות און אנשטענדיג־קייט. דאס מאגערע געזיכט גלאט אויסגעגאלט; די גראע אויגען מיט א שולדיגען שמייכעלע, האלב פערדעקט מיט בלאנדע ברע־מען. ווען ער פלעגט א הויב טון די ברעמען און מיר קוקען גלייך אין פנים אריין, האב איך געפיהלט, אז איך שטעה עפים פאר א פוסטער זאך, וואס איז טונקעל, אבער נישט טיעף. געזעסען איז ער די פים פערבויגען אונטער'ן שטוהל, דעם דאליאן פון דער רעכטער האנד אויף איין קניע, און די לינקע מיט'ן קאפעליוש אראבגעלאזען צו דער ערד. די לאנגע פינגער האבען א ביסעל געציטערט; די ווינקלען פון די שטייף צונויפגעפרעסטע ליפען זיינען אראבגעהאנגען ווי פון מידקייט. דאס איז געווען א גוטער סימן, אז דער מאן האט בעצאהלט טייער פאר זיינע מלבושים.

— ערלויבט מיר זיך פארצושטעלען, — האט ער אנגעהוי־בען מיט א זיפץ, ווארפענדיג א קרומען בליק אויפ'ן פענסטער.
— איך בין, ווי זאל איך אייך זאגען, א פראפעסיאנעלער בעל־עבירה'ניק...

איך האב געמאכט דעם אנשטעל, דאס איך האב פערהערט זיינע לעצטע ווערטער, און גאנץ רוהיג א פרעג געטון:
— וואס?
— איך בין א פראפעסיאנעלער בעל־עבירה'ניק, — האט ער איבערגע'חזר'ט אות אין אות און צוגעלעגט: — מיין מלאכה איז צו זינדיגען געגען די געזעלשאפטליכע מאראל...

אין דעם טאן פון די לעצטע ווערטער איז געלעגען אזא'ן עניוות, אז איך האב ניט געקענט כאפען אפילו דעם קלענסטען שאטען פון חרטה ניט אין די ווערטער, און ניט אין דעם געזיכט.
— פיעלייכט... וואלט איהר גענומען א גלאז וואסער? — האב איך איהם פארגעלעגט.
— ניין, א דאנק אייך! — האט ער זיך אבגעזאגט, און זיינע אויגען מיט'ן שולדיגען שמייכעל האבען זיך אבגעשטעלט אויף מיר.

— ס׳ווייזט אוים, אז איהר פערשטעהט ניט גאנץ קלאר, וואס איך מיין?

— ניין, אדרבא, פאר וואס זאלט איהר דיינקען אזוי? — האב איך געענטפערט נאכ׳ן שטייגער נאך פון די איירא‌פעאישע זשורנאליסטען, וועלכע האבען א טבע צו פערדעקען זייער עמ־הארצות מיט אן•אפענעם ליגען. אבער ער האט מיר משמעות ניט געגלויבט. וויגענדיג דעם קאפעליוש, האט ער גענומען רעדען מיט אן עניוות׳דיגען שמייכעל.

— איך וועל אייך ברייננגען א פאר פאקטען׳פון מיין טעטיג־קייט, כדי איהר זאלט פערשטעהן, ווער איך בין אזא...

ביי די ווערטער האט ער אבגעזיפצט און ארונטערגעלאזט דעם קאפ. און אויף דאס ניי האט מיך געוואונדערט, דאס אין זיין זיפצען האט זיך געפיהלט ניט מעהר ווי א מיעדקייט.

— געדיינקט איהר, — האט ער אנגעפאנגען, וויגענדיג שטי־לערהייט דעם קאפעליוש, — אין די צייטונגען האט מען גע־שריבען פון איינעם א מענשען... כ׳מיין, פון א שיכור? פון א גרוי־סען סקאנדאל אין א טעאטער?

— איהר מיינט דעם העררען, וועלכער האט פערנומען א פלאץ אין די ערשטע רייהען, און אין רעכטען מיטען פון א הייסער סצענע האט ער זיך אנידערגעשטעלט, אנגעטון דעם הוט און הויך אויפ׳ן קול גענומען רופען א דראשקאר? — האב איך געפרעגט.

— יע, — האט ער צוגעגעבען און פריינדליך מוסוף געווען.

— דאס בין איך געווען. דאס שטיקעל נייעס אין די צייטונגען אונטער׳ן קעפעל „א ווילדע חיה אין מענשליכער געשטאלט, וואס פייניגט קינדער" — דאס איז געווען אויך וועגען מיר, אזוי גוט ווי די ידיעה מיט׳ן נאמען: „א מאן, וועלכער פערקויפט זיין ווייב"... דער חברה־מאן, וועלכער איז צוגעשטאנען אין גאס צו אן איידעלער פרוי מיט זעהר א מיאוס׳ען פארשלאג, דאס בין ווייטער איך... בקיצור, איהר וועט געפינען וועגען מיר א בעריכט אין די צייטונגען וועניגסטענס איין מאל א וואך; אלע מאל, ווען

עס דארף בעוויזען ווערען, ווי אויסגעלאזען די היינטיגע וועלט איז...

ער האָט דאס אלץ דערצעהלט ניט הויך, מיט זעהר א קלאָ-רער שטימע, אבער אהן א שום בעריהמעריי. איך האָב לחלוטין גאר נישט פערשטאנען. נאר מיר האָט זיך ניט געוואלט ער זאל דאס זעהן. ווי אלע שרייבער, מאך איך אויך תמיד דעם מוליר, אז איך קען כלומר'שט דאס לעבען און די מענשען, ווי מיינע אייגענע פינף פינגער.

— המ... — האָב איך געזאגט מיט'ן טאָן פון א פילאָזאָף.

— הייסט דאס, אז דער מין בעשעפטיגונג פערשאפט אייך פער-גניגען, צו וואס?

— ווען איך בין געווען א יונגער מאן, האָט דאס מיך דעם אמת זאגענדיג אמוזירט, — האָט ער געענטפערט. — אבער אָצונד איז מיר שוין פינף און פיערציג יאהר, איך האָב א ווייב און צוויי טעכטער... אין אזא לאגע איז זעהר ניט בעקוועם, ווען א צוויי-דריי מאָל די וואך שרייבט מען אין אלע צייטונגען, דאס פון אייך נעהמט זיך די גאנצע אויסגעלאסענהייט, דער גאנצער זנות. אהן אן אויפהער שפירען אייך נאך די צייטונגס-שרייבער, כדי איהר זאלט ערפילען אייערע פליכטען פינקטליך און צו דער צייט.

איך האָב גענומען הוסטען אום ניט צו בעווייזען, אז איך בין נשתומם'דיג. דערנאך, מיט א טאָן פון מיטגעפיהל, האָב איך א פרעג געטון:

— דאס איז ביי אייך אזא קראנקהייט?

ער האָט א שאקעל געטון מיט'ן קאפ אויף ניין, זיך אבגע-פאָכט מיט'ן קאפעליוש דאס פנים און געענטפערט:

— ניין, א מלאכה. איך האָב שוין אייך געזאגט, אז מיין ספע-ציאליטעט בעשטעהט אין דעם, וואס איך מאך סקאנדאלען אין גאס און אין עפענטליכע פלעצער... אנדערע חברים אין אונזער גע-שעפט פערנעהמען זיך מיט עסקים, וואו עס ליגט א גרעסערע פער-אנטווארטליכקייט, א שטייגער — בעליידיגען די רעליגיעזע גע-פיהלען; פערפיהרען פערהייראטע פרויען און אונשולדיגע מייד-

לעך; מאכען א גנבה, וואס זאל בעטרעפען ניט מעהר ווי צעהן טויזענד דאלאר...

ער האָט אבגעזיפצט, זיך ארומגעקוקט און פערטייטשט:

— און איבערהויפט פערברעכען געגען די מאָראל... נו, און איך בעשעפטיג זיך נאר מיט קליינע סקאנדאלען...

ער האָט גערעדט וועגען דעם, ווי א בעל־מלאכה רעדט פון זיין ארבייט. דאס האָט מיך שוין גענומען מאכען בייז און איך האָב געפרעגט סארקאסטיש:

— אייך בעפרידיגט דאס ניט?

— ניין! — האָט ער געענטפערט פראסט־הארציג.

זיין פראסטהארציגקייט האָט מיך געמאכט אבהענדיג און אין דער זעלבער צייט ארויסגערופען א שארפע נייגיריגקייט. איך האָב א ווײַלע געשוויגען און דערנאך איהם געשטעלט די פראגע:

— זייט איהר געזעסען אין געפענגנים?

— דריי מאָל. בכלל זיינען די פערברעכען מיינע פון אזא סאָרט, דאס איך קום אב מעהר ניט ווי מיט צאָהלען שטראף. אבער צאָהלען צאהלט די בורא, פערשטעהט זיך.

— די בוראָ! — האָב איך איבערגע׳חזר׳ט נישט־ווילענדיג.

— נו, יע! איהר דארפט דאך אליין פערשטעהן, אז מיר גופא איז אונמעגליך צו בעצאהלען די שטראף יעדעס מאָל! — האָט ער געזאגט מיט א שמייכעל. — פופציג דאלאר א וואָך איז גאר ניט אזוי פיעל פאר א פאמיליע פון פיער מענשען...

— לאזט מיר בעקלערען, וואס איהר האָט דא געזאגט, — האָב איך איהם געבעטען און זיך אויפגעהויבען פון שטוהל.

— אדרבא... — האָט ער מסכים געווען.

איך האָב אנגעהויבען ארומצושפּרייזען איבער׳ן צימער פאר־ביי איהם הין און צוריק, און אין קאָפּ זיינען מיר דורכגעלאָפען איינע נאך דער אנדערער אלע מיני משוגעת׳ען. מיר האָט זיך גע־וואלט בעשטימען זיין מין משוגעת, אבער עס איז ניט געגאנגען. איין זאך איז געווען פאר מיר קלאָר: דאס איז ניט די איינגע־רעדטע משוגעת פון גרויסקייט. ער האָט פערפאלגט מיינע בעווע־

גונגען מיט א פריינדליכען שמייכעל אויפ'ן מאגערען, אויסגע־צעהרטען פּנים און געדולדיג געוואַרט, וואס וועט זיין דער סוף.

— אלזא, א ביורא? — האָב איך געפרעגט, זיך אבשטעלענ־דיג אנטקעגען איהם.

— יע, — האָט ער געזאגט.

— א סך אנגעשטעלטע?

— דא אין שטאדט — 125 מענער און 75 פרויען...

— דא אין שטאדט? הייסט דאס... אין אנדערע שטערט זיינען אויך פארהאַן די ביוראָס?

— איבער'ן גאנצען לאנד, פערשטעהט זיך! — האָט ער גע־זאגט מיט אזא שמייכעל, ווי ער וואלט מיך געהאלטען אונטער זיינע שוץ־פליגלען.

איך האָב דערפיהלט א רחמנות צו זיך אליין.

— אבער... וואס־זשע... — האָב איך געפרעגט ניט זיכער ביי זיך, — מיט וואס־זשע בעשעפטיגען זיי זיך, די דאזיגע ביוראס?

— זיי זיינען עובר אויף די געזעץ פון מאָראל! — האָט ער געענטפערט מיט עניוות, פערלאזען דעם שטוהל, וואו ער איז גע־זעסען, זיך אויסגעצויגען אין א קרעסלאָ און מיט אן אפענער ניי־גיריגקייט גענומען בעקוקען מיין געזיכט. על כל פּנים האָב איך אויסגעזעהן ביי איהם אין די אויגען ווי א ווילדער און ער האָט אויפגעהערט צו זשענירען זיך.

— צו אלל'די שווארץ יאהר! — האָב איך א קלער געטון. — מען דארף איהם ניט בעווייזען, אז איך פערשטעה גאר נישט...

און רייבענדיג די הענד, האָב איך געפרעגט מיט לעבהאפ־טיגקייט:

— דאס איז אינטערעסאנט! זעהר אינטערעסאנט!... נאר איין זאך וויל איך וויסען... צו וואס דארף מען דאס?

— וואס? — האָט ער געפרעגט מיט א שמייכעל.

— כ'מיין אט די ביוראס, וואס זיינען עובר אויף די געזעץ פון מאראל?

ער האָט זיך גוטהארציג צולאכט, ווי א גרויסער צולאכט זיך

איבער א נארישקייט פון א קינד. איך האָב א קוק געגעבען אויף איהם, און אין קאפּ איז מיר דורכגעפלויגען דער געדאנק, אז אונ־ וויסענהייט איז טאקי דער מקור פון אלע הארץ־וועהטאגען.

— ווי דיינקט איהר, מאכען א לעבען דארף מען צו ניט? — האָט ער געפרעגט.

— אודאי!

— און א לעבען א פיינס?

— נו, פערשטעהט זיך!

דער מאן האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו מיר און מיך א קלאפּ געטון איבער דער פּלייצע.

— און שוים־זשע, מיינט איהר, איז מעגליך הנאה צו האָבען פון לעבען, ווען מען זאל ניט עובר זיין אויף די געזעץ פון מאָ־ ראל? הא?

ער האָט זיך אבגערוקט פון מיר, א וואונק געטון, זיך ווידער אויסגעצויגען אין קרעסלאָ, ווי א העכט אויף א פּאלומעסאָק, ארויס־ גענומען א סיגאר, און ניט פרעגענדיג מיין ערלויבניס האָט ער זי פעררויכערט. דערנאָך האָט ער מאריך געווען:

— ווער, זייט מוחל, קען געפינען א טעם אין טרושקאוועס מיט קארבאָל? — און ער האָט א ווארף געטון אויף דר'ערד דאס ברענענדיג שוועבעלע.

דאס איז שוין אן אלטע מעשה: אז א מענש דערפיהלט נאר, דאס ער איז העכער פון צווייטען, בעהאנדעלט ער איהם ווי א דבר אחר.

— מיר איז שווער אייך צו פערשטעהן! — האָב איך זיך מודה געווען, איהם קוקענדיג אין געזיכט.

ער האָט א שמייכעל געטון און געזאגט:

— איך האָב געהאט א העכערע מיינונג פון אייערע פייהיג־ קייטען...

וואס א מינוט איז ער געווארען אלץ היימישער. דעם אש פון דער סיגאר האָט ער אראבגעווארפען גלייך אויף דר'ערד; דער־ נאָך האלב צוגעמאכט די אויגען און נאכפאלגענדיג דורך די ברע־

מען דעם דינעם רויך פון זיין סיגאר, האָט ער גענומען רעדען ווי א מענש, וועלכער פערשטעהט א טאָלק אין געשעפט.

— איהר זייט וויניג בעקאנט מיט דער מאָראל, אט וואס איך זעה...

— ניין, א פאר מאָל האָט זי זיך געצעפּעט צו מיר, — האָב איך געענטפערט מיט עניוות.

ער האָט ארויסגענומען די סיגאר פון מויל, א קוק געטון אויף איהר שפּיץ און בעמערקט פילאָזאָפיש:

— זיך א האק טון מיט'ן שטערן אן וואנד הייסט נאך ניט צו דערגעהן גרינדליך, וואס א וואנד איז!

— יע, מיין מיינונג איז אויך אזא. אבער איך וויים ניט פאר וואס, — עפּים אלע מאָל, ווען איך שטוים זיך אן מיט דער מאָראל, שפּרינג איך אב פון איהר, ווי א פּילקע פון וואנד...

— מען האָט אייך ניט ערצויגען ווי ס'געהער צו זיין! — האָט ער געזאגט מיט'ן טאָן פון א ווערטעל-זאגער.

— דאס איז אויך מעגליך, — האָב איך איינגעשטימט. — דער סאמע פערברענטער אנהייגער פון מאָראל, וואס מיר איז ווען אויסגעקומען צו טרעפען, איז געווען מיין זיידע עה"ש. ער האָט געוואוסט פון אלע וועגען און שטעגען, וואס פיהרען אייך גלייך אין גן עדן אריין, און אויף די דאָזיגע וועגען פלעגט ער תמיד שטויסען יעדען איינציגען, מיט וועלכען ער האָט זיך בעגעגענט. דער אמת איז געווען אנטפּלעקט נאר איהם אליין; און מיט וואס ער האָט געקענט פלעגט ער אט דעם אמת אריינהאקען אין די קעפּ פון זיין ווייב און קינדער. ער האָט אויסגעצייכענט געוואוסט ביז א האָר אלץ, וואס דער רבונו של עולם פערלאנגט פונ'ם מענשען; און אפילו הינד און קעץ האָט ער אויך געלערענט, ווי אזוי מען דארף זיך נוהג זיין אום צו פערדינען א שטיקעל עולם הבא. צו די אלע זאכען איז ער געווען א בייזער, א קמצן, א פראצענטניק, קיין וואהר ווארט ניט געהאט. און מיט דער אכזריות פון א פּיינ־לינג — די פּיינע מעלה האָבען אלע אנהייגער פון מאראל — פלעגט ער אין א פרייער און א בעקוועמער מינוט קלאפּען די זיי־

טען די שטוביגע מיט וואס ער האָט געקענט און אויף וואס פאר אן אופן ער האָט געוועלט... איך האָב פּרובירט צו ווירקען אויף מיין זיידען, מאכען איהם א קאפּעלע ווייכער, — איין מאָל האָב איך דעם אלטען ארויסגעוואָרפען פון פענסטער, א צווייטען מאָל האָב איך איהם א פּלעט געטון איבער'ן קאפּ מיט א שפּיגעל. אי דאס פענסטער, אי דער שפּיגעל זיינען ביידע צובראכען געוואָרען, אבער דער זיידע איז פון דער געשיכטע בעסער ניט געוואָרען. און אזוי איז ער געשטאָרבען אן אנהייננגער פון דער הייליגער מאראל. אט פון יענער צייט אן, פערשטעהט איהר מיך, זעהט ביי מיר אויס די מאראל א ביסעל עקעלהאפט... אפשר וועט איהר מיר זאגען עפּיס א נייעס, וואס זאל מיך קענען מיט דער מאראל שלום מא־כען? — האָב איך איהם פארגעשלאָגען.

ער האָט ארויסגענומען דעם זייגער, א קוק געטון אויף איהם און געזאָגט:

— איך האָב קיין צייט ניט צו לייענען פאר אייך א לעקציע... אבער אזוי ווי איך בין שוין יע געקומען צו אייך, רעכט, טו איך דאס. איך האָב אנגעהויבען, מוז איך ענדיגען. ס'קאָן זיין, אז איהר וועט מיר קענען טון א טובה... איך וועל דאס מאכען בקיצור...

ער האָט ווידער האלב־צוגעמאכט די אויגען און גענומען רע־דען מיט אן אויפגעבלאָזענעם טאָן:

— די מאראל איז פאר אייך נויטיג ווי דאס לעבען, — אט דאס דארף מען האָבען אין זינען! פארוואס איז זי נויטיג? ווייל זי בעוואָרענט אייער פערזענליכע רוה, אייערע רעכט און אייער איי־גענטום. מיט אנדערע ווערטער, זי בעשיצט די אינטערעסען פון דעם „ברודער”. און ווער איז דער „ברודער”? דאס זייט איהר דאך און מעהר קיינער ניט, איהר פערשטעהט א מעשה? אויב איהר האָט א ווייב א פארשוין, טענה'ט איהר כסדר צו די ארומי־גע: „לא תחמד אשת רעך, — עס זאל זיך דיר ניט פערגלוס־טען דיין פריינד'ס ווייב”. אויב א מענש האָט געלד, אָקסען, שקלאַ־פען, אייזלען און אליין איז ער אויך ניט קיין פלאָקען, — איז ער אן אנהייננגער פון מאראל. די מאראל איז פאר אייך ניצליך, ווען

איהר פערמעגט אלץ, וואס איהר דארפט, און ווילט זיך מיט קיי־נעם ניט טיילען דערמיט; די מאראל איז שעדליך, ווען די האָר אויפ'ן קאפּ זיינען ביי אייך די איינציגע איבעריגע זאך, וואס איהר האָט.

ער האָט א גלעט געטון מיט דער האנד דעם היילען שארבען און מאריך געווען:

— די מאראל — דאס איז דער היטער פון אייערע אינטערע־סען; און אט דעם שומר סטארעוועט איהר זיך אריינצושפּארען אין די נשמות פון די מענשען, וועלכע רינגלען אייך ארום. אין די גא־סען שטעלט איהר אוועק פּאליציאנטען און געהיימע אגענטען; אין דעם מענשענ'ס נשמה פּעררוקט איהר א גאנצע שרענגע פּרינ־ציפּען. די דאזיגע פּרינציפּען דארפען אריינוואקסען אין זיין גע־הירן און פערבינדען דארטין, דערשטיקען און פערניכטען אלע גע־דאנקען, וואס זיינען אייך פיינדליך; אלע פערלאנגען, וואס זיי־נען שעדליך פאר אייערע רעכט. די מאראל איז שטרייכגער מעהר פאר אלעמען גראָד דארטין, וואו די עקאנאמישע היפּחים טרעטען ארויס בולטער. וואס מעהר געלד איך האָב, בין איך אלץ א שטריינ־גערער מאָראל־פּרעדיגער. אט דערפאר זעהט מען טאקי, דאס אין אמעריקא, וואו עס איז פאראהאן אזא גוזמא רייכע לייט, ווערט די מאראל פערגעטערט ווי וור'ייסט וואס.

— יע, — האָב איך געזאגט, — אבער צו וואס דארף מען האָבען א ביורא?

— ווארט א מינוט, — האָט ער געענטפערט, אויפהויבענדיג די האנד מיט א וואזשנער מינע.

— ווי איך האָב אייך געגעבען צו פערשטעהן, איז דער איינציגער צוועק פון דער מאראל אריינצופלאנצען ביי אלעמען דעם געדאנק, דאס מען זאל אייך לאזען צורוה. אבער ווי באלד אז איהר האָט א סך געלד — האָט איהר אויך א סך פערלאנגען און די פולע מעגליכקייט זיי מקים צו זיין, — אמת? פון דעסטוועגען קענט איהר ניט מקים זיין דאס רוב פערלאנגען אייערע, סיידען איהר זאלט עובר זיין אויף די פּרינציפּען פון מאראל... וואס־זשע

טוט מען ? איהר קענט דאך ניט פרעדיגען פאר דער וועלט דאס, וואס איהר אליין לייקענט אב ? ערשטענס, איז דאס ניט בעקוועם ; און אגב קען נאך די וועלט אייך ניט גלויבען, און געהט טוט איהר עפּים ! די גאנצע וועלט בעשטעהט דאך ניט פון גאָלע נאראָנים... איך כאפ אייך אָן : איהר זיצט אין א קאפע, טרינקט שאמפאניער און קוסט זעהר א שיינע פרוי, כאטש זי איז ניט אייערע... פון דעם שטאנדפונקט, וואס נאך אייער רעכנונג דארף ער זיין פאר אלעמען היילינ, איז דער מין בעשעפטיגונג פשוט אונמאראליש. אבער פאר אייך פערזענליך איז אזא צייט-פערטרייב נויטווענדיג ; דאס איז ביי אייך אן אלטע זיסע געוויינהייט ; זי פערשאפט אייך אזוי פיעל פערגניגען. און פאר אייער געוויסען שטעלט זיך אוועק א פראגע : אויף וואס פאר אן אופן קען מען פערבינדען פון איין זייט די דרשות צום עולם חלילה ניט אריינצולאזען זיך אין די זיסע עברות, און פון דער אנדער זייט אייער ליעבע אט דוקא צו די זעל-ביגע עברות ? נאך א ביישפיעל. איהר חזר'ט איבער אויף יעדען טריט און שריט : לא תגנב, גנב'ע ניט. מחמת עס וועט אייך זיין זעהר נישט אנגענעהם, ווען מען וועט אייך אנהויבען צו בע'גנב'ען, וואס איז, א ליגען ? אבער אין דער זעלבער צייט, כאטש איהר האָט אפילו געלד ווי בלאטע, — חלש'ט איהר ממש אוועקצו'גנב'ען נאך א ביסעל. א דריטער ביישפיעל : איהר האלט גאר, אוים די וועלט, פון דעם פרינציפּ — לא תרצח, זאלסט ניט הרג'ען א מענ-שען. ווייל דאס לעבען איז אייך טייער, און פאר וואס זאל אייך דאס לעבען ניט זיין טייער ? דאס איז אנגענעהם, פול מיט תענוגים. מיט א מאָל קומען צוגעהן די ארבייטער פון אייערע קאָהלען-גריבער און פארדערן העכערן זיי די שכירות. געגען אייער ווילען רופט איהר ארויס סאלדאטען און — טראסק ! — א פּאָר צעהנדליג ארבייטער ליגען טויט. אדער איהר האט ניט וואו צו פערקויפען די סחורה. איהר וויזט אן אויף דעם פאקט איי-ער רעגירונג און איהר נעהמט זי איבערצייגען אז עס איז נויטיג צו עפענען פאר אייך א נייעם מארק. די רעגירונג טוט אייך צוליעב און שיקט א קליינע ארמעע ערגיץ קיין אזיען אדער אפריקא, קוי-

לעט דארטין אויף עטליכע הונדערט אדער עטליכע טויזענד איינ־
געבארענע, — און פארטיג: אייער פערלאנג איז מקוים געווא־
רען... דאס אלץ שטימט לחלוטין ניט איין מיט אייערע דרשות וועגען מענשען־ליעבע, אבגעהאלטענקייט און צניעות. אבער ווען איהר הרג'עט אויף ארבייטער אדער איינגעבארענע, קענט איהר געפינען א זכות פאר זיך. איהר קענט זאגען, אז דאס פארדערן די אינטע־
רעסען פון דער מלוכה. ווי קען דען די מלוכה האבען א קיום, אז די וועלט וועט ניט ליגען אויף די קניע פאר אייערע אינטערעסען?
די מלוכה — דאס זייט איהר; פערשטעהט זיך, ווען איהר זייט א רייכער מאן. א סך שווערער איז אייך אין די קלייניגקייטען — אין זנות, גנבה און אנדערע זאכען. בכלל, וועל איך אייך זאגען, איז די לאגע פון גביר — א טראגישע לאגע. פאר איהם איז דורכ־
אויס נויטיג, אז אלע זאלען איהם האלט האבען; אז קיין איינעם זאל זיך חלילה ניט פערוועלען אנצוגרייפען די גאנצקייט פון זיין איינענטום; אז קיינער זאל ניט מחולה מאכען זיינע געוויינהיי־
טען, און אלע זאלען זיך בעגעהן צניעות'דיג מיט זיין פרוי, שוועס־
טער, טאכטער. אין דער זעלבער צייט איז פאר איהם גופא ניט נאר ניט נויטיג ליעב צו האבען אנדערע מענשען, זיך אבצוהאלטען פון גנבה, צו בעגעהן זיך צניעות'דיג מיט פרויען, א. ז. וו. — פער־
קעהרט! דאס אלץ איז בלויז א שטערונג פאר זיין פערזענליכער טעטיגקייט און אונבעדינגט שעדליך פאר'ן ערפאלג פון זיין אר־
בייט. ווי דער שטייגער איז, איז דאך זיין גאנץ לעבען איין רייהע פון גנבות און גזלות; ער ראבעוועט טויזענדער מענשען, א גאנצע מדינה; דאס איז נויטיג פאר'ן וואוקס פון קאפיטאל, ס'הייסט פאר'ן פארטשריט פון לאנד, — איהר פערשטעהט? ער רואינירט פרויען צעהנדליגווייס, — דאס איז זעהר אן אנגענעהמער צייט־
פערטרייב פאר א פוסט־און־פאסניק. און, אימשטיינס געזאגט, וועמען זאל ער האלט האבען? אלע מענשען צוטיילט ער אין צווי גרופען — איינע בע'גנב'עט ער אליין, די צווייטע, פערקעהרט, זעהט אבצושלאגען ביי איהם דאס זעלביגע פיין געשעפטעל.

דער רעדנער איז געווען א פנים צופרידען מיט זיין גרינדלי־

בער קענטעניס אין דער פֿראַגע. ער האָט אַ שמייכעל געטון און, אוועקוואַרפֿענדיג אין אַ ווינקעל פֿון צימער די אויסגערויכערטע סי־גאַר, האָט ער גענומען רעדען ווייטער:

— בכן: די מאראַל ברענגט אַ נוץ דעם רייכען און איז שעד־ליך פֿאַר אַלע אַנדערע מענשען. אָבער אין דער זעלבער צייט איז זי פֿאַר איהם גופא אַן איבעריג שטיק סחורה, בעת פֿאַר דער וועלט איז זי נויטיג. אַט דערפֿאַר איז דאָס, וואָס די אַנהייגער פֿון מאראַל סטאַרעווען זיך אַריינצוהאַקען אין די מענשען וואָס טיעפֿער די פּרינציפּען פֿון מאראַל. אָבער זיי אַליין טראָגען דאָס פֿון אויבען־אויף, ווי מען טראָגט אַ שטייגער שניפּסען און האַנדשוה. נאָמיר געהן ווייטער: ווי אַזוי וועט איהר איבערצייגען די וועלט, אַז פֿאַר איהר איז נויטיג אָבצוהיטען די געזעץ פֿון מאראַל? קיינעם קומט גאָר ניט אַרויס דערפֿון, וואָס צווישען קישעניקעס וועט ער זיין איי־נער אַן עהרליכער מאַן. אָבער ווען עס איז אונמעגליך צו איבערציי־גען, — היפּנאָטיזירט! דאָס גיט זיך איין אַלע מאָל...

ער האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, מיר צוגעוואונקען און איבערגע'חזר'ט:

— איז אונמעגליך צו איבערצייגען, — היפּנאָטיזירט!

דערנאָך האָט ער אוועקגעלעגט זיין האַנד צו מיר אויפ'ן קניע, מיר אַריינגעקוקט אין געזיכט און אַרונטערלאָזענדיג די שטימע מאריך געווען:

— דאָס ווייטערדיגע וועט פֿערבלייבען צווישען אונז, גוט?

איך האָב צוגעשטימט דורך אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

— דאָס ביורא, וואו איך בין אַנגעשטעלט, בעשעפֿטיגט זיך מיט'ן היפּנאָטיזירען די געזעלשאַפֿטליכע מיינונג. איהר פֿער־שטעהט? איך וויל, מיין העררר, איהר זאָלט האַלטען אין זינען, אַז אַזאַ מין אָריגינעלע איינריכטונג טרעפֿט איהר זעלטען אפילו דאָ אין אַמעריקאַ, — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ.

איך האָב נאָך אַ מאָל פֿערנייגט דעם קאָפּ.

— איהר ווייסט דאָך, אַז אונזער לאַנד, — האָט ער גענומען רעדען, — לעבט מיט איין איינציגער שטרעבונג: מאַכען געלד.

דא ווילט זיך יעדערן זיין רייך, און איין מענש פאר'ן צווייטען איז ניט מעהר ווי א מאטעריאל, פון וועלכען מען קאן תמיד ארויס־קוועטשען א פּאָר קערענדלעך גאלד. און דאס גאנץ לעבען בע־שטעהט נאר אין ארויסנעהמען גאלד פון דעם מענשענ'ס פלייש און בלוט. דאס פאלק ביי אונז אין לאנד — און ווערליג ווי עס איז מיר אויסגעקומען צו הערען, איז דאס אומעטום אזוי — שטעלט פאר די רויע ערץ, פון וואנען מען קריגט ארויס דאס געל מעטאל, גאלד; דער פראגרעס — דאס איז די צונויפקלייבונג אין איין אָרט פון דער גאנצער פיזישער ענערגיע פון די מאסען; ס'הייסט די פערשטייפונג פון דעם מענשענ'ס פלייש, ביינער און נערוועו — אין גאלד. דאס לעבען, מיין הערר, איז אויפגעבויט זעהר איינפאך...

— דאס איז אייער פערזענליכע מיינונג? — האָב איך א פרעג געטון.

— דאס? געוויס, ניט! — האָט ער געזאגט מיט שטאלץ. — דאס איז פּשוט אימיצענ'ס פאנטאזיע... איך געדענק ניט, ווי אזוי זי איז מיר ארייינגעפאלען אין קאָפּ... איך בענוץ זיך מיט איהר נאר דעמאלט, ווען איך רעד מיט מענשען... נישט נארמאלע מענשען. הערט ווייטער. דאס היגע פאלק קען זיך ניט אבגעבען מיט זינדי־גען — פאר דער דאזיגער מלאכה האָט דאס קיין צייט ניט. די אנ־געשטרייינגטע ארבייט צערט אזוי אויס דעם מענשען דורכ'ן טאג, אז ער האָט שוין ניט קיין כחות און ניט קיין בעגעהר א נאש צו טון נאך דער ארבייט, אין די מינוטען פון רוה. מענשען האָבען ניט קיין צייט צו בייינקען; זיי האָבען ניט קיין כח צו וועלען עפּיס; זייער לעבען ליגט אין איין ארבייט; נאר פאר דער ארבייט לעבען זיי, און אט דאס אָ מאכט זייער לעבען העכסט מאראליש. סיידען א מאָל, ווען עס איז, אין א יום־טוב, קלייבען זיך ביי אונז צונויף א פּאָר יונגען און היינגען אויף צוויי נעגערס; אבער דאס איז אויך ניט חלילה געגען מאראל; ווייל א נעגער איז ניט קיין ווייסער; און אגב האָבען מיר דא אזא גוזמא שווארצע, אז ווי פיעל מען זאל ניט אויסהיינגען, וועט בלייבען גענוג. אלע פיהרען זיך אויף מעהר

אדער ווענינער אנשטענדינ. דאס הינע לעבען איז שוין לאנג פער־גליווערט געווארען אין די איינגע ראמען פון דער אלטער פוריטא־נישער מאראל; און ווען אימיצער זאל זיך פרופען עובר זיין די פרינציפען איהרע, וועט די עבירה בולט ארויסטרעטען אויף דעם גראָען בילד פון אלגעמיינער אנשטענדיגקייט; פונקט ווי מען וואלט דארטין א שטייגער א שמיר געטון מיט סאזשע. דאס איז גוט פון איין זייט, אבער אין דער זעלבער צייט שלעכט אויך. די העכערע קלאסען פון דער געזעלשאפט קענען שטאלצירען מיט די גוטע מדות פון די נידריגע קלאסען; אבער די מאראלישע אויפ־פיהרונג בעשרייננקט דערוויילע די פרייהייט פון די רייכע צו טון דאס, וואס זיי ווילען. זיי פערמאגען געלד; הייסט דאס, אז זיי האָבען דאס רעכט צו לעבען, ווי עס ווילט זיך זיי, און זיך ניט קימערן אייו האָר ניט וועגען דער הייליגער מאראל. די רייכע זויי־נען זשעדנע; די זאטע זיינען בעל־תאוה'ניקעס; די לעדיג־געהער זיינען פערדארבען. הויך גראז וואקסט אויף פעטער ערד, זנות — אויפ'ן באדען פון צו פיעל זאטקייט. וואס־זשע זאל מען טון? אב־לייקענען די מאראל גאר אין גאנצען? איז דאס אונמעגליך, ווייל דאס איז נאריש. אויב עס קומט אייך ארויס עפּיס א נוץ דערפון, וואס מענשען וועלען זיין מאראליש, דארפט איהר קענען בעהאל־טען אייערע אייגענע שלעכטע ניטען... אָט דאס איז אלץ! על כל פנים איז דאס פאר אייך ניט אזא גוואלדיגע נייעס...

ער האָט זיך ארומגעקוקט און נאָך מעהר ארונטערגעלאזען די שטימע.

— און אט זיינען די פארשטעהער פון דער העכערער געזעל־שאפט אין ניו־יארק ארויפגעפאלען אויף א מערקווירדיג גליקליכען געדאנק. זיי האָבען בעשלאסען צו גרינדען אין לאנד א געהיימע חברה, וואס זאל האָבען דעם צוועק — עפענטליך עובר צו זיין אויף די געזעץ פון מאראל. דורך בייטרעגע איז געזאמעלט געווא־רען א היבשער קאפיטאל, און אין פערשיעדענע שטעדט פון לאנד זיינען געעפענט געווארען — פערשטעהט זיך בשתיקה — ספּעציע־לע ביוראס צו היפנאטייזירען די געזעלשאפטליכע מיינונג. מען האָט

געדונגען מענשען, פון דעם סארט ווי איך, און מען האָט אויף זיי ארויפגעלעגט דעם חוב צו בעגעהן פערברעכען געגען מאראל. בראש פון איטליכען ביורא געפינט זיך א מענש מיט ערפאהרונג, וואס מען קען זיך אויף איהם גוט פערלאזען, און ער זאגט שוין די אנגע־שטעלטע וואס צו טון און טיילט איין די ארבייט... געוויינליך איז ער דער רעדאקטאר פון א וואס'ער עס איז צייטונג...

— איך פערשטעה ניט די צוועקען פון דעם ביורא! — האָב איך געזאגט טיעף טרויעריג.

— די פשוט'סטע זאך! — האָט ער זיך אבגערופען. און מיט א מאָל האָט זיך אויף זיין פנים ארויפגעצויגען דער אויסדרוק פון פחד און פון נערוועזער ווארטענים אויף עפּיס. ער האָט זיך אויפ־געהויבען, פערלעגט די הענד הינטער'ן רוקען און גענומען שפּריי־זען איבער'ן צימער מיט לאנגזאמע טריט.

— די פשוט'סטע זאך! — האָט ער איבערגע'חזר'ט. — איך האָב אייך שוין געזאגט, אז די נידריגע קלאסען האָבען ווייניג צייט און דארום זינדיגען זיי ניט. אבער נויטיג איז, אז אויף דער מאראל זאל מען יע עובר זיין — מען קען דאך זי ניט איבערלאזען אן אל־טע מויד, אן עקרה! מען דארף האָבען, אז מענשען זאלען די מאָ־ראל פון מויל ניט ארויסלאזען; די קולות פערטויבען די געזעל־שאפט און לאזען איהר ניט דערהערען דעם אמת. ווען מען זאל אנווארפען אין טייך א מאסע קליינע שפּענדלעך, קען דורכשווימען צווישען זיי, אונבעמערקט פאר'ן אויג, א גרויסער באלקען. אדער אזא מעשה: ווען איהר האָט ניט־פּארזיכטיג ארויסגעשלעפּט דעם טייסטער פון אייער שכנ'ס קעשענע, און גראד אין דער צייט האָט איהר צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דעם ארומיגען עולם צו א קליינעם קישעניקעל, וועלכער האָט אוועקגעלאטכענט א הייפעל ניס, — דאס קען אייך ראטעווען פון א מיאוס'ען סקאנדאל. מען דארף נאר, אז איהר זאלט שרייען וואָס העכער: כאפּט דעם גנב! אונזער ביורא בעשעפטיגט זיך דערמיט, וואָס מיר בעשאפען א מאסע קליינע סקאנדאלען כדי צו פערשטעלען דורך זיי די גרויסע פערברעכען.

ער האָט אבגעזיפצט, זיך אנידערגעשטעלט אין מיטען שטוב און א מינוט געשוויגען.

— צום ביישפיל, אין שטאדט פערשפרייט זיך א קלאנג, דאס איינער א בכבוד'ער בעל הבית שלאגט זיין פלונית'טע. דאס ביורא הייסט אונז די מינוט, כ'מיין מיר און א פּאָר אנדערע אנגעשטעל־טע, אנצוקלאפּען די זייטען אונזערע אייגענע ווייבער. ווי די מעשה איז, טוען מיר וואס מען הייסט אונז. די ווייבער ווייסען, פער־שטעהט זיך, דעם סוד און געוואלדעווען אויף וואס די וועלט שטעהט. מיט די סקאנדאלען ווערען פול אלע צייטונגען. און אין דעם טומעל, וואס די ווייבער האָבען אנגעמאכט, פערגעסט מען דערווייל פון יענע סלוכען, ס'הייסט דעם מיאוס'ען בעגעהן זיך פון בכבוד'ען בעל־הבית מיט זיין ארימער פלונית'טע. וואס פאר א ווערדע, אימשטיינס געזאגט, האָבען סלוכען, ווען איהר האָט פאר די אויגען פאקטען, אמת'ע פאקטען? אדער: דער עולם פאנגט אן צו רעדען וועגען א פּאָר סענאטארען, וועלכע האָבען כלומר'שט גענומען לאפּקע. וואס־זשע טוט דאס ביורא? מיר זעהן אריינצו־שטעקען לאפּקע אייניגע פאליציי־בעאמטע, און געהן באלד ארויס פאר'ן פּובליקום מיט א טראסקעדיגער בעשולדיגונג: די פּאליציי האָט זיך געלאזט אונטערקויפען! און די סלוכען וועדען ווידער א מאָל פערשוואונדען ביים ארויסטרעטען פון אזעלכע הימעל־שריי־ענדיגע פאקטען. אַן אריסטאָקראטעל האָט בעליידיגט א פרוי. און אויפ'ן צווייטען טאג דערהערט איהר שוין, ווי אין די קאפעס, אין די גאסען זיינען בעליידיגט געווארען צעהנדליגע פרויען. די מיאוס'ע געשיכטע, וואס דער אריסטאקראטעל האָט אבגעטון, ווערט אין אלעמען איינגעשלונגען פון די צעהנדליגע מיאוס'ע מעשים פון דעם זעלביגען סאָרט. און אזוי איז דאס כסדר, תמיד. א גרויסע גנבה ווערט פערשאטען דורך קופּעס קליינע גנבה'לעך, און איבערהויפּט אלע גרויסע פערברעכען ווערען פערשטעלט פון דער וועלט דורך גאנצע בערג קלייניגקייטען. אט דערין בעשטעהט דאס די טעטיגקייט פון ביוראָ.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, האָט פארזיכטיג א קוק גע־

טון אין גאס, דערנאך זיך ווידער אוועקגעזעצט אויפ׳ן שטול און מאריך געווען מיט אן אראבגעלאזענער שטימע:

— דאס ביורא בעשיצט די העכערע קלאס פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט פון דעם פאלק׳ס משפט. און אין דער אייגענער צייט, דורך זיינע אייביגע געוואלדען, דאס מען איז עובר אויף די געזעץ פון מאראל, פערדולט מען דעם פאלק די מוחות מיט קליינינקע סקאנדאלען, וואס ווערען אוממישנע ארגאניזירט אום צו בעדעקען די אויסגעלאסענהייט פון די רייכע. דאס פאלק געפינט זיך די גאנצע צייט בעטויבט, פערבלענדט, היפנאטיזירט; דאס האט קיין מינוט צייט ניט א טראכט צו טון זעלבסטשטענדיג און הערט זיך נאר צו צו די מעשיות, וואס די צייטונגען דערצעהלען איהם. און וועמען געהערען די צייטונגען? די מיליאנערען. און ווער האט געגרינדעט דאס ביורא? די זעלביגע מיליאנערען... איהר פערשטעהט? דאס איז זעהר א פיינער איינפאל!...

ער איז אנטשוויגען געווארען און האט זיך פערטראכט, טיעף פערבויגענדיג דעם קאפ.

— א דאנק אייך! — האב איך געזאגט צו איהם. — איהר האט מיר מיטגעטיילט א סך אינטערעסאנטע זאכען.

ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און מיט פער׳מרה־שחורה׳טע אויגען אויף מיר א קוק געטון.

— יע־ע, דאס איז אינטערעסאנט, אודאי אינטערעסאנט! — האט ער ארויסגערעדט לאנגזאם און פערטראכטערהייט. — אבער דאס הויבט מיר שוין אן צו ווערען איבערדריסיג. איך בין א פאמיליען־מאן; מיט דריי יאהר צוריק האב איך זיך אויסגעבויט אן אייגען הייזעל... מיר ווילט זיך א ביסעל אויסרוהען. מיין מלאכה איז א שווערע. אויפצוהאלטען אין דער געזעלשאפט דרך ארץ פאר די געזעץ פון מאראל — אך, מיין פריינד! איהר מעגט מיר גלויבען, אז דאס איז נישט לייכט. אט זעהט נאר: פאר מיר איז ספירט דער טויט. אבער איך מוז זיך אנ׳שיכור׳ען ווי א דבר אחר... איך האב האלט מיין פרוי און דאס שטיל פאמיליען־לעבען. און איך מוז זיך ארומשלעפען איבער די קאפעס, מאכען

סקאנדאלען... און תמיד זיין בעשריבען אין די צייטונגען... אפילו אונטער א פרעמדען נאמען, אבער פּאַרט... ווען ניט איז וועט דאָך מיין אמת'ער נאמען ארויס אָפען, ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער, און דעמאָלט... וועט מען דארפען מאכען פלטה פון שטאָדט... איך נויטיג זיך אין א גוטער עצה... איך בין געקומען צו אייך צו פרעגען אייער מיינונג וועגען מיינעם א געשעפט... זעהר א פערפּלאָנטערטע געשיכטע!

— רעדט! — האב איך פאַרגעשלאָגען.

— פערשטעהט איהר מיך, — האָט ער אָנגעפאנגען, — פאר דער לעצטער צייט האָט זיך פערשפּרייט א נייע מאָדע צווישען די אריסטאָקראטישע קלאסען אין די דרום־שטאאטען: זיי לעבען מיט נעגערשע מיידלעך... מיט צוויי און מיט דריי אויף א מאָל. וועגען דעם האָט מען שוין גענומען רעדען. די ווייבער זיינען ניט צופרידען מיט די פיינע מעשים פון זייערע מענער. אין א פּאָר צייטונגען האבען שוין פרויען אריינגעשיקט בריוולעך, וואו זיי דערצעהלען באריכות, וואס די מענער טוען. עס קען מעגליך ארויס א גרויסער סקאנדאל. דאס ביורא האט זיך די מינוט גענומען, ווי זיין שטייגער איז, צו אָרגאניזירען „קאָנטר־פאקטען“ (אזוי הייסט דאס ביי זיי). דרייצעהן אגענטען, און איך אויך דערינען, דארפען זיך תיכף פערזאָרגען מיט שווארצע פּאָלובויניצעס. צו צוויי און אפילו צו דריי אויף א מאָל...

ער האט נערוועז א שפּרונג געטון פון שטוהל, צוגעלעגט די האנד צו דער קעשענע פון ראָק און מודיע געווען:

— איך קען דאס ניט טון! איך ליעב מיין פרוי... און זי וועט דאס מיר ניט דערלאָזען, אָט דאס איז דער עיקר! און אגב —וואָלט כאטש געווען איינע!

— זאָגט זיך אב! — האב איך אן עצה געגעבען.

ער האט געוואָרפען אויף מיר א בליק פון רחמנות.

— און ווער וועט מיר בעצאהלען די 50 דאלאר א וואָך? און די באזונדערע בעלוינונג אין פאל פון ערפאָלג? ניין, די עצה לאָזט זייט מוחל פאר זיך... דער אמעריקאנער זאגט זיך ניט אב

פון געלד אפילו אויף מאָרגען נאָך זיין טויט. ניט עפּיס אַנאַנדער עצה.

— מיר איז שווער! — האב איך געזאָגט.

— הם! פאַר וואָס זאָל איך זיין שווער? איהר, איירא־פּייער, זייט זעהר לייכטזיניג אין די פראַגען פון מאָראַל... אייער אויסגעלאַסענהייט איז אונז גוט בעקאַנט.

ער האט דאָס ארויסגערעדט מיט דער שטייפער איבערציי־גונג, אז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז אונבעדינגט אמת.

— אָט וואָס, — האט ער מאַריך געווען, זיך איינבויגענדיג צו מיר, — וואָהרשיינליך האט איהר דאָ בעקאַנטע איירא־פּייער? איך בין זיכער, אז יע...

— אויף וואָס דאַרפט איהר זיי? — האט איך א פרעג געטון.

— אויף וואָס? — ער איז אבגעגאַנגען פון מיר און זיך אנידערגעשטעלט אין א דראַמאַטישער פּאָזע. — איך קען בשום אופן ניט נעהמען אויף זיך דעם עסק מיט די נעגערקעס. זאָגט איהר אליין: ערשטענס, וועט מיר די פרוי ניט דערלאָזען; און ווידער האב איך זי טאַקי האָלט, מיין פרוי מיין איך. ניין, איך קען ניט — און פּטור.

ער האט אן ענערגישען טרייסעל געגעבען מיט׳ן קאָפּ, דורכ־געפיהרט מיט דער האנד איבער׳ן פּליך און מאַריך געווען מיט א חניפה־טאָן:

— אפשר וואָלט איהר מיר געקענט פאַר׳ן געשעפטעל רעקאָ־מענדירען עפּיס אן איירא־פּייער? זיי לייקענען אב די מאָראַל סיי ווי סיי, טאָ וואָס־זשע אַרט זיי? גיט מיר אימיצען פון די אָרימע עמיגראַנטען, האַ? איך בעצאָהל צעהן דאָלאַר א וואָך, גוט? געהן איבער די גאַסען מיט די נעגערקעס — דאָס נעהם איך אויף זיך. דערהויפּט וועל איך טון אַלץ אליין; ער דאַרף נאָר זעהן, עס זאָלען געבאָרען ווערען קינדער... די פראַגע דאַרף פערענטפערט ווערען טאַקי היינט אָוועגד. איהר שטעלט זיך נאָר פאָר, ס׳ארא סקאַנדאַל עס קען זיך דאָס פאַנאַנדערברענען, ווען

מען זאָל דעם פייער אין די דרום־שטאטען ניט פערשיטען אין דער צייט מיט כל המיני שמאטעס! אין די אינטערעסען פון דעם נצחון פון מאָראַל — איז נויטיג זיך צוצואיילען...

... ווען ער איז אנטלאָפען פון צימער, בין איך צוגעגאַנגען צום פענסטער און האב צוגעלעגט צו דער שויב אבצוקיהלען די האנד מיינע, וואס האט מיר גוט וועה געטון נאך א בעריהרונג מיט זיין שארבען.

ער איז געשטאנען אונטען אויף דעם טראָטואר און עפּיס געמאכט צו מיר מאָדנע מיט די הענד.

— וואס פערלאנגט איהר? — האב איך א פרעג געטון, עפנענדיג דאס פענסטער.

—איך האב פערגעסען ביי אייך מיין קאפעליוש! — האט ער געזאגט מיט עניוות.

איך האב אויפגעהויבען פון דר'ערד דעם קאפעליוש און איהם ארויסגעוואָרפען אין גאס. און בעת איך האב געהאלטען אין פערמאכען דאס פענסטער, האָב איך דערהערט די פראגע אין א נעשעפטסמעסיגען טאָן:

— און אז איך וועל געבען פופצעהן דאלאר א וואָך? הא? דאס איז א גוטער מקח!

חבר.

חבר.

1

אלץ אין דער דאָזיגער שטאָדט איז געווען משונה׳דיג, אלץ איז געווען אונפערשטענדליך. א מאסע קלויסטערס האָבען געהויבען אין הימעל אריין זייערע העלע, קאָלירטע קעפּ, אָבער די ווענד און די קוימענס פון די פאבריקען זיינען העכער געווען פון די גלאָק־טורעמס. און דערשטיקט דורך די שווערע געביידעס פון די געשעפטס־הייזער זיינען די קלויסטערס פערלאָרען געווען אין דעם טויטען נעץ פון די שטיינערנע ווענד, ווי פאנטאסטישע בלומען אין שטויב און אין מיסט פון חורבות. און ווען די גלאָקען האָבען גערופען תפילה טון, פלעגען די קופּערנע געשרייען זייערע ארויפפויזען אויף די אייזערנע דעכער און מאכטלאָז פערשוואונדען ווערען אין די שמאָלע לעכער צווישען די הייזער.

די הייזער זיינען געווען הויכע און ברייטע און אָפטמאָל שיינע, די מענשען — העסליכע פערזעהעניסען און אלע מאָל קלענליך־קליינליכע. פון אין דער פריה ביז ביי נאכט זיינען זיי פערהאוועטע, ווי מייז, ארומגעלאָפען איבער די שמאָלע קרומע גאסען פון דער שטאָדט און געזוכט מיט זשעדנע אויגען: איינע — ברויט, די אנדערע — אונטערהאלטונגען; די דריטע זיינען געשטאנען אויף די ווינקלעך גאסען און שטריינג, פיינדליך אכטונג געגעבען, אז די שוואכע זאָלען אָהן א פּיפּס פון פּראָטעסט פערבלייבען אין דעם רשות פון די שטארקע. שטארקע האָבען געהייסען די רייכע; אלע האָבען געגלויבט, אז נאָר געלד גיט דעם מענשען מאכט און פרייהייט. אלע האָבען געגארט נאָך מאכט,

ווייל אלע זיינען געוועז שקלאפען; דער לוקסוס פון די רייכע האט ארויסגערופען קנאה און שנאה ביי די ארימע; קיינער האט ניט געוואוסט פון א זיסערער מוזיק אלס דער קלאנג פון גאלדערנע מטבעות, און דערפאר איז איינער דעם צווייטען געוועזן א דם שונא, און אלעמענ'ס הערשער און אויבערהאר איז געוועזן אכזריות.

איבער דער שטאדט האט צייטענווייס געלויכטען די זון, אבער דאס לעבען איז תמיד געוועזן חשך, און די מענשען האבען אויס־געזעהען ווי שאטענס. ביי נאכט פלעגען זיך אנצינדען א סך פרייליכע פייערלעך, אבער דעמאלט פלעגען ארויס אין די גאסען הונגעריגע פרויען פערקויפען פאר געלד די לאסקעס זייערע; פון אומעטום האט געשלאגען אין די נאזלעכער דער פעטער גערוך פון פערשידענע עסענס; פון יעדען ווינקעל האבען שטום און זשעדנע געפינקעלט די בייזע אויגען פון די הונגעריגע; און איבער דער שטאדט האט שטילערהייט געשוואומען א פערשטיק־טער קרעכץ פון אומגליק, און דאס האט קיין כח ניט געהאט עפיס דורך א הויכען געשריי צו דערמאנען פון זיך.

אלעמען האט זיך געלעבט אומעטיג און אונרוהיג; אלע זיינען געוועזן אי שונאים, אי שולדיגע; נאר זעלטען ווער האט זיך געהאלטען פאר גערעכט, אבער די טאקי זיינען געוועזן גראב ווי ווילדע חיות, און זייער גרויזאמקייט האט קיין שיעור ניט געהאט...

אלע האבען געוואלט לעבען, און קיינער האט ניט געוואוסט ווי מען פיהרט אים פריי דעם אייגענעם ווילען; קיינער האט דאס ניט געקאנט טון... און יעדער טריט ווייטער, אין דער צוקונפט, האט ניט ווילענדיג געצוואונגען זיך אומצוקוקען צו דער געגענ־ווארט. און זי, די געגענווארט, האט מיט איהרע מעכטיגע און אייזערנע לאפעס פון א זשעדנער חיה רעה אבגעשטעלט דעם מענ־שען אין מיטען וועג און איהם ארייגעזויגען אין איהרע קלעבע־דיגע ארעמס.

מיט אן אומעט אין הארצען, פערלעגען און אבהענגדיג, פלעגט דער מענש שטעהן פאר'ן העסליך - איבערגעקרימטען געזיכט

פונ'ם לעבען. מיט טויזענדער אויגען, הילפלאָזע, טרויעריגע, האָט דאָס געקוקט צו איהם אין הארצען אריין, און עפּעס פערלאנגט, געבעטען... און דעמאָלט פלעגען אָבשטארבען אין דער נשמה די ליכטיגע געשטאלטען פון דער צוקונפט; א קרעכץ פון מאכטלאָזיגקייט פלעגט אָבהילכען אין דער נאכט און דערטרונקען ווערען אין דעם צוריסענעם כאָר פון די קרעכצען און וועה־געשרייען, וואָס עס האָבען ארויסגעלאָזט אלע קלעגליכע, אלע אומגליקליכע, אלע פון דעם לעבען פערמוטשעטע מענשען.

שטענדיג איז געווען אומעטיג, שטענדיג אונרוהיג, צייטענווייס פלעגט אָנפאלען א שרעק; און ארום די מענשען איז געשטאנען אונבעוועגליך, אָבווארפענדיג די לעבעדיגע שטראלען פון דער זון, אָט די תפיסה — די פערכמארעטע, פינסטערע שטאָדט, די שווערע קופּעס שטיינער, פאנאנדערגעלייגטע מיט אן עקעלהאפטער רעגעלמעסיגקייט, שטיינער, וואָס האָבען די קלויסטערס איינגעשלונגען.

און די טענער פון דער לעבענס־מוזיק זיינען געווען — דער פערשטיקטער געשריי פון וועהטאָג און בייזקייט, דאָס שטילע שעפּטשען פון בעהאלטענעם האס, דאָס שרעקענס־בולען פון גרויזאמקייט, דער ליידענשאפטליכער קוויטש פון געוואלט...

2

אין דער פינסטערער האוועניס פון צרות און אומגליק; אין דעם קאָנוואולסיען־שטרייט פון נויט און זשעדניקייט; אין דעם זומפּ פון קלעגליכער זעלבסט־ליעבע; איבער די קעלער־שטיבער פון די הייזער, וואו עס האָט געוואוינט די אָרימקייט, וועלכע האָט בעשאפען די עשירות פון שטאָדט, — זיינען ארומגעגאנגען אונגעזעהענערהייט עלענדע טרוימער, — פול מיט גלויבען אין מענשען, אלעמען פרעמד, פון אלעמען ווייט, די פּרעדיגער פון אויפשטאנד, די שטורעמדיגע פונקען פון דעם ווייטען פייער פון אמת. בשתיקה האָבען זיי געבראכט מיט זיך אין די קעלער־שטיבער די קליינע פרוכטבארע זריעות פון דער איינפאכער און גרויסער

לעהרע. און דאָ שטרענג, מיט א קאַלטען גלאַנץ אין די אויגען, דאָ ווייך און מיט ליעבשאפט האָבען זיי אָט דעם קלאָרען ברענענדיגען אמת געזייט אין די פינסטערע הערצער פון מענשען־שקלאפען, פון מענשען, וואס די מאכט פון די זשעדנע און דער ווילען פון די גרויזאמע האָט זיי פערוואנדעלט אין בלינדע און שטומע ווערקצייג פון דער פראָפיט־מאכעריי.

און די דאָזיגע מענשען, מיט א פינסטערען און דערשלאָגענעם מוח, האָבען זיך צוגעהערט אין ספקות צו דער מוזיק פון די נייע ווערטער, וואס לאנג שוין, ווי דורך א חלום, האָט נאָך זיי געגאַרט זייער קראנק הארץ. ביסלעכווייז האָבען זיי גענומען אויפהויבען די קעפּ און פאנאנדעררייסען די פּעטליעס פון די געשייטע שקרים, מיט וועלכע עס האָבען זיי פערפּענטעט די מעכטיגע און זשעדנע געוואלט־טוער.

אין זייער לעבען, אָנגעפילט מיט א פערבאָרגענעם כעס, אין די הערצער, פער׳סמ׳ט מיט הונדערטער קריוודעס, אין דעם פערשטאנד, פערמיסטיגט מיט די העל־אויסגעפּארבטע ליגענס פון דער חכמה פון די שטארקע, אָט אין דאָס שווער, טרויעריג לעבען, דורכגעווייקט מיט דער גאַל פון בעליידיגונג, — האָט מען אריינגעוואָרפען דאָס איינפאך, ליכטיג וואָרט:

— חבר!...

דאָס וואָרט איז ניט געווען פאר זיי ניי. זיי האָבען עס פריהער געהערט און אליין אויך ארויסגערעדט. דאָס האָט אָבער געקלונגען ביז אהער אלס א פוסטער, טעמפּער קלאנג, אזוי ווי אלע בעקאנטע, אָבגעמעקטע ווערטער, וואָס מען קאָן פערגעסען און — גאָר נישט פערלירען דערביי.

אָבער העל און קרעפטיג האָט דאס געקלונגען יעצט, גאר ניט דער קלאנג וואָס א מאָל. אנאנדער נשמה האָט אין איהם געזונגען; עפּעס אזוינס איז געווען אין איהם, וואָס האָט געהאט די שטייפקייט, און דעם גלאנץ, און די פיעל־זייטיגקייט פון א דימענט... די מענשען האָבען אויפגענומען דאָס וואָרט און עס אָנגעהויבען ארויסצורעדען פאָרזיכטיג, אָבגעהיט, צו וויגען עס אין

זייער הארצען ווייך און צארט, ווי א מוטער, וואָס וויגט אין וויגעלע איהר ניי־געבאָרען עופ'עלע, פון וועמעס פנים'ל זי קען די אויגען ניט אָברייסען.

און וואָס טיעפער זיי האָבען ארייגגעקוקט אין די ליכטיגע נשמה פון דעם וואָרט, האָט דאָס זיי אויסגעוויזען אלץ ליכטיגער, אלץ בעדייטענדער, אלץ העלער.

— חבר! האָבען זיי געזאָגט.

און זיי האָבען געפיהלט ביי זיך, אז דאָס וואָרט איז געקומען אום צו פעראייניגען די גאנצע וועלט, אום אויפצוהויבען אלע מענ־שען אויף דער הויכקייט פון פרייהייט און צו פערבינדען זיי מיט א נייעם באנד, מיט'ן שטייפען באנד פון רעספעקט פאר'ן מענ־שענ'ס פרייהייט צוליעב זיין פרייהייט.

ווען דאָס וואָרט איז איינגעוואקסען געוואָרען אין די הערצער פון די שקלאפען, האָבען זיי אויפגעהערט צו זיין שקלאפען, און האָבען איין מאָל א זאָג געטון דער שטאָדט און אלע איהרע קרעפטען דאָס גרויס מענשליך וואָרט:

— איך וויל ניט!

דעמאָלט האָט זיך דאָס לעבען אָבגעשטעלט, ווייל אָט זיי זיינען דאָס געווען די קראפט, וואָס האָט געטריבען דאָס לעבען, זיי און מעהר קיינער ניט. עס האָט זיך אָבגעשטעלט דאָס פלי־סען פון וואסער, דאָס פייער האָט זיך פערלאָשען, די שטאָדט איז איינגעוויקעלט געוואָרען אין א געדיכטע פינסטערניס און די שטארקע זיינען ווי קליינע קינדער געוואָרען.

אן אימה האָט פערכאפט די נשמות פון די געוואלט־טוער. און זיך שטיקענדיג אין דעם גערוך פון זייער אייגענעם מיסט, האָבען זיי דערוואָרגען אין זיך דעם כעס אויף די רעוואָלטירטע, אין שרעק פאר זייער מאכט, וואָס זיי האָבען גאָר ניט בעגריפען.

די געשטאלט פון הונגער האָט זיך זיי אוועקגעשטעלט פאר די אויגען, און די קינדער זייערע האָבען געוויינט אין דער פינסטער.

די הייזער און די קלויסטערס, פערוויקעלטע אין חשך, האָ־בען זיך צונויפגעגאָסען אין א לעבלאָזען כאאָס פון שטיין און איי־

זען. א שטילקייט ווי פאר א שטורם האָט פערגאָסען די גאסען מיט איהר טויטער נאסקייט. עס האָט זיך אָבגעשטעלט דאָס לעבען, ווייל די קראפט, וואָס עס בעשאפט דאָס לעבען, איז צום בעוואוסטזיין געקומען, און דער שקלאף — דער מענש האָט געפונען דאָס כשוף־וואָרט, דאָס אונבעזיגבארע וואָרט, וואָס דריקט אויס זיין ווילען, האָט זיך בעפרייט פון יאָך און דערזעהן בעשיינפערליך די מאכט זיינע, די מאכט פון בעשעפער.

די טעג זיינען געוועזן טעג פון אומעט פאר די שטארקע, פאר די, וואָס האָבען זיך געהאלטען פאר די הערשער פון לעבען; די נעכט — יעדער איינע האָט אויסגעזעהן ווי טויזענד נעכט: אזוי דיק איז געווען די פינסטערניס, און אזוי בעטלעריש־קארג און שרעקעדיג האָבען געפינקעלט די פייערלעך אין דער טויטער שטאָדט. און אָט זי, די שטאָדט, וואָס איז בעשאפען געוואָרען דורך די ארבייט פון דורות; די חיה רעה, וואָס האָט זיך גענעהרט מיט'ן מענשליכען בלוט, האָט זיך דעמאָלט אוועקגעשטעלט פאר זיי אין איהר גאנצער העסליכער נישטיגקייט, — א קלעגליך בערגעל פון שטיין און האָלץ. קאלט און פערפינסטערט האָבען געקוקט אין גאס אריין די בלינדע פענסטער פון די הייזער, און איבער די גאסען זיינען מונטער ארומגעגאנגען די אמת'ע בעלי־בתים פון לעבען. זיי זיינען אויך געווען הונגעריג, און פיעל מעהר פון די איבעריגע; נאָר הונגער איז פאר זיי קיין נייעס ניט געווען, און די יסורים פון זייער גוף האָבען ניט געברענט אזוי שטארק ווי די יסורים פון יענע, פון די בעלי־בתים פון לעבען, און דאָס האָט ניט געלאָשען דאָס פייער פון זייערע נשמות. זיי זיינען געווען אָנגעצונדען מיט'ן בעוואוסטזיין פון זייער מאכט, אין די אויגען ביי זיי האָט געברענט דער קומענדיגער נצחון. זיי זיינען געגאנגען איבער די גאסען פון דער שטאדט, פון זייער ענגער און פינסטערער תפיסה, וואו מען האָט זיי בעגאָסען מיט פעראכטונג, וואו מען האָט אָנגעפילט די נשמות זייערע מיט קריוודעס, — און זיי האָבען געזעהען די גרויסע בעדייטונג פון זייער ארבייט, און דאָס האָט אין זיי געהויבען די בעוואוסטזיניגקייט,

אז זיי האָבען דאָס הייליג רעכט צו זיין די בעלי־בתים פון לעבען, זיינע געזעצגעבער און זיינע בעשעפער. און מיט א נייער קראפט, מיט א פערבלענדענדער העלקייט, האָט זיך פאר זיי דעמאָלט אנידערגעשטעלט דאָס וואָרט פון שאפונג און פעראייניגונג:

— חבר!

צווישען די פאלשע ווערטער פון דער געגענוואַרט האָט דאָס געקלונגען אלס א פרייליכע בשורה פון דער צוקונפט, א בשורה פון דעם נייעם לעבען, וואָס איז געלעגען אָפּען פאר אלעמען גלייך דאָרטין פאָראויס... ווייט צו נאָהענט? זיי האָבען געפיהלט, אז דאָס ווענדט זיך אָן זייער ווילען: אליין דערנעהנטערען זיי זיך צו דער פרייהייט, און אליין דערווייטערען זיי איהר אָנקומען.

3

די גאסען־פרוי, וואָס איז נאָך נעכטען געווען א האלב־הונגעריגע בהמה און מיט א געפּאלענעם הארצען געוואַרט אויף דעם בלאָטיגען טראָטואר, ביז וואנען אימיצער וועט קומען צו איהר און פאר א קליינע מטבע גראָב קויפען די געצוואונגענע לאסקעס, — אויך די גאסען־פרוי האָט געהערט אָט דאס וואָרט; אָבער זי האָט געשמייכעלט, א פערשעמטע, און ניט געקענט פועל'ן ביי זיך אליין דאָס וואָרט ארויסצורעדען. צו איהר איז צוגעגאנגען א מענש, וואָס זי האָט אזוינע ווי ער ניט באגעגענט ביז דעם טאָג; ער האָט איהר ארויפגעלעגט די האנד אויף דער פּלייצע און געזאָגט צו איהר מיט'ן לשון פון אן אייגענעם:

— חבר!

און זי האָט געלאכט שטיל און שעמעוודיג; זי האָט מורא געהאט זי זאָל זיך ניט פאנאנדערוויינען פון דער פרייד, וואָס איהר בעשפיגען הארץ האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט. אין די אויגען איהרע, וואָס האָבען געוויינליך חוצפה'דיג און הונגעריג געקוקט אויף דער וועלט מיט דעם טעמפּען בליק פון א בהמה, האָבען יעצט געפינקעלט טרערען פון דער ערשטער ריינער פרייד. אָט די פרייד פון די פערשטויסענע, וועלכע האָבען זיך אָנגעקניפּט אָן

דער גרויסער פאמיליע פון די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, האָט געבלישטשעט אומעטום אין די גאסען פון שטאָדט, און די פערטונקעלטע אויגען פון די הייזער האָבען זיך צוגעקוקט צו דער פרייד וואָס ווייטער אלץ מיט מעהר רשעות, אלץ מיט מעהר קאלטקייט.

דער בעטלער, וואָס נאָר זיך פון איהם אָבצוטשעפען האָט מען איהם נעבטען צוגעוואָרפען א קלעגליכע קאָפּיקענע מטבע, דערווערט פון נגיד'עשען רחמנות, — ער האָט אויך געהערט אָט דאָס וואָרט, און דאָס איז געווען פאר איהם די ערשטע נדבה, פון וועלכער זיין עלענד הארץ, צונאָגט פון אָרימקייט, האָט א ציטער געטון מיט'ן געפיהל פון דאנקבארקייט.

דער דראָשקאר, א טשיקאווער קערל, וואָס די בעלי־בתים פלעגען איהם אימער־צו שטורכען אין רוקען כדי ער זאָל איבער־געבען די דאָזיגע סטוסאקעס זיין הונגעריגען פערמאטערטען פער־דעל, אָט דער פיעל מאָל געשלאָגענער מענש, וועלכער איז פער־דולט געוואָרען פון דער קלאפעריי פון די רעדער איבער'ן שטיינער־נעם ברוק, — ער אויך האָט מיט א ברייטען שמייכעל געזאָגט צום פוסגעהער:

— צופיהרען, הא?... חבר...

האָט געזאָגט — און זיך באלד דערשראָקען. ארייגגענומען די לייצעס אין די הענד, עפּיס ווי צוגעגרייט זיך שנעל אוועקצו־פאָהרען, און געקוקט אויפ'ן פוסגעהער. א שמייכעל פון פרייד איז געווען צוגאָסען בשעת מעשה אויף זיין ברייטען, רויטען פּנים, און דעם שמייכעל האָט ער ניט געוואוסט ווי צו בעהאלטען.

דער פוסגעהער האָט צו איהם א וואָרף געטון א פּאָר גוטמור־טיגע אויגען און געענטפערט צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ:

— א דאנק, חבר. איך וועל דערגעהן צופוס, נישט ווייט.

— אוי דו, מאמע זיסע!... — האָט דער דראָשקאר ארויס־געשריען, א בעגייסטערטער, זיך גענומען דרעהען אויף די קאָז־לעס און ברייט, פול שמחה פינטלענדיג מיט די אויגען, איז ער ערגיץ אוועקגעפאָהרען מיט א קלאפעריי און א געשריי.

רעדלעך מענשען זיינען געגאנגען איבער די טראָטואַרען, און אַלץ עפּטער פלעגט א פינקעל טון צווישען זיי דאָס גרויס וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך די שליחות צו פעראייניגען די וועלט:

— חבר!

דער פּאָליציי־בעאמטער, מיט וואָנסען, אַן אָנגעבלאָזענער און א פער'מרה־שחורה'טער, איז צוגעגאנגען צו א רעדעל מענשען, וואָס איז געשטאַנען צונויפגעפּרעסט אויפ'ן ווינקעל גאס לעבען א זקן א רעדנער, האָט זיך א ווײַלע צוגעהערט צו יענעם'ס ווער־טער און ניט איילענדיג ארויסגערעדט:

— צו פערזאמלען זיך איז ניט ערלויבט... געהט זיך פאַ־נאנדער, מיינע הערען...

און אין א סעקונדע ארום האָט ער ארונטערגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און א זאָג געטון שטילער:

— חברים...

אויף די געזיכטער פון יענע, וואָס האָבען געטראָגען אָט דאָס וואָרט אין זייערע הערצער, וואָס האָבען אריינגעלעגט פלייש און בלוט אין דעם הילכיגען מעטאלענעם קול קורא צו פעראייניגען זיך, אויף זייערע געזיכטער האָט אָבגעשטראַלט דאָס שטאָלצע געפיהל פון יונגע בעשעפער. און ס'איז קלאָר געווען, אז די קראפט, וואָס זיי האָבען אריינגעלעגט מיט א פולער האנד אין דאָס לעבעדיג וואָרט, וועט קיינער ניט זיין שטארק גענוג צו פער־ניכטען, צו בעזיעגען און אויסצושעפּען.

געגען זיי האָבען זיך שוין גענומען פון ווייטען צונויפ־קלייבען גראַע בלינדע מאסען פון בעוואפענטע מענשען, און זיך אויסשטעלען טויט־שטיל אין גלייכע רייהען. דאָס האט די רשעות פון די געוואלט־טוער זיך צוגעגרייט אָבצופיהרען אָן א זייט די כוואַליע פון גערעכטיגקייט.

און אין די איינגע, שמאָלע גאסען פון דער גרויסער שטאָדט, צווישען איהרע קאלטע, שווייגעדיגע ווענד, וואָס זיינען אויסגע־בויט געוואָרען דורך אונבעוואוסטע מייסטערס, איז אַלץ מעהר

און מעהר געוואקסען און צייטיגער געוואָרען דער גרויסער גלויבען פון די מענשען און דער אלגעמיינער ברידערליכקייט.

— חברים!

א מאָל דאָ, א מאָל דאָרט פלעגט זיך ארויסכאפּען א פונק פון דעם פייער, וואָס וועט אין דער צוקונפט ארומנעמען די ערד מיט דעם ליכטיגען געפיהל פון קרובה'שאפט פון אלע איהרע איינוואָהנער. די גאנצע ערד וועט דאָס ארומנעמען, און פערברענען אויף אש דאָס בייז, דעם האס און די אכזריות, וואָס פערקריפּלען אונז; דאָס וועט ארומכאפּען אלע הערצער און זיי צוזאמענגיסען אין איין איינציג וועלט־הארץ, א הארץ פון א אמת איידעלער פאמיליע פון פרייע ארבייטער, וואָס קען ניט צו־טיילט ווערען.

אין די גאסען פון דער טויטער שטאָדט, וואָס איז בעשאפען געוואָרען דורך די הענד פון שקלאַפען; אין די גאסען פון דער שטאָדט, וואו עס האָט געהערשט שלעכטס, איז געוואקסען און אלץ שטארקער געוואָרען דער גלויבען אין מענשען, דער גלויבען אין זיין צוקינפטיגען נצחון איבער זיך און איבער דער שלעכטס פון דער וועלט.

און אין דעם אונדייטליכען תהו ובהו פון דעם נישט־רוהיגען, נישט־פרייליכען לעבען האָט ווי א העלער שטערן, ווי א פייער א וועגווייזער, געפינקעלט דאָס איינפאך וואָרט, טיעף ווי דאס הארץ: — חבר! חבר!